YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i08

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 8
March 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 8)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/59

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּ לאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאָירקערס יוניאָן

Vol. I. No. 8 Price 3 cents. Friday, March 7. פרייטאג, 7טען מארטש, 1919.

ווידער אמאָל: פאר וואס דער קאמף?

אין דער לעצטער וואך זיינען די באַסעס ווידער אמאָל ארויסגעקומען מיט דער אלטער טענה, אז זיי קענען בשום אופן ניט נאכגעבען אזא משונה'דיגע פאָדערונג פון די ארבייטער, ווי צו האָבען זייערע דזשאבס פאר'ן גאנצען לעבען.

פאלש און נאריש איז די טענה פון די באסעס. מיר האָבען איהר שוין ווידערהאָלט צוגלידערט, אזוי, אז קיין גאנצער ביינדעל איז אין איהר ניט געבליבען, אָבער די באסעס גראָבען אלע מאָל אוים דעם פגר צוריק פון קבר, און שרעקען דער מיט דעם עולם.

א גרינדליכען ענטפער אויף דעם דאָזיגען בלאָף האָט געגעבען דורך דער פרעסע ב. שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער אינטערנײשאָנאל. אָט איז זיין ענטפער:

„די דרעס און וויסט־מאנופעקטשורערס אסס'ן האלט אין איין דרעהען א מוח וועגען א לעבענס־חזקה אויף דעם דזשאב, אלס איינע פון די פאָדערונגען פון דער יוניאָן. מיר האָבען ביי פארשיעדענע פריהערדיגע געלעגענהייטען באוויזען די פאלשקייט און די גרונדלאָזיגקייט פון דעם דאָזיגען בלבול. עס וועט אָבער ניט זיין איבעריג איינמאָל פאר אלעמאָל צו ברייננען דעם מת צו זיין קבורה, און זאָלען די, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין אונזער קאמף, וויסען אונזער ווירקליכע שטעלונג צו דער פראגע פון „דיסטשארדזש."

„מיר פארלאנגען ניט קיין באשטימטען טערמין פאר א דזשאב. מיר באשטרייטען ניט דאָס רעכט פון דעם ארבייטס־געבער צו סעקען ארבייטער. מיר שטעהען אָבער פאר דאָס רעכט פון „רעוויו אָוו דיסטשארדזשעס", אום ניט צו דערלאָזען צו א הפקר'דיגען, אונגערעכטען אפזאגען ארבייטער פון דער ארבייט, וואס קען זיין פון א דיסקרימינירענדען כאראקטער. אונזער שטעלונג אין דער פראגע האָט זיך ניט געביטען זייט די אנגענומענע פּרינציפּען אונטער דעם פּראָטאָקאָל־אגרימענט, וועלכער האָט עקזיסטירט אין דער דרעס און וויסט־אינדוסטריע פאר פיעלע יאהרען.

„אום צו מאכען אָט די „רעוויוס" עהרליך און אונפּארטײאיש פאר ביידע צדדים, שלאָגען מיר פאר, אז זיי זאָלען אויסגעפיהרט ווערען פון א „באָארד אָוו רעוויו", וואס זאָל באשטעהן פון איין יוניאָן־מיטגליעד, פון איין אסאָסיאיישאָן־מיטגליעד און א דריטער, אן אמפּייר. אום ניט צו דערלאָזען צו קיין פארציהונג און אום צו פארזיכערען די צוריקברייגונג פון א ניכען פריעדען אין שאפּ, וועלכער ווערט אימער צושטערט, ווען דאָס רעכט פון סעקען ווערט מיסברויכט, שלאָגען מיר פאר, אז אָט די „רעוויוס" זאָלען פארקומען אין דעם לויף פון 24 שטונדען נאכדעם, ווי די קלאגע איז אריינגעבראכט געוואָרען.

„מיר באהויפּטען, אז עס איז די ערשטע פליכט פון אן ארבייטער־ארגאניזאציע צו געבען איהרע מיטגליעדער א געוויסען גראד פון באשיצונג געגען די הפקרות פון באָס. דאָס איז, וואס מיר האָבען געשטרעבט צו טאָן אין דער פארגאנגענהייט, און דאָס איז פאר וואס מיר קעמפפען איצט פאר די 35 טויזענד פרויען, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע אין ניו יארק. ווי וויט דער צוועק אונזערער איז פון דער טשוטשעלאַ פון „א לעבענס־דזשאב", וועלכען די באסעס אסס'ן האלט אין איין אויפשטעלען און אין איין צוקלאפּען פאר איהר אייגענעם פארגעניגען, דאָס וועט יעדער עהרליך־דענקענדער מענש קענען גאנץ לייכט איינזעהן."

דאָס איז די ערקלערונג. קען זיין עטוואס קלערער? איז עס ניט קלאָר, אז קיינער וויל ניט קיין דזשאב פאר'ן גאנצען לעבען? אז די יוניאָן גיט צו, אז דער באָס האָט א רעכט צו סעקען זיינע ארבייטער, נור, אז טאָמיר סעקט ער זיי פאר דעם, וואס זיי זיינען יוניאָן לייט אדער פאר אירגענד אנאנדער אונגערעכטער אורזאכע, מוזען די געסעקטע ארבייטער צוריק אנגעשטעלט ווערען, ווען דאָס איז דער באשלוס פון אן אונפּארטײאישער קאָמיטע? קען עס זיין קלערער? פון דעסטוועגען דארפט איהר ניט זיין צו שטארק איבערראשט, אויב מארגען אדער איבערמארגען וועלען די באסעס ווידער אמאָל ארויסקומען מיט דעמזעלבען בלאָף.

די לייכטזיניגע פרוי

די לייכטזיניגע פרוי! וועלכער געמיינער בלבול דאָס איז, ווען מען באטראכט דעם בראָווען, שטאנדהאפטיגען קאמפף פון די טויזענדע פרויען פאר א שעהנערען, מענשליכערען לעבען.

זיבען וואכען שוין ווי עס שטעהען אין קאמפף די טויזענדע וויסט מייקערינס. פון קיינעם ניט געקעכעלט, ניט געשמייכעלט, און גאר אפט נאך געשלאָגען פון די באַסישע גענגסטערס, געשלעפּט אין פּריזאָן פון געזעץ־היטענדען און באס־געטרייען פּאָליסמאן, שטעהען זיי אין קאמפף שוין זיבען לאנגע וואכען, און טראכטען גארניט פון קיין אנדער זאך, ווי נור אזוי לאנג צו קעמפּפען, ביז זיי וועלען קענען זיך צוריקקעהרען אלס פאָלשטענדיגע זיגערינס. און דאָך רעדט די וועלט פון פרויען אלס לייכטזיניגע באשעפעניסע, אלס אזעלכע וואס האָבען די פּריווילעגיע צו ענדערען זייערע מיינונגען!

וואס פאר א נארישע פּלאפּלעריי דאָס איז די וועלט!

און אָט דאָס איז אויך געווען איינע פון די סבות, וואס האָבען פארפיהרט די באסעס צו זייער אומגליקליכען באשלוס ארויסצורופען אויף א דועל זייערע טויזענדע ארבייטס־פרויען.

די נארישע אומגליקליכע באסעס. זיי האָבען געאורטיילט זייערע ארבייטס־פרויען, לויט די פרויען, וועמען, צו זייער אומגליק, זיי קענען אויסער זייערע שעפער; לויט די פרויען, וועלכע העלפען זיי פארשווענדען אויף אלערליי פוסטע זאכען, אויב ניט אויף אלערליי אויסגעלאסענע הולטאיסטוועס, דאָס געלד, וואס זיי פּרעסען אוים פון זייערע ארבייטערינס; זיי האָבען זיי פארגליכען מיט יענעם סאָרט פרוי, וועלכע איז צו איהר שאנדע און אומגליק מעהר זאך, ווי מענש, און דאָס איז געווען זייער אומגליקליכסטער טעות!

זיי, די באסעס, האָבען ניט פארשטאַנען, אז עס קען גאר קיין צוגלייך ניט זיין צווישען דער אומגליקליכער, געזונקענער באשעפענים, וועלכע האָט פארלאָרען יעדען סמן פון מענשענווירדע, און איז צופרידען מיט איהר אומגליקליכער עקזיסטענץ, אלס פּאראזיט, און דער ארבייטס־פרוי, וועמעס כאראקטער איז הארט געוואָרען, ווי שטאָל, אין דער שווערער ביטערער שולע פון לעבען; דער ארבייטס־פרוי, וועלכע קוקט ניט מעהר אויף זיך, ווי אויף א שוואכעס הילפלאָזעס וועזען, וואס קען זיך גארניט א קעהר טאָן אָהן די הילף פון דעם שטארקען מאנסביל; דער ארבייטס־פרוי, וועלכע פיהלט זיך שטארק גענוג צו קענען פיהרען און אויסקעמפּפען איהרע אייגענע מלחמות!

געהט זעהט די פרויען אין זייערע היימען, ווי זיי לעבען אויף דאָס סאמע ווענינסטע, אבי נור צו באהאלטען זייער רעספּעקט פאר זיך אלס מענשען, און זייער פולסטע אונאפּהענגיגקייט! געהט זעהט זיי, ווי יעדע פרייע מינוט פון זייער ארבייט פארווענדען זיי אויף די ווייטערע אויסבילדונג פון זייער גייסט! געהט זעהט זיי אין זייער פּיקעט־ליין, אין זייערע טרעגטשעס, זעהט זיי אין זייערע מיטינג לאָקאלען, ווען זיי רעדען, ווען זיי באראטען זיך, און איהר וועט פארשטעהן וואס פאר א משוגעת עס איז געווען פון די באסעס זיך איינצורעדען, אז זיי וועלען דאָ האָבען נאר א לייכטען קאמפף, ווייל, „אומשטיינס געזאגט, די פרוי איז דאך אזא לייכטזיניגע באשעפענים, היינט פאלט איהר איין די משוגעת צו סטרייקען, סטרייקט זי. מארגען אָבער וועט זי, ווי דער שטייגער איז, חרטה האָבען, וועט זי זיך צוריק זעצען ארבייטען. וואס רעדן, דאָס זיינען עפּעס מענשען מיט א געזעצטען פארשטאנד"?

אפשר ניט אמת, באסעס, דאָס איהר האָט אזוי געטראכט און געפיהלט? אך, ווי איהר האָט עס זיך אליין גענארט! איהר וועט לאנג געדענקען אָט די לייכטזיניגע מיידלעך און פרויען.

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 8 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. ווידער אמאָל: פאר וואס דער קאמפף? דער קאמפף פון די ווהייט־גודס וואָירקערס אין פולען גאנג. די לייכטזיניגע פרוי — רעדאקציע.
זייט 2. ביי אונז אין לאנד—הלל ראגאף.
זייט 3. אינטערנאציאנאלע ארבייטער וועלט — מ. קאלטשין.
זייט 4. הייראט און מוטערשאפט — דזשערליעט סטוארט פאינטין. א סטרייק אין ניו בראנזוויק—פאניא מ. קאהן.
זייט 5. אינטערנעשאנעל קריעגס־דעפּארטמענט—ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. דער ווהייטגודס סטרייק—א סטעף רעפּארטער. קלאוקמאכער עהרענליסט. אין לאקאל 17—דזש. העללער.
זייט 7. די פרויען־וועלט—ראזע בעדריק. בילדער פון'ם וויסטמאכער סטרייק — עליאס ליבערמאן.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן).
זייט 9. סטרייק־באריכטען—לינע סימאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. די „דעקלערײשאן אָוו אינדעפּענדענס" פון די ענגלישע ארבייטער.— א. זעלדין. די פרויען־ארבייט און פרויען־וויידזשעס אין דער נאהענטער צוקונפט — ליליפוט.
זייט 12. די פּאעזיע פון אימי לאָוועל — א. גלאנץ. א חלום צורונגען (פעליעטאן) א. וואהלינער.
זייט 13. קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייט 14. זונטאג (ערצעהלונג)—אל. גוריה.
זייט 15. פון דער שיקאגאער קלאוקמאכער יוניאָן — לואיס גאלד. א בריעף פון קליוולאנד — מ. פערעלשטיין.
זייט 16. דער גלענצענדער זיעג פון ל. 41.
זייטען 17, 18, 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. אויף דער פּיקעטליין — א סטעף רעפּארטער. קארטונס פון סטרייק — ס. ראסקין.

דער קאמפף פון די ווהייט־גודס וואָירקערס אין פולען גאנג

פון אלע ערהאלטענע באריכטען וועגען דעם קאמפף פון די ווהייט־גודס וואָירקערס שיינט עס ארוים קלאָר, אז בעסער האָט מען זיך גארניט געקענט ווינשען.

די סטרייק־קאָוואליע האָט ארויסגערופען צום קאמפף אלע די וועלכע בילדען מיט זיך די שעהנע און שטארקע ווהייט־גודס וואָירקערס יוניאָן. דאָס איז נאטירליך, דאָס האָט גאר אנדערש ניט געקענט זיין. אָבער אין איהר גרויסען אימפּעט האָט די סטרייק־קאָוואליע אויך ארויסגעהויבען פון זייערע שעפּער גאר פיעלע, פיעלע, וועלכע האָבען צו דער יוניאָן פריהער ניט געהערט, און מיט זיי איז די ארמעע קעמפּפער געוואָרען נאך שטארקער.

אין די עטליכע טעג, וואס דער ווהייט גודס סטרייק געהט אָן, האָט זיך ווידערהאָלט דאָסזעלבע, וואס ביי די לײדיעס וויסט מאכער. פיעלע באסעס האָבען באלד זיך געווענדעט צו דער יוניאָן, אז זיי ווילען סעטלען.

די יוניאָן אָבער איז פארזיכטיג. סעטלען וויל זי, אָבער ריכטיג סעטלען, און מיט די ריכטיגע מענשען אויף די ריכטיגע באדינגונגען. דערפאר געהט צו דער פּראָצעס פון סעטלען עטוואס לאנגזאם. די יוניאָן איז פריהער גוט חוקר ודורש דעם אפּליקאנט, פארזיכערט זיך מיט געוויסע גאראנטיעס, און דאן סעטלט זי. אזוי האָט זי שוין געסעטעלט א היבש ביסעל שעפּער. אָבער נאך עטליכע מאָל אזוי פיעל באסעס שטעהען אין ליין. דאָס מאכט ברודער זאיאץ, וועלכער איז עס דער ממונה איבער די סעטעלמענט־ביזנעס, ניט איבעריגנס געפאלען ביי זיך.

פונקט אזוי ווייניג איז געפאלען ביי זיך ס. שאר, דער גלאָוונא־קאָמאנדיושטשי פון דער ארמעע. זיין טאָן איז פול מיט זיכערקייט פון א זיעג. ער זעהט ניט איין, ווי עס קען אנדערש זיין. אויך זעהט ער ניט איין, ווי די באסעס קענען דענקען עפּעס אויסצופיהרען דורך די פארציהונג פון קאמפף. די פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען דאך אזוי קלאָר, און עס קען פון זיי גארניט געמינדערט ווערען.

מיר זיינען געניגט צו ערקלעהרען זיך מיט איהם אין פולער איינפארשטענדניס. נאר דאָס איז ניט אזוי וויכטיג, ווי דאָס, וואס די גאנצע יוניאָן איז מיט איהם פאָלשטענדיג איינפארשטאנען, וואס דאָס איז ווירקליך די בעסטע און זיכערסטע גאראנטיע פאר א באלדיגען און פאָלשטענדיגען זיעג.

וויסטמאכער! נעקסטען מאנטאג 6:30 פריה אין וועבסטער האל צו דער פּיקעט־דעמאנסטראציע!

לעצטע ענטשיידונג פון „באארד אוו רעפעריס” אין דער קליוולאנד קלאוקמאכער סיטואציע

ווי באוואוסט, האט דער קלאוקמא־כער סטרייק אין קליוולאנד לעצטען זומער זיך געענדיגט מיט דעם וואס ביידע צדדים האבען איבערגעגעבען זייערע סכסוכים צום באארד אף רעפעריס, וועל־כער איז דאן אפאינטעט געווארען צו סעטלען דעם סכסוך צווישען דער יוניאן און דער קליוולענדער קלאוק־מאנופעקטשורערס אסס'ן. מיט עטליכע וואכען צוריק האט שוין דער באארד ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג. די פרא־גע אבער פון „בעק־פיי” איז ניט אינגאנ־צען קלאר געווען און די יוניאן האט זיך געווענדעט צו דעם באארד אוו רעפעריס נאך א מאל אויפצונעהמען די פראגע, און לעצטע וואך האט דער באארד צוגעשיקט צו פרעזידענט שלעזינגער די ענטשיידונג.

דיעזע ענטשיידונג איז געשריבען אין א טעכנישער שפראך, און מיר וועלען דא איבערגעבען דעם תמצית דערפון אין אונ־זער אייגענעם לשון. אין אונזער ענג־לישער אויסגאבע ווערט עס געדרוקט ווארט אין ווארט.

לויט דער מיינונג פונ'ם באארד, זיי־נען אויפגעהויבען געווארען דריי פראגען.

ערשטענס, אויב די ארבייטער פון די קאנטראקטארס, וועלכע באקומען פון די קלאוק־הייזער געשניטענע ארבייט, זיינען בארעכטיגט צום זעלבען בענעפיט פון בעק פיי לויט דער ענטשיידונג פון דעם באארד.

צווייטענס, אויב צו די „בעק פיי” זיינען אויך בארעכטיגט די בעל מלאכות, וואס ארבייטען פאר די סאב־קאנטראק־טארס אין די אינסייד שעפער.

דריטענס, ווער זיינען עס די הויפט־שניידער, „הער טיילארס”, וועלכע ווערען רערמאנט אין דער פריהערדיגער ענטשיי־דונג?

אויף דעם ענטפערט די ענטשיידונג, דאס אזוי ווי דער באארד האט זיך אונ־טערנומען אויסצוגלייכען דעם סכסוך מיט דער צושטימונג פון פרעזידענט שלעזינ־גער און די ניין און דרייסיג מאנופעק־טשורערס פון דער קליוולאנדער באסעס אסס'ן, באציהט זיך זייער ענטשיידונג בלויז אויף די ארבייטער וואס זיינען בא־שעפטיגט ביי יענע מאנופעקטשורערס דירעקט. און עס ווערט ווייטער געזאגט אין דער ערקלערונג פון די רעפעריס, דאס ווען זיי האבען פארהאנדעלט די פרא־גע פון „בעק פיי” פאר די ארבייטער, זיי־נען זיי געווען אונטער'ן איינדרוק, דאס האבענדיג די צושטימונג בלויז פון די באסעס פון דער אסס'ן האבען זיי דערי־בער בלויז געהאט דאס רעכט צו ענטשיי־דען פאר די ארבייטער, וואס זיינען בא־שעפטיגט דירעקט פאר דיעזע באסעס.

וועגען דעם איז דא כדאי צו באמער־קען, דאס אזוי האנדלען, אייגענטליך, אלע ארביטריישאן באארדס. ווען אין דער ניו יארקער קלאוק־סיטואציע איז געווען א באארד אוו ארביטריישאן, פלעגט זיין פונקט דאס זעלבע: דער באארד פלעגט ארויסגעבען אן ענטשיידונג האבענדיג אין זינען די ארבייטער פון די שעפער וואס באלאנגען צו די בעלי בתים פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן”, וועלכע זיינען גע־קומען מיט דער יוניאן צו דעם ארביטריי־שאן באארד פארלעגען זייערע סכסוכים. די ענטשיידונג אבער פון דעם ארביטריי־שאן־באארד איז אימער געווען מאס־געבענד פאר דער גאנצער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק. די זעלבינע רולינג איז געווען גילטיג פאר אלע אר־בייטער און אלע באסעס פון די קלאוק־שעפער. די יוניאן האט די זעלבע רולינג איינגעפיהרט אין די שעפער פון די אינ־דעפענדענט מאנופעקטשורערס אזוי גוט ווי ביי די מאנופעקטשורערס פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן”. און דאס זעלבע אויך אין די שעפער פון די קאנטראק־טארס און סאב־מאנופעקטשורערס. עס איז שוין פון לאנג צוריק פארשטאנען גע־ווארען, דאס יענע שעפער מוזען אימער נאכקומען די רולינגס וואס ווערען ארויס־געגעבען פאר די אסס'ן שעפער, די הויפט־שעפער אין דעם טרייד. און אין באצוג צו דעם דארף קליוולאנד זיך פיה־רען ווי ניו יארק און אנדערע שטעדט פיהרען זיך אין דעם זעלבען פאל.

אין דער פראגע פון „ווייזדזש־סקייל”,

גערט דער באארד אוו רעפעריס אין דער ענטשיידונג נאך ווייטער ווי עס איז גע־גאנגען דער ארביטריישאן־באארד אין ניו יארק. וועגען דעם זאגט דער באארד אויסדריקליך:

„נעהמענדיג אין אנבעטראכט, דאס די ארבייטער פון די אוטסייד שעפער זיינען בעאיינפלוסט געווארען פון באארד אוו רעפעריס און האבען זיך צו־ריקגעקעהרט ארבייטען גלייך מיט די ארבייטער פון די אסס'ן שעפער), זיינען מיר פון דער מיינונג, דאס דיעזע ארבייטער זאלען באקומען די זעלבע שכירות וואס ווערט געצאהלט צו די וואס ארבייטען אין די אינסייד שעפער און דאס לויט א ריכטיגער אויסטייטשונג פון אונזער באווילינג, ווערט פארלאנגט, דאס די (אינסייד) מא־נופעקטשורער זאלען ניט מאכען קיין קאנטראקט מיט אירגענד וועלכען אוטסייד שאפ, וואס צאהלט ניט דעם ווייזדזש־סקייל וואס איז עטאבלירט געווארען פון די רעפע־רים אין זייער ענטשיידונג. דאס — זאגט די ענטשיידונג — איז אונזער אייגענע רולינג אין דער אנגעלעגענהייט”.

דער פונקט איז גאנץ קלאר און נוי־טיגט זיך ניט אין קיינע קאמענטארען.

וועגען דער פראגע פון די „הויפט־שניידער”, אדער בעסער געזאגט, ”די אינסייד סאב־מאנופעקטשורערס אין די קליוולאנדער קלאוק־שעפער, הערט גע־זאגט אונגעפעהר פאלגענדעס:

אין דער צייט ווען פאר דעם באארד איז אנגעגאנגען דער פארהער האט זיך ארויסגעוויזען, „דאס געוויסע הויפט־שניי־דער זיינען באשעפטיגט געווארען אונ־טער אזעלכע אראנזשמענטס, וואס איז זיי ערלויבט געווען צו האלטען אויסהעלפער. דאס אין דער גאנצער שטאדט קליוולאנד זיינען געווען בלויז ארום דריי און צוואנ־ציג אזעלכע הויפט־שניידער, און דיעזע זיינען געווען די איינציגע סאב־מאנופעקטשורערס אין די אינסייד־שעפער וואס די רעפעריס האבען גענומען אין באטראכט.”

לויט די באווייזע, וואס די מאנופעק־טשורערס האבען צוגעשטעלט, — ווערט ווייטער געזאגט, — האבען דיעזע „הויפט שניידער” באקומען גוטע שכירות, צווי־שען 1.23 און 1.29 פער שטונדע, און זייער ווייזדזש־סקייל איז דעריבער ניט גע־ענדערט געווארען.

און צום שלוס פון דער איצטיגער ענטשיידונג ווערט נאך א מאל שטארק באטאנט וועגען דעם ווייזדזש־סקייל. עס ווערט געזאגט:

„די רעפעריס האבען געוואלט פעסט־שטעלען און האבען פעסטגעשטעלט דעם סקייל אוו ווייזדזשעס וואס זאל געצאהלט ווערען יעדען ארבייטער, אויב ער איז באשעפטיגט פון דעם מאנופעקטשו־רער דירעקט, אדער ער ווערט באשעפ־טיגט פון אירגענד וועלכען סאב־קאנ־טראקטאר פון זיין שאפ, און עס איז די מיינונג פון די רעפעריס, דאס אין אויס־פאלגען דעם באשלוס וועגען דעם אויס־צאהלען די סומע פון בעק־פיי, זאל יעדער ארבייטער אזעלכער באהאנדעלט ווערען פונקט ווי ער וואלט געווען באשעפטיגט דירעקט פון דעם מאנופעקטשורער. די רעפעריס זיינען אויך פון דער מיינונג, דאס דער סיסטעם פון סאב־מאנופעקטשו־רינג איז זעהר שלעכט פאר דער אינדוסטריע און זאל אומ־געביטען ווערען אזוי גיך ווי מעגליך.”

דער דאקומענט איז נע'חתמ'עט פון אלע דריי רעפעריס אין דעם באארד, נעמליך:

ערנעסט מ. האפקינס,
סעמיועל דזשיי. ראזענסאן,
דזשאהן ר. מעקליין.

צו אלע קלאוקמאכער פון הארלעם!

דער דזשאינט באארד אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וואס געפינט זיך אין 1714 לעקסינגטאן עוועניו, קארנער 107טע סטריט, איז אפען יעדען טאג ביז 8 אוהר אווענד,) שבת ביז 3 נאכמיטאג און זונטאג ביז 2 אוהר נאכמיטאג. די מעמבערס זיינען געבעטען צו קומען אפ־צאהלען זייערע דיוס און אומבייטען די יוניאן־קארדס און אויך איינצאהלען דעם דזשענעראל טעקס פאר'ן סטרייק־פאנד.

י. רובינבוים.

דער סטרייק אין בילדער

אב. באראף, דזשענ. סעק.־טרעזש. פון דער אינטערנעשאנעל לידיס גארמענטס וואירקערס יוניאן. 20 טויזענד סטרייקערס זיינען שוין מיט זיין הילף, אלס הויפט פון דער סעטלינג־קאמיטע, אין זייערע שעפער אויף זייערע אוי־גענע באדינגונגען.



עלי רייזבערג — א מענש, וואס האט גאר וויניג חן ביי־די באסעס. ער איז דער טשער־מאן פון דער האל־קאמיטע, וועלכע מושטערט אויס די קעמפפער פאר די טרענטשעס.

ער איז גליקליך צו האבען געפונען זיינע אלטע קאסטומער.

קענאן: סטרייקס ווערען געוואונען אויף דער פיקעטליין!

מיס מעטעס: די באסעס ווילען אונטער־קויפען די שאפ־טשערליידים, אבער זיי וועלען עס ניט דערלעבען!

אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער וועלט

פון מ. קאלטשין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on March 7, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act.

ללאיד דזשארדזש און די ארבייטער.

מר. ללאיד דזשארדזש, דער „זיגנרייכער פרעמיער" פון ענגלאנד, ווען ער איז אנגעקומען פון דער פרידענס קאנפערענץ, האט לכתחילה געהאלטען פייערדיגע רעדעס. ער האט אנגערופען די ארבייטער „פרייסען" און זייערע קאמפפס-מיטלען „פראשעניזם". ער האט אפילו גערעדט פון באקעמפפען די ארבייטער, אדער ווי ער האט זיך אויסגעשפראכען „טו פייט פראשעניזם". מיט דער צייט האט ער זיך אבער עטוואס אפגעקיהלט און האט שוין אזעלכע פייערדיגע רעדעס ניט געהאלטען. פארקעהרט, ער האט איינגעלאדען די פארשטעהער פון די ארבייטער אויף א קאנפערענץ, אויף וועלכער ער האט זיך געסטארעט מאכען מיט זיי שלום. דערווייל האבען די אייזען-באהן ארבייטער באשלאסען צו סטרייקען, די טראנספארט וואירקערס האבען באשלאסען צו סטרייקען און די מיינערס האבען באשלאסען צו סטרייקען. דאס זיינען די דריי גרעסטע, מעכטיגסטע יוניאנס פון ענגלאנד. מר. ללאיד דזשארדזש, דער „קעמפפענדער פרעמיער", האט דערזעהען אז די לאגע איז א שלעכטע, אז קעמפפען קען מען ניט, ווייל קעמפפען און ניט זיגען פאסט ניט. עס איז אויך געפעהרליך. וואס טוט מען אין אזעלכע פעלע? מען שטעלט אן א קאמיסיע, וועלכע זאל אונטערזוכען דעם ענין און זאל מאכען געוויסע רעקאמענדאציעס וואס צו טאן ווייטער. לכל הפחות, האט מען א „פערעדישקא", ווי לענין זאגט, מען קען זיך ארומקוקען, זעהן וואס מען האט צו טאן.

די אונטערזוכונג מוז אבער זיין א קורצע, ווייל די ארבייטער ווילען לאנג ניט ווארטען. די מיינערס ווילען א זעקס-שטונדען ארבייטס-טאג, די ארבייטער ווילען א פארגרעסערונג פון שכירות אויף דרייסיג פראצענט. די קאפיטאליסטען שרייען „געוואלד", זיי קענען עס ניט אריבערטראגען, און די ארבייטער געבען אן עצה וואס צו טאן: זאל די רעגירונג נאציאנאליזירען די אייזענבאהנען א. ז. וו. עס איז געוויס א גוטע עצה, אבער די קאפיטאליסטען זיינען מיט דער מיינונג פון די ארבייטער „ניט איינפארשטאנען". און עס קען זיין אז אין אפאר וואכען ארום וועט מר. ללאיד דזשארדזש'עס שיקזאל באשלאסען ווערען. ער איז ערוועהלט געווארען אויף א קאאליציאנס פלאטפארמע, וועלכע האט געהאט אין זיך איינינע ליבעראלע פונקטען, אבער וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען און געשטיצט געווארען פון די קאנסערוואטארען, פון די גרויסע קאפיטאליסטען, פון די לארדען, וועלכע האבען זייערע אינוועסטמענטס אין די מינען און אייזענבאהנען, און פון די באנקירען, וועלכע זיינען איבער אלעס. וועט ללאיד דזשארדזש נאכגעבען די ארבייטער אפילו אהן נאציאנאליזאציע, וועט די קאאליציע צובראכען ווערען, ווייל צו וואס דארפען די ענגלישע „טארים" א „פייטינג פרעמיער", וועלכער קען ניט פייטען פאר זייערע אינטערעסען? אויב, אבער, ער וועט די פאדערונגען פון די ארבייטער ניט נאכגעבען, וועט זיין נאך ערגער, ווייל די ארבייטער זיינען גרייט צו א ביטערען קאמפף. געוויס, מען קען טאן, וואס מען טוט געוועהנליך אין אזעלכע פעלע: מען פסק'נט חצי שלי, חצי שלך, אבער דאס מאל וועט עס זיך, ווי עס ווייזט אויס, ניט איינגעבען, ווייל די ארבייטער וועלען עס ניט דערלאזען.

אין דייטשלאנד.

די אלגעמיינע לאגע אין דייטשלאנד ווערט ערגער פון טאג צו טאג. עסענווארג ווערט וועניגער, ארבייטסלאזיגקייט גרעסער. לויט די נאכריכטען איז אין דייטשלאנד פאראן שפייזען בלויז אויף איין מאנאט און וואס וועט זיין שפעטער ווייסט מען ניט. אין געוועהנליכע צייטען האט דייטשלאנד געקענט שפייזען 95 פראצענט פון איהר באפעלקערונג, אבער איצטער איז זי ניט אימשטאנד אויסצוהאלטען אפילו 45 פראצענט, שרייבט דער קארעספאנדענט פון דער לאנדאנער „דעילי טעלעגראף". עס איז אבער מעהר ניט קיין פראגע פון פראצענטען: די גאנצע באפעלקערונג איז אין געפאהר פון הונגער. און די ארבייטער האבען ניט וואס צו טאן, ווייל קיין רויהע שטאף איז ניטא. 1,500,000 ארבייטער זיינען איצטער אהן ארבייט און וואס א טאג ווערט די צאהל פון די ארבייטסלאזיגקייט אלץ גרעסער.

ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, ווען דייטשלאנד איז באפרייט געווארען פון קייזערטום, האט דאס דייטשע פאלק געהאפט, אז אלעס וועט זיין אין בעסטען ארדער. מען האט דאך זיי ניט איין מאל פארזיכערט, אז די אליאירטע מעכטע קעמפפען ניט געגען דייטשען פאלק, נאר געגען דער דייטשער רעגירונג. דאס רעוואלוציאנערע פאלק האט געגלויבט און האט געהאפט. דיזען גלויבען און האפנונג האבען אויסגענוצט די שיידעמאנישע סאציאליסטען און די געוועזענע מאנארכיסטען. די באפעלקערונג האט געוואלט שפייז און ארבייט און די שיידעמאנס האבען פארזיכערט, אז דאס אלעס קען קומען דורך זיי, ווייל די אליאירטע רעגירונגען וועלען ניט האבען קיין פארהאנדלונגען מיט די אונאפהענגיגע סאציאליסטען און די קאמוניסטען. די באפעלקערונג האט די שיידעמאנ'ס ערוועהלט צו דער גרינדונגס פארזאמלונג, אבער די אליאירטע גיבען קיין ברויט ניט און ערלויבען ניט קיין רויהע שטאפען אריינקומען אין דייטשלאנד. פארקעהרט, יעדע טאג ארבייטען אויס די אליאירטע רעגירונגען אלץ שווערערע און שווערערע „פרידענס" באדינגונגען.

דער ארבייטער קלאס זעהט, אז ער ווערט אלץ מעהר און מעהר אונטערדריקט. ניט קיין פרייהייט און ניט קיין שפייזען; ניט קיין ארבייט און ניט קיין פרידען. די ארבייטער ווערען אלץ ביטערער און ביטערער. זיי זעהען, אז די קאאליציע מיט די בורזשואזע פארטייען האט זיי ווייניג געהאלפען. זיי זעהען, אז קאנטער-רעוואלוציאנערע קאנספיראציעס ווערען פראקטיצירט. און די ארבייטער געהען אלץ ווייטער און ווייטער לינקס. אין באהערן, סאקסאן און נאך אנדערע פלעצער האבען זיי איבערגענומען די מאכט. זיי גלויבען מעהר ניט דער בורזשואזיע און גלויבען אויך ניט די געוועזענע קייזערליכע סאציאליסטען. זיי ווייסען, אז די אליאירטע רעגירונגען וועלען קיין סאציאליסטישע רעגירונג ניט אנערקענען, אבער וואס קענען זיי טאן? און וואס נאך האט דייטשלאנד'ס, און באזונדער די דייטשע ארבייטער, וואס צו פארלירען? ערגער קען שוין ניט זיין.

די ארבייטער ארגאניזאציעס אין עלזאס-לאטארינגען.

אין עלזאס-לאטארינגען, ווי אין אייראפא בכלל, האט די ארבייטער באוועגונג דריי צווייגען: די פאליטישע באוועגונג, ד. ה. די סאציאליסטישע, די טרייד-יוניאניסטישע באוועגונג, וועלכע איז הויפטזעכליך קאנטראלירט פון די סאציאליסטען, און די קאאפעראטיווע באוועגונג, וועלכע ווערט אויך געפיהרט פון סאציאליסטען.

ווען דער וואפען-שטילשטאנד איז געקומען, האבען די פראנצויזישע רעגירער אנגעהויבען ארויסשיקען די דייטשען. ווער וויים וואס עס קען טרעפען, האבען זיי זיך געטראכט, אפשר וועט טאקי אפגעהאלטען ווערען א פלעביסציט, היינט וואס דארפען זיי דייטשען? די צרה איז אבער, וואס צוזאמען מיט די דייטשען האט מען ארויסגעשיקט פיעלע ניט דייטשען, בירגער וועלכע מען האט גלאט ניט געגלויבט. צווישען דיזע „אנדעזייערבל סיטיזענס" זיינען געווען די פיהרער פון די ארבייטער יוניאנס און קאאפעראטיווען. פון די 25 סעקרעטארען פון די יוניאנס האט מען ארויסגעשיקט 24. און די יוניאנס זיינען געבליבען אין זעהר א קריטישער צייט אהן זייערע פיהרער. זיי זיינען אויך געבליבען אהן געלט, ווייל ווען די עלזאסער יוניאנס האבען באלאנגט צו די דייטשע געווערקשאפטען, האבען זיי געקראגען בענעפיטען פון בערלין און איצטער האבע זיי פון בערלין קיין הילף ניט געקענט קריגען.

די יוניאנס האבען זיך דאן געווענדעט צו דער פראנצויזישער „דשענעראל קאנפעדעראציאן" און האבען געבעטען די פראנצויזען זאלען זיי ארייננעמען אין ז'יער פאמיליע. אין יאנואר איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון אלע עלזאסער יוניאנס, אויף וועלכער די פראנצויזישע קאנפעדעראציע האט געשיקט א ספעציעלע דעלעגאציע. די פראנצויזען האבען אבער ניט קיין געלט און האבען דעריבער ניט געקענט העלפען די עלזאסער ארבייטער, צווישען וועלכע ארבייטסלאזיגקייט ענטוויקעלט זיך אלץ מעהר און מעהר. די קאנפערענץ האט דאן באשלאסען דערווייל ניט אנשליסען זיך אין דער פראנצויזישער פעדעראציע, נאר גרינדען אן אויטאנאמישע פעדעראציע פון די עלזאס-לאטארינגער יוניאנס.

דאס שיינט אפשר צו מאטעריאליסטיש, עס איז אבער א פאקט. דער פאקט איז, אז פון די דייטשע יוניאנס זיינען די עלזאסער אפגעריסען געווארען, ארבייטסלאזיגקייט איז גרויס, בענעפיטע מוז מען צאהלען צו די מעמבערס און קיין געלט איז ניטא און העלפען קענען די פראנצויזען ניט. היינט צו וואס זאלן זיך די עלזאסער היילען ווען זיי ווייסען נאך ניט וואס מיט עלזאס לאטרינגען וועט זיין?

אויף דער קאנפערענץ איז פארגעקומען א פאראייניגונג פון אלע עלזאסער יוניאנס: סאציאליסטישע און „קריסטליכע" (אדער „קאטוילישע"), ווי זיי רופען זיך. די פארשטעהער פון די קריסטליכע יוניאנס האבען ערקלערט, אז זיי זיינען געקומען צום שלום, אז „אהן אן אלגעמיינער פאראייניגונג פון אלע ארבייטער קענען זיך די ארבייטער גארניט דערשלאגען".

די קאאפעראטיווען פון עלזאס לאטארינגען האבען באשלאסען צו פאראייניגען זיך מיט די קאאפעראטיווען פון פראנקרייך. די סאציאליסטישע פארטיי האט געטאן דאסזעלבע.

די ארבייטער לאגע אין פראנקרייך.

אין פראנקרייך איז די ארבייטער לאגע ניט פון די גלענצענדע, סיי פאליטיש און סיי עקאנאמיש. די מיליטערע מאכט איז נאך אלץ אין פולען קאנטראל, הגם די מלחמה האט זיך שוין לאנג געענדיגט. קיין דעמאנסטראציעס דערלאזט מען ניט און אפילו ווען די ארבייטער האבען געוואלט מיט א דעמאנסטראציע באגריסען פרעזידענט ווילסאנ'ען, האט מען זיי פארבאטען. און ווען א סטרייק קומט פאר, איז די מיליטער אויפ'ן פלאץ און אויף דער וואך.

ערגער פון אלץ איז אבער די עקאנאמישע לאגע. ארבייטסלאזיגקייט וואקסט, דעמאביליזירטע סאלדאטען און אמוניציע-מאכער האבען פארפלייצט דעם ארבייטער מארק. זיי זיינען געקומען אהיים און האבען געפונען ארבייטער פרויען איבעראל און אומעטום. און די פרויען קריגען שכירות וועלכע קענען ניט קלעקען פאר די מענער מיט פאמיליען. די פרויען ווילען, פארשטעהט זיך, זייערע פלעצער ניט פארלאזען און צווישען די ארבייטענדע און די ארבייטער וואס זוכען ארבייט האט זיך ענטוויקעלט א ביטערע קאנקורענץ, וועלכע קען ניט העלפען פארבעסערען די לאגע.

דערצו איז דער יקרות אין פראנקרייך זעהר גרויס, כמעט אזוי גרויס ווי אין רוסלאנד. דער קארעספאנדענט פון „איווענינג פאסט" שרייבט, אז אן איי קאסט 75 סענט און א פונט פוטער פינף דאלאר. זינט די מלחמה האט זיך געענדיגט, האבען זיך די פרייזען אויף לעבענס-מיטלען נאך מעהר פארגרעסערט, ווייל די פראפיטירס האבען אויפגעהערט מורא צו האבען און האבען אוועקגעשטעלט אזעלכע פרייזען, אז די ארבייטער זיינען ניט אימשטאנד צו קויפען אפילו די נויטינסטע עסענווארג. אין פאריז זיינען די בוטשערס געצוואונגען געווען צו סטרייקען. ניט צו ליעב העכערע שכירות אדער א קלענערען ארבייטס-טאג. זיי האבען געפאדערט די רעגירונג זאל זיך ארייננמישען און מאכען אן ענדע צו דער ספעקולאציע און פראפיטירונג פון די פלייש-סוחרים. דערווייל איז אבער די עקאנאמישע לאגע פון די ארבייטער א קריטישע.

דער מיניסטער ארגאניזירט א קאפיטאליסטישע פעדעראציע געגען די ארבייטער.

עטיען קלעמענטעל, דער פראנצויזישער האנדעלס-מיניסטער, שיינט צו זיין א גאנץ אונפארטייאישער מאן, אן אמת'ער פארשטעהער פון דעם גאנצען פאלק און ניט בלויז פון א געוויסען קלאס. דאס קען מען זעהן דערפון וואס ער איז זעהר ניט צופרידען דערמיט, וואס די ארבייטער זיינען ארגאניזירט און די קאפיטאליסטען ניט. ער וויל, אז די קאפיטאליסטען פון פראנקרייך זאלען זיין גוט ארגאניזירט אין א פעדעראציע, וועלכע זאל זיין אימשטאנד צו באקעמפפען די פעדעראציע פון די פראנצויזישע ארבייטער יוניאנס. מאסיע קלעמענטאל סטארעט זיך איצטער צו פאראייניגען אלע קאפיטאליסטישע אסאציאציעס אין איין מעכטיגער פעדערייזשאן געגען די ארבייטער.

פארטאריקא פאדערט זעלבסט-באשטימונג.

דער פארשטעהער פון פארטאריקא אין פעדעראלען קאנגרעס, מר. דאווילא, האט מיט א פאר וואכען צוריק געהאלטען אין האוז און רעפרעזענטעטיווס א רעדע, אין וועלכער ער האט געפאדערט זעלבסט-באשטימונג פאר פארטאריקא. זיין רעדע איז דעבאטירט געווארען אין פארטאריקא און די צוויי ניט-ארבייטער פארטייען האבען באשלאסען צו אונטערשטיצען די פאדערונג. א רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען, וועלכע ווענדעט זיך צום אמעריקאנעם קאנגרעס מיט א בקשה ער זאל ערקלערען וואס ער קלייבט זיך צו טאן מיט פארטאריקא.

די סאציאליסטען זיינען געווען געגען דער רעזאלוציע, ניט דערפאר וואס זיי זיינען געגען זעלבסטבאשטימונג און אונאפהענגיגקייט, נאר דערפאר וואס די רעזאלוציע האט גאר אין גאנצען פארשוויגען די לאגע פון די ארבייטער. דער באוואוסטער סאציאליסט-סענאטאר איגלעזיאס, האט געפאדערט, אז מען זאל לאזען וויסען אמעריקא און די גאנצע וועלט, אז „85 פראצענט פון דער באפעלקערונג איז פארשקלאפט ביי עטליכע אמעריקאנער קארפארייזשאנס, וועלכע האלטען אין איין עקספראפריאירען דאס רייכטום פון פארטאריקא פאר זייערע סטאקהאלדערס".

ברידערליכע הילף

ביי דער פירמא א. מילער, 71 א. בראדוויי, איז דער שאפ טשערמאן קראנק געוועזען א וואך צייט, זיין טייל האבען די אפרייטארס פאר איהם אויפגעמאכט די ארבייט. עס איז ווערט צו באמערקען דאס דער באס האט אויך בייגעשטייערט א פאר דאלאר, און דער שאפ טשערמאן האט דורכדעם געהאט א וואך פיי גלייך מיט אלע ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט.

עס איז ווערט צו באמערקען, דאס דער שאפ איז ניט לאנג צוריק געווען גאנץ הינטערשטעליג אין יוניאן-אנגעלעגענהייטען און עס פרעהט אונז צו זעהן, דאס דער שאפ איז געווארען מיט לייטען-גלייך־

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Sec'y-Treas.; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. — Friday, March 7. — No. 8

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

ביי אונז אין לאנד

די וויכטיגסטע פאליטישע און עקאנאמישע פראגען פון טאג.

פון הלל ראגאף.

True translation filed with the Postmaster at New York City on March 7, 1919 as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די לעצטע וואך פון דעם 65טען קאנגרעס אין וואשינגטאן, וועלכער האט זיך געשלאסען דעם 4טען מארטש, איז געווען פול מיט קאמפף און אויפרעגונג. איבערהויפט האט עס געשטורמט אין סענאט. דארטען זיינען די אטאקעס אויף'ן פרעזידענט'ס ליעג אוו ניישאנס פארגעזעצט געווארען ביז'ן לעצטען טאג. דארטען זיינען געמאכט געווארען פארזוכען צו „בלאקען" די וויכטיגסטע בילס פון דער אדמיניסטריישאן. עס איז אזוי וויט דערגאנגען, דאס אין די רייהען פון די רעפובליקאנער גופא איז שיער ניט פארגעקומען א שפאלטונג צוליעב דעם.

ס'האט זיך געהאנדעלט אום א פאליטישען נצחון. דער נייער קאנגרעס, וועלכער איז ערוועהלט געווארען לעצטען נאוועמבער, איז א רעפובליקאנישער. זיין רעגולע זיצונג דארף זיך אבער אנפאנגען ערשט אין מאנאט דעצעמבער. די רעפובליקאנער האבען אבער געוואלט מיטברענגען אזא לאגע, אז דער פרעזידענט זאל געצוואונגען זיין דעם נייעם קאנגרעס צו פאררופען צו א ספעציעלער זיצונג גלייך נאכדעם ווי דער אלטער וועט זיך שליסען אדער אם שפעטסטען אין מאנאט אפריל. האבען זיי געזוכט אפצוהאלטען די וויכטיגסטע בילס, ספעציעל די בילס וואס האבען צו טאן מיט באוויליגען די נויטיגע סומען געלד פאר אנגעהן מיט די וויכטיגסטע אדמיניסטריישאן ארבייט. דער פרעזידענט וואלט דאך ניט געקענט ווארטען אויף די געלד ביז דעצעמבער, וואלט ער אלזא געמוזט פאררופען דעם נייעם קאנגרעס וואס שנעלער אום די געלד פון איהם צו קריגען.

דער פרעזידענט האט אבער געלאזט וויסען, אז ער וועט בשום אופן ניט פאררופען דעם נייעם קאנגרעס איידער ער וועט ענדיגען זיין ארבייט אין פאריז און וועט צוריקקומען קיין אמעריקא. דאן וועט ער מוזען האבען דעם סענאט, ער זאל גוטהייסען דעם פריעדענס-אפמאך. דאס וועט אבער ניט געשעהן בעפאר דזשון אדער דזשוליי.

די רעפובליקאנער פיהרער האבען געטענה'ט, אז דער פרעזידענט באגעהט אן עולה ניט בלויז געגען דער רעפובליקאנער פארטיי נאר געגען דאס גאנצע לאנד. די בירגער פון לאנד האבען ביי די לעצטע וואהלען, ווען די מלחמה איז שוין געווען פאקטיש פאראיבער, ערוועהלט א מאיאריטעט רעפובליקאנער צום קאנגרעס. דאס באווייזט, אז דאס פאלק האט געוואלט דאס די „רעקאנסטראקשאן" ארבייט זאל געטאן ווערען ניט פון די דעמאקראטען נאר פון די רעפובליקאנער. דיעזע ארבייט קען ניט און טאר ניט אפגעלעגט ווערען, אלזא מוז דער פרעזידענט דעם רעפובליקאנער קאנגרעס פאררופען אזוי שנעל ווי נאר מעגליך.

„און אויב ער וויל דאס ניט טאן מיט גוטען, וועלען מיר איהם עס צווינגען צו טאן", האבען דיעזע פיהרער גע'טענה'ט. און זיי האבען זיך די לעצטע טעג פון אלטען קאנגרעס א נעהם געטאן צו דער ארבייט. זיי האבען גענומען שטערען דורך פארלאמענטארישע דריידלעך יעדען פארזוך פון דער דעמאקראטישער מאיאריטעט דורכצופיהרען די סאמע וויכטיגסטע בילס. איבערהויפט האבען זיי געטרייט ניט צו דערלאזען, אז דער ביל פאר דעם „וויקטארי לאון" זאל אנגענומען ווערען. דיעזער ביל לויטעט, אז די רעגירונג האט דאס רעכט צו בארגען 7 ביליאן דאלאר. אהן די 7 ביליאן וואלט די גאנצע מלחמה און דעמאביליזאציאנס ארבייט געמוזט אפגעשטעלט ווערען.

די דעמאקראטען האבען געענטפערט מיט א פראטעסט, פאר וועלכען פיעלע פון די רעפובליקאנער האבען זיך דערשראקען. די דעמאקראטען האבען זיך געווענדעט צום פאלק מיט דער ערקלעהרונג: זעהט, מיר ווילען וואס שנעלער באפרייען אייערע קינדער פון דער ארמעע, מיר ווילען וואס גיכער אייערע זיהן צוריקברענגען פון איירפא און די רעפובליקאנער שטערען אונז. צוליעב פאליטיק איז ביי זיי רעכט אז אייערע זיהן זאלען ליגען ערגעץ אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך, אין בעלגיען נאך פיעלע מאנאטען.

דיעזער פראטעסט האט געווירקט, אז מאנכע פון די ליעדערס פון דער רעפובליקאנער פארטיי זאלען גלייך ענדערען זייער שטעלונג, און זיי האבען געצוואונגען די איבעריגע זיך אונטערצוגעבען. דער וויקטארי לאון ביל איז דורכגעגאנגען, און די אדמיניסטריישאן האט פארצייכענט א זיעג. אמת, פיעל אנדערע וויכטיגע בילס זיינען געבליבען ליגען און וועלען מוזען ווארטען פאר'ן נעקסטען קאנגרעס. אבער געלד אנצוגעהן מיט דער ארבייט וועט דער אדמיניסטריישאן ניט פעהלען, און נאך אלעמען איז דאך דאס דער עיקר. די איבעריגע בילס קענען זיך ווארטען נאך עטליכע מאנאטען.

עס איז איצטער אזוי גוט ווי זיכער, דאס דער נייער רעפובליקאנער קאנגרעס וועט ניט פאררופען ווערען בעפאר דעם מיטען אדער דער ענדע פון זומער. פרעזידענט ווילסאן וויים וואס ער האט פון דעם קאנגרעס צו ערווארטען. ער וויים אז דער נייער רעפובליקאנער קאנגרעס וועט זיך שטעלען אלס זיין הויפט-אויפגאבע צו לעגען דער אדמיניסטריישאן שטיינער אין וועג אום איהם צו דיסקרעדיטירען פאר'ן פאלק. די רעפובליקאנער זיינען ענטשלאסען ביי די קומענדע פרעזידענט-וואהלען זייער קאנדידאט צו ערוועהלען און זיי וועלען זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלען דיעזען ציעל צו ערייכען. זיי וועלען זיך מיט'ן קאנגרעס זיכער באנוצען אלס א פלאטפארמע צו אגיטירען געגען דעם פרעזידענט און געגען דער דעמאקראטישער אדמיניסטריישאן. פארוואס אלזא זאל דער פרעזידענט אזא קאנגרעס פאררופען פריהער ווי ער וועט געצוואונגען זיין דאס צו טאן? צו וואס זאל ער אויף זיין קאפ באצייטענס ארויפציהען א צרה?

* * *

די מאשין וואס וועט פיהרען דעם נייעם רעפובליקאנער קאנגרעס איז שוין ארגאניזירט. ווי עס ווייזט אוים וועט זי זיין פון דעם זעלבען כאראקטער ווי די אלטע מאשין וואס האט דארטען געהערשט אין די צייטען פון מעקינלי, טעפט און רוזוועלט. אן דער שפיצע פון יעדער וויכטיגער קאמיטע וועט שטעהן איינער פון דער „אלטער גווארדיע" און וואס מען קען שוין פון זיי ערווארטען איז לייכט זיך פארצושטעלען.

אין דער „האוז אוו רעפרעזענטיבטיווס" האבען די רעפובליקאנער ביי א קאקוס מיטינג באשטימט, אז קאנגרעסמאן זשילעט זאל זיין דער נעקסטער ספיקער. פון אנפאנג האט מען געמיינט, אז דאס איז א שטיקעל זיעג פאר די בעסערע עלעמענטען אין די רעפובליקאנער רייהען. ניט חס ושלום ווייל זשילעט איז באקאנט אלס פראגרעסיסט, אלס א ליבעראל, נאר ווייל ער איז וועניגער פארבונדען מיט די אלטע באסעס און פאליטישענס, ווי זיין געגנער קאנגרעסמאן מען. באלד אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז די טרייסט איז אן אומזיסטע. פאר זשילעט'ס ערוועהלונג האבען די עהרליכע רעפובליקאנער זעהר טייער באצאהלט. זיי האבען איינגעוויליגט אז די קאמיטע, וועלכע דארף אפאינטען אלע קאמיטעס (די „קאמיטע אוו קאמיטעס") זאל אזוי צונויפגעשטעלט ווערען, אז די אלטע ערגסטע רעפובליקאנער זאלען איהר גענצליך קאנטראלירען. דער ספיקער אליין אהן דער שטיצע פון די קאמיטעס איז מאכטלאז. קוים וועלען די קאמיטעס געפיהרט ווערען פון די רעאקציאנערע רעפובליקאנער, איז וועניג האפנונג פאראן, אז די בעסערע גרופען וועלען דארט עפעס אויספיהרען.

* * *

צווישען די פיעלע סענסיישאנס אין דער לעצטער וואך פון דער קאנגרעס-זיצונג איז געווען איינע, וועלכע פארדיענט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט, כאטש פון אויבען אויף זעהט זי ניט אוים אזוי וויכטיג. אויף מארגען נאך דעם דינער וואס פרעזידענט ווילסאן האט געגעבען פאר די קאנגרעסלייט און סענאטארען פון די קאמיטעס פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען האט די „ניו יארק סאן" געדרוקט א רייהע פון ערקלעהרונגען געמאכט פון די פראמינענטסטע רעפובליקאנער סענאטארען, וועלכע זיינען ביים דינער אנוועזענד געווען. דיעזע ערקלעהרונגען האבען פון דעם פרעזידענט איינפאך חוזק געמאכט. איין סענאטאר האט געזאגט, דאס דער פרעזידענט האט „ארויסגעוויזען שטוינענדע אונוויסענהייט אין דעם אינהאלט פון דער קאנסטיטושאן פון דער ליעג אוו ניישאנס". א צווייטער האט געזאגט, אז דער פרעזידענט האט ארומגעוואנדערט אין די וואלקענס און געטרייט אלעמען אהין צו פארפיהרען.

דיעזער רעפארט אין דער „סאן" האט אנגעמאכט א סענסיישאן איבער'ן גאנצען לאנד. האט איינער פון די וויכטיגסטע דעמאקראטישע סענאטארען אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו פארזיכערען דאס לאנד, אז די „סאן" האט ניט געזאגט דעם אמת. ער האט זיך אויפגעשטעלט אין סענאט און געמאכט דיעזע ערקלעהרונג. ער האט אפגעלייקענט אלעס וואס די „סאן" האט געשריבען אין נאמען פון די רעפובליקאנער סענאטארען. די גאנצע זאך איז אויסגעקומען העכסט קאמיש; ווייל די רעפובליקאנער סענאטארען זיינען געזעסען דערביי און האבען קיין ווארט ניט געזאגט. אויב די „סאן" האט וועגען זיי אפגעגעבען א פאלשען רעפארט, האבען זיי דאך עס געדארפט ערקלעהרען. פארוואס האבען זיי צום ווענינגסטענס ניט געשטיצט דעם דעמאקראטישען סענאטאר, וועלכער האט אין זייער נאמען גערעדט?

* * *

די שאוועניסטען אין אונזער לאנד האבען די וואך ערליטען צוויי נידערלאגעס: איינע אין פילאדעלפיא און די צווייטע אין שיקאגא.

די נידערלאגע אין פילאדעלפיא איז פאר אונז די וויכטיגסטע. דארטען האט א דזשורי באפרייט דזשאהן ריעד, וועלכער איז פראצעסירט געווארען פאר „פאראורזאכען א ראיאט ביי א סאציאליסטישען מיטינג". דער אינדייטמענט געגען איהם איז ארויסגעטראגען געווארען אין מאנאט מאי פון לעצטען יאהר. דעם ערשטען מאי איז ריעד געקומען אין פילאדעלפיא צו אדרעסירען א סאציאליסטישען מיטינג. די פאליציי האט דעם מיטינג צוטריבען, אבער ריעד האט זיך ענטזאגט אוועקצוגעהן. דאן איז די פאליציי איהם באפאלען און איהם ארעסטירט פאר פאראורזאכען א ראיאט.

דער טרייעל האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער פרעסע אין לאנד, צוליעב ריעד'ס פאפולאריטעט אלס באלשעוויק. די אלגעמיינע מיינונג איז געווען, אז ער וועט זיכער פאראורטיילט ווערען. צו אלעמען'ס איבערראשונג האט איהם די דזשורי פריי געשפראכען; טראץ דעם וואס דער טשארדזש פון דזשאדזש איז געווען זעהר ניט גינסטיג פאר איהם. הפנים, עס ווערט דאך אביסעל ליכטיגער אין די מוחות פון די בירגער.

דער פאל אין שיקאגא איז אין אנפאנג פון לעצטער וואך ביי די שטאדטישע פריימערי עלעקשאנס. דער איצטיגער מעיאר טהאמפסאן האט געוואונען דעם נאמינציישאן אויף דעם רעפובליקאנער טיקעט. דיעזער טהאמפסאן איז פארדאמט געווארען פון דער גאנצער פרעסע איבער דעם גאנצען לאנד דערפאר וואס ער האט געוואגט אמאל צו זאגען א ווארט געגען מלחמה מיט דייטשלאנד און דערפאר וואס ער האט שפעטער ניט נאכגעבאמקעט אלע פאטריאטישע מיינונגען פון די צייטונגען. די רעפובליקאנער מאשין אין שיקאגא האט איהם פארדאמט; און ווען די פריימערים זיינען אנגעקומען האט זי ארויסגעשטעלט געגען איהם א געגנער-קאנדידאט. טהאמפסאן האט אבער געזיעגט מיט א ריעזיגער מאיאריטעט פון 40 טויזענד, און ער בלייבט דער קאנדידאט אויף דעם רעפובליקאנישען טיקעט.

* * *

צווישען די ערשטע זאכען, וואס פרעזידענט ווילסאן האט געטאן אנקומענדיג פון פאריז, איז געווען צו פאררופען א קאנפערענץ פון גאווערנארס און מעיארס אין וואשינגטאן צו באטראכטען די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט. ווען דיעזע צייל‌ען ווערען געשריבען, ווערט דיעזע קאנפערענץ ערשט ארגאניזירט. און דער טעלעגראף ברענגט די נייעס פון די ערשטע רעדעס וואס ווערען פאר איהם געהאלטען. אן ערך פון דריי הונדערט גאווערנארס און מעיארס האבען זיך אפגערופען אויף ווילסאן'ס איינלאדונג. די גאווערנארס, וועלכע האבען אליין ניט געקענט קומען, האבען געשיקט פארטרעטער.

די וויכטיגסטע רעדע פאר'ן קאנפערענץ ביי דער ערשטער זיצונג האט געהאלטען מר. ווילסאן, דער סעקרעטער אוו לייבאר. ער האט ערקלעהרט, אז די אויסזיכטען אין לאנד זיינען זעהר גוטע, אז מיר שטעהען אויפ'ן שוועל פון א גרויסער פראספעריטי. אבער דערווייל זיינען די צייטען ניט גוט. די צאהל ארבייטסלאזע איז גרויס און זי האלט אין וואקסען. ער שלאגט דארום פאר, אז יעדע סטייט-רעגירונג און יעדע שטאדט-רעגירונג זאל גלייך אנפאנגען די נויטיגע קהל'שע ארבייט, ווי בויען בריקען, קארס, עלעוויטערס, סאבוויים, פיהרען דאקס און אזא ווייטער, כדי עס זאל זיין באשעפטיגונג פאר דער גרעסטער צאהל לעדיג-געהער ביז וואנען די צייט וועט בעסער ווערען.

פארביינגעהענדיג האט סעקרעטער ווילסאן געמאכט א זעהר אינטערעסאנטע באמערקונג. ער האט געזאגט, אז זאגאר אין נארמאלע צייטען געהען ביי אונז אין לאנד ארום לעדיג אן ערך פון א מיליאן ארבייטער. דער סיסטעם אונזערער איז אזא, האט ער ערקלעהרט, אז עס מוז זיין א גרויסע ארמעע פון ארבייטסלאזע. דער סעקרעטער האט צוגעגעבען אן אלטע סאציאליסטישע טענה, אז אין א קאפיטאליסטישער ארדנונג איז אונמעגליך אין גאנצען אפצושאפען ארבייטסלאזיגקייט. אז דער קאפיטאליזם מוז האבען א רעזערוו ארמעע פון לעדיג-געהער. די צרה פון ארבייטסלאזיגקייט ווי פיעלע אנדערע צרות וועלען אפגעשאפט ווערען ערשט דאן, ווען דער קאפיטאליסטישער סיסטעם וועט אפגעשאפט ווערען.

* * *

ווי עס ווייזט אוים, האט די וואשינגטאנער רעגירונג באשלאסען עפעס צו טאן פאר די טויזענדע סאציאליסטען און ראדיקאלען, וועלכע זיינען פארשיקט געווארען אין פריזאן אין די מלחמה-יאהרען. אטורני דזשענעראל גרעגארי האט געשריבען א בריעף צו פרעזידענט ווילסאן, אין וועלכען ער גיט צו, אז פיעלע פון די פארשיקטע האבען באקומען צו שווערע שטראפען און אז עס איז מעהר ניט ווי רעכט, אז מען זאל איצטער זייער שטראף פארלייכטערען. גרעגארי איז דורכאוים געגען דעם, אז אלע דיעזע פארשיקטע זאלען באפרייט ווערען, ווייל ער באטראכט זיי ניט פאר „פאליטישע פארברעכער", נאר טאקע פאר פאררעטער. ער איז אבער וויליג צו רעקאמענדירען אז מאנכע זאלען באגנאדיגט ווערען ענטוועדער אין גאנצען אדער ביז א געוויסען גראד. אין קורצען וועט ער צושטעלען א ליסטע פון די, וועלכע ער דענקט פארדיענען דיעזען חסד פון פרעזידענט.

אבי עס ווערט געמאכט אן אנפאנג. גרעגארי וועט אין קורצען ארוים פון זיין אמט. ער האט שוין רעזיגנירט. אין קאבינעט איז ער באטראכט געווארען אלס איינער פון די קאנסערוואטיווסטע מיטגליעדער. לאמיר האפען, אז זיין נאכפאלגער וועט זיין ראדיקאלער און וועט נעהמען א שריט פארווערטס אין דער ריכטונג פון יושר פאר די פאליטישע ארעסטאנטען.

* * *

פאסטמייסטער בארלסאן איז ווידער פארדאמט געווארען פון יוניאן ארבייטער. דיעזען מאל האט איהם דעם כבוד צוגעטיילט א לאקאל פון דער טעלעגראפערס יוניאן. ביי א מיטינג האבען די מעמבערס דערצעהלט, אז בארלסאן, וועלכער קאנטראלירט איצטער די טעלעגראף קאמפאני באגעהט זיך מיט די ארבייטער פונקט אזוי שלעכט ווי די פריהערדיגע טראסט בעלי בתים.

די הויפט קריוודע געגען איהם איז וואס ער האט ניט צוריק אנגעשטעלט די ארבייטער, וועלכע זיינען פון די פריהעריגע בעלי בתים ענטזאגט געווארען פאר ארייננטרעטען אין דער יוניאן. די קיים איז פארגעקומען פאר דעם וואר לייבאר באארד און זי האט ענטשיידען צו גונסטען די ארבייטער. זייט דאן זיינען שוין פיעלע מאנאטען פארביינגעלאפען און בארלסאן האט די ענטזאגטע ארבייטער זייערע דזשאבס נאך אלץ ניט צוריקגעגעבען.

די יוניאן האט אנגענומען א רעזאלוציאן, אין וועלכער עס ווערט ערקלעהרט, אז בארלסאן ארבייט אין די אינטערעסען און טוט דעם וואונש פון דעם טעלעגראף טראסט, וועלכער האפט די טעלעגראפען צוריקצוקריגען פון „ער רעגירונג.

קארעספאנדענטען, אויפמערקזאם!

אלע קארעספאנדענטען און באריכטשרייבער זיינער געבעטען ארייינצושיקען זייערע קארעספאנדענטען און באריכטען אזוי פריה ווי מעגליך. מיר ערווארטען זיי צו האבען אין רעדאקציע מאנטאג, זאנסט איז שווער צו זאגען אויב עס וועט אריינגעהן די זעלבע וואך.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

דער אינטערנעשאַנעל קריעגס דעפּאַרטמענט

פון ל. פינקעלשטיין

דער נאָמען „דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע" איז לעצטענס געוואָרען גאַנץ פּאָפּולער אָבער ניט אַלע ווייסען, אפילו ניט די מיטגליעדער פון די לאָקאַלס גופא, וואָס דאָס איז ווירקליך פאַר אַן אָרגאַניזאַציע און ווי אַזוי דאָס אַרבייט. דאָס איז ווירקליך אַ וואונדערבאַרע מאַשין און עס איז ווערט מיט דעם זיך נעהענטער צו באַקאַנען.

אין צייט פון פרידען ווערט יעדע לאָקאַל יוניאָן רעגיערט און געפיהרט פון דער עקזעקיוטיוועס, פון דעם עקזעקיוטיוו באָארד וואָס די מעמבערשיפּ ערוועהלט פאַר אַ געוויסער באַשטימטער צייט צו פאַרוואַלטען דעם לאָקאַל, אויפצופּאַסען אויף די אינטערעסען פון דער יוניאָן, סיי גרויסע סיי קליינע. קוים אָבער ברעכט אויס אַ קריעג, אַ דזשענעראַל סטרייק, הערט אויף דער עקזעקיוטיוו באָארד צו פונקציאָנירען. נאָך איידער דער סטרייק ווערט גערופען ווערט ערוועהלט אַ דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע און דיעזע קאָמיטע ווערט די רעגיערענדע קערפּערשאַפט אין דער יוניאָן, אויפ'ן פּלאַץ פון דעם עקזעקוטיוו באָארד אין צייט פון פריעדען. און דורך דער צייט וואָס דער סטרייק האַלט אָן זיינען אַלע אינטערעסען פון דער יוניאָן אין די הענד פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע. דיעזע קאָמיטע האָט אין איהרע הענד דעם גאַנצען שיקזאַל פון דעם סטרייק און פון דער יוניאָן. נאַטירליך, אויב עס דאַרף געמאַכט ווערען אַ גאַנץ וויכטיגער שריט, ווערט עס פאַרגעבראַכט פאַר דער מעמבערשיפּ. די מיטגליעדער קאָנען דאָס גוטהייסען אָדער צוריקווייזען. קורץ, די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע איז די איינציגע קערפּערשאַפט, אין צייט פון אַ גענעראַל סטרייק, וואָס האָט די מאַכט פון דער יוניאָן אין איהרע הענד. דיעזע קאָמיטע נעהמט אָבער אַריין מעהר אין איהר מיטע די דזשענעראַל בעאַמטע פון דער אינטערנעשאַנאַל, וועלכע האָבען שוין די קענטניסע און נעניטקייט ווי צו פיהרען סטרייקס, נאָך פון פריהער, און דיעזע דזשענעראַל בעאַמטע ווערען אַ טייל פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע. זיי ווערען אַזוי צו זאָגען די לייטענדע גייסטער אין די פאַרשיעדענע אָפּטיילונגען פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע און שטעהען געוועהנליך, אימער אין די ערשטע רייהען פון דעם קאַמפּף.

אין דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע ווערען אַריינגענומען די בעסטע מענשען וואָס די יוניאָן פאַרמאָגט, די איבערגעבענסטע טעטיגע מיטגלידער. דיעזע קערפּערשאַפט טראָגט אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט, און בלויז אַזעלכע מיטגליעדער וואָס זיינען באַקאַנט אין דער יוניאָן דורך זייער איבערגעבענהייט און נעטרייִשאַפט, ווערען אַריינגענומען. עס געהען אַריין אין איהר די מיטגליעדער פון דעם עקזעקיוטיוו באָארד און די טעטיגע יוניאָן לייט בכלל.

ווען די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע ווערט אויסגעקליבען, פאַרטיילט זי זיך גלייך אין סאַב-קאָמיטעס מיט אַ טשערמאַן איבער יעדער קאָמיטע. יעדער סאַב-קאָמיטע האָט איהר באַזונדער פונקציאָן, האָט אויפצופּאַסען אויף אַ באַזונדער טייל פון דעם גרויסען סטרייק, אָבער אַלע דיעזע קאָמיטעס אַרבייטען אין דער גרעסטער האַרמאָניע; האַבענדיג פאַר זיך איין און דעם זעלבען צוועק — דעם פאַלשטענדיגען זיעג פון דער יוניאָן. אַלע דיעזע סאַב-קאָמיטעס ווערען אַרומגעכאַפּט מיט דעם זעלבען אימפּעט; זיי ווערען באַהערשט פון דעם זעלבינען קאַמפּפסלוסטיגען גייסט און זיינען אימער גרייט צו טאָן אַלעס וואָס עס איז נאָר מעגליך פאַר'ן ערפאָלג פון דעם סטרייק. פאַר דיעזע קאָמיטעס איז קיין אנשטרענגונג ניט צו פיעל און קיין אַרבייט ניט צו שווער, און זעלטען ווען ווערט זייער אַרבייט ריכטיג אָפּגעשאַצט. זעלטען ווען באַקומען זיי פולע אַנערקענונג, סיי פון דער יוניאָן, סיי פון די מאַסען סטרייקער און סיי פון'ם „פּובליקום" אין אַלגעמיין.

די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע פאַרטיילט זיך אין די פאָלגענדע סאַב-קאָמיטעס: אַ פּיקעט קאָמיטע, אַ סעטלמענט קאָמיטע, אַן אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע, אַ קאָורט קאָמיטע, אַ האָלל קאָמיטע, אַ רעדנער קאַביטע, אַן „אוט-אָוו-טאַון" קאָמיטע, אַ רעליעף קאָמיטע, אַ פינאַנץ קאָמיטע און אַ אינפאָרמיישאָן ביורא.

די גאַנצע דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע האָט רעגולע מיטינגען איין מאָל, און מאַנכעס מאָל צוויי מאָל אַ וואָך, אונטער'ן פּרעזידיום פון טשערמאַן אָדער וויים טשערמאַן פון דער קאָמיטע. פּרעזידענט שלעזינגער איז דער טשערמאַן פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע אין דעם וויימט און דרעססמאַכער סטרייק, און ברודער סאָול זיידמאַן איז דער וויים-טשערמאַן.

צו דיעזע מיטינגען ווערען ניט צוגעלאָזען קיינע זייטיגע מענשען אויסער די מיטגליעדער, אַחוץ די מיטגליעדער פון דער קאָמיטע. די טשערלייט פון אַט די אַלע אויסגערעכענטע סאַב-קאָמיטעס גיבען אָפּ אַ באַריכט פון זייער טעטיגקייט. די פּאַסירונגען פון איבער'ן גאַנצען פראָנט וואו עס קומט פאַר די שלאַכט ווערען דאָרט באַריכטעט, און עס זיינען, פאַרשטעהט זיך, דאָ פאַרשידענע מאָמענטען. אַ גרויסער סטרייק איז אַ מלחמה, עס איז אַ ביטערער קריעג צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל. דער אַרבייטער קעמפפט פאַרצווייפעלט פאַר אַ גרעסערער שטיקעל ברויט, און פאַר אַ ביסעלע מעהר פרייהייט, אָבער די באַסעס, די אויסבייטער, וועלכע באָדען זיך אין דעם שווייס און בלוט פון זייערע אַרבייטער, קעמפפען אויך זעהר פאַרצווייפעלט פאַר אַלץ גרעסערע פּראָפיטען און פאַר אַלץ מעהר דעספּאָטיע. וועהרענד די אַרבייטער רייסען זיך צו אַלץ מעהר מענשליכקייט, צו אַ ביסעלע מעהר זעלבסטשטענדיגקייט, זוכען די טיראַנישע באַסעס זיי וואָס מעהר צו האַלטען אונטער'ן אייזערנעם קנאַפּעל פון ברוטאַלער רעכטלאָזיגקייט. עס איז דאָ ריבער אַ פאַרביסענער קאַמפּף, טאַקע אויף טויט און אויף לעבען. און אין אַ מלחמה, אפילו ביי דער זיעגרייכער אַרמעע, זיינען ניט אימער דאָ פרעהליכע מאָמענטען. עס זיינען אויך דאָ מינוטען פון ביטערער פאַרצווייפלונג. ווארום ווי פאַרזיכטיג מען זאָל ניט זיין, ווערט אַ מאָל דאָך געמאַכט אַ שלעכטער שריט. אמת טאַקע, מען קעמפּפט מיט דער גרעסטער אָפּפערוויליגקייט און דער קאַמפּף מוז געוואונען ווערען, מאַנכעס מאָל שיינט עס אָבער, אַז צו דעם אַלעם ווערט נאָך אַלץ ניט געטאָן ג ע נ ו ג, דעם שונא וואָס גיכער צו באַזיעגען.

און פאַר דעם מיטינג פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע זיינען ניטאָ קיינע געהיימניסע, דאָרט ווערט אַלעס באַריכטעט, און קוים ווייזט זיך אַרויס דאָס ערגעץ אויף אַ געוויסען אָרט וואו דער גרויסער קאַמפּף געהט אָן, ווערט ניט אַלעס געטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין ווערען אויפ'ן שטעל געמאַכט פאַרווירפע צו די באַטרעפענדע מענשען און דאָס בעסטע ווערט געטאָן דאָס שלעכטע באַלד אויסצובעסערען. דאָס ווערט אָבער אימער געטאָן מיט אַ ברידערליכען געפיהל, מיט אַ וואונש צו העלפען דער גרויסער זאַך, האַבענדיג אימער פאַר זיך דעם צוועק, פאַר וועלכען דער גרויסער קאַמפּף, וואָס פאָדערט אַזוי פיעל אָפּפער, ווערט אָנגעפיהרט, און יעדער איינער, אָדער איינע, פון דער קאָמיטע איז מקבל באהבה דעם פאַרוואורף וואָס מען באַקומט אַ מאָל, כאָטש זיי פיהלען אפשר בעת מעשה, אַז דער פאַרוואורף קומט זיי ניט. עס איז נוירקליך נור צו באַוואונדערען ווי אייניג און האַרמאָניש עס אַרבייט אַט די גרויסע, וואונדערבאַרע מאַשין וואָס איז באַקאַנט צו דער וועלט אַלס „די ד ז ש ע נ ע ר אַ ל סטרייק קאָמיטע", וועלכע האָט אין איהרע הענד דעם שיקזאַל פון יעדען גרויסען סטרייק.

* * *

אין די פריהערדיגע צוויי נומערען „גערעכטיגקייט" האָבען מיר שוין אָנגעוויזען אויף דער גרויסער, שווערער אַרבייט פון דער „אוט-אָוו-טאַון" קאָמיטע, און אויף דער זעהר פאַראַנטוואָרטליכער אַרבייט פון דער סעטעלמענט קאָמיטע אין דעם וויימט און דרעס סטרייק. אָבער וואָס איז מיט דער פּיקעט קאָמיטע, די רעליעף און פינאַנץ קאָמיטעס און אויך די אַנדערע קאָמיטעס, וואָס זיינען אויך אַ טייל פון די גרויסע דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע? זייער אַרבייט איז פּונקט אַזוי וויכטיג און אויך זיי פאַרדיענען באַשרייבען צו ווערען.

די פּיקעט קאָמיטע.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, דאָס דער אויסגאַנג פון יעדען גרויסען סטרייק העננט פיעל אָפּ פון דער פּיקעט קאָמיטע. דיעזע קאָמיטע האָט איינענטליך די שווערסטע אַרבייט; זיי זיינען אָט מייסטענס אין דער „פּיקעטינג ליין", אין דער ערשטער שורה „טרענטשעס", און זיי פיהלען אָפּט דעם אמת'ען טעם פון מלחמה. עס פּאַסירט ניט זעלטען ווען זיי מוזען קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די נעדרונגענע בויאַנעס וואָס די באַסעס האַלטען אַרום זייערע שעפּער. ניט זעלטען קומט אויס די מיטגליעדער פון דער פּיקעט קאָמיטע באַפאַלען צו ווערען פון אָט די בויאַנעס און גענגסטער און דאָס איז, נאַטירליך, ניט גאָר קיין אַנגענעהמע זאַך. דאָס טאָר אָבער דער פּיקעט קאָמיטע ניט אָפּשרעקען פון צו טאָן איהר פליכט. דאָס וואָלט זעהר גוט געדיענט דעם טייוועלישען ציעל פון די באַסעס צו ברעכען דעם סטרייק. די פּיקעט קאָמיטע ווייס דאָס גאַנץ גוט און מוז אימער זיין „אָן די דזשאָב", אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען.

די פּיקעט קאָמיטע אין דעם וויימט מאַכער סטרייק באַשטעהט פון אַרום אַ 150 פּערזאָן, מענער און פרויען. דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע איז ברודער ס. וויטאַשקין, און דער וויים-טשערמאַן, ברודער גוזמאַן. ברודער שנעהאָלץ, דער סעקרעטער פון לאָקאַל 25, איז דורך דער צייט פון דעם סטרייק דער סעקרעטער פון דער קאָמיטע. צווישען די מיטגליעדער פון דער קאָמיטע האָט זיך באַזונדערס אויך אַרויסגעזעהן שועסטער מאַלי פריערמאַן, ברודער וואַסילעווסקי, וואָס גיט אַכטונג אויף די פּרעסער, און נאָך אייניגע שועסטער און ברידער פון לאָקאַל 25. לײדער געדענק איך ניט זייערע נעמען. זיי האָבען אָבער גאַנץ כשר פאַרדיענט דאָ דערמאָנט צו ווערען.

די עטליכע פּערזאָנען וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט זיינען אַלע גוט באַקאַנטע מיטגליעדער פון לאָקאַל 25 און זיינען אָפּיציעל אויסגעקליבען געוואָרען אין דער פּיקעט קאָמיטע. אין דער קאָמיטע אַרבייט אָבער מיט לייב און לעבען אַ פּערזאָן וואָס איז גאָר ניט קיין מיטגליעד פון דעם לאָקאַל, דאָס איז ברודער דזש. ברעסלאָווער, דער מענעדזשער פון אונזער שוועהנער פרעסערס יוניאָן לאָקאַל 35. ברודער ברעסלאָווער איז געוועזען אַ „טשיעף" אין דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע פון דער גרויסער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין'ם לעצטען דזשענעראַל סטרייק, אין יאָהר 1916, און ער האָט אין הלכות פּיקעטינג גאָר אַ סך ערפאַהרונג. ברודער ברעסלאָווער אַרבייט האַנד אין האַנד מיט'ן טשערמאַן פון דער פּיקעט קאָמיטע, ברודער וויטאַשקין, זינט דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען, און זיין גוטע, פרייוויליגע אַרבייט אין דער פּיקעט קאָמיטע איז גאָר ניט אָפּצושאַצען.

איהר וועט מסתמא פרעגען: ווי איז דאָס מעגליך, דאָס די 150 מיטגליעדער זאָלען פּיקעטען אַלע וויימט שעפּער וואָס זיינען אין סטרייק?

איז דער תירוץ, דאָס דער פּיקעט קאָמיטע קומען צו הילף די פיעלע טויזענדער סטרייקער. יעדער מיטגליעד פון דער פּיקעט קאָמיטע ווערט אַ בעאַמטער — אַ קאַפּיטאַן פון אַן אָפּטיילונג סטרייקער, וואָס ווערען אַרויסגעשיקט אין דער פּיקעט ליין. די פּיקעט קאָמיטע ווייס דעם גאַנצען פראָנט; זי ווייס וואוהין פּיקעטס דאַרפען געשיקט ווערען און זי שטעהט תמיד אין פאַרבינדונג מיט די פיעלע טשערלייט פון די האָלס, וואו די סטרייקער געפינען זיך אום פון דאָרטען צו באַקומען די גרויסע צאָהל פּיקעטס וואָס איז נויטיג צו פּיקעטען אַלע שעפּער וואָס זיינען אין סטרייק. אַלזאָ, די פּיקעט קאָמיטע איז איינע אין דער ערשטער רייהע פון קאַמפּף ווי לאַנג דער סטרייק האַלט אָן.

זאָל נאָך דאָ צום שלום אויך געזאָגט ווערען, דאָס דער פּיקעט קאָמיטע קומט אַ באַזונדער גרויסער דאַנק פאַר די פיעלע גראַנדיעזע פּיקעט דעמאָנסטראַציעס יעדען מאָנטאָג גאַנץ פריה, וועלכע האָבען אויפגערודערט די גאַנצע שטאָדט. אויסער דעם געוועהנליכען פּיקעטען די שעפּער יעדען טאָג האָט זיך די קאָמיטע גאַנץ באַזונדערס אויסגעצייכענט אין דיעזע אונפאַרגעסליכע, מערקווירדיגע פּיקעט דעמאָנסטראַציעס. מיט איין וואָרט, די פּיקעט קאָמיטע היט אָפּ דאָס גאַנצע לעבען פון דעם סטרייק.

* * *

די רעליעף קאָמיטע.

און איצט אַ וואָרט וועגען דער רעליעף קאָמיטע.

די רעליעף קאָמיטע איז אַ סך, אַ סך קלענער ווי די פּיקעט קאָמיטע, כאָטש איהר אַרבייט איז אויך זעהר, זעהר וויכטיג אויפצוהאַלטען דעם סטרייק. די אויפגאַבע פון דער קאָמיטע איז צו באַזאָרגען די קעמפּפענדע אַרמעע מיט „אַמיונישאָן" און „פּראָוויאַנט", אויסצוצאָהלען דעם סטרייק בענעפיט צו די סטרייקער וואָס נויטיגען זיך אין הילף. און עס איז נור צו באַוואונדערען ווי סיסטעמאַטיש די אַרביים ווערט געטאָן. און איהר דאַרפט וויסען, דאָס אין דורכשניט ווערט דאָרט אויסגעצאָהלט איבער פערציג טויזענד דאָלאַר אַ וואָך.

דער טשערמאַן פון דער רעליעף קאָמיטע איז אונזער וויים-פּרעזידענט, ברודער הערי וואַנדער. ברודער וואַנדער איז אויך געוועזען אין דער רעליעף קאָמיטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין לעצטען דזשענעראַל סטרייק אין 1916 און ער האָט דאַריבער אין דער אַרבייט אַ סך ערפאַהרונג, און די סטרייק בענעפיט ווערט איצט אויסגעצאָהלט אויף דעם זעלבען סיסטעמאַטישען אופן ווי דאָס איז געטאָן געוואָרען אין יענעם גרויסען סטרייק. צוזאַמען מיט ברודער וואַנדער אַרבייט גאַנץ פלייסיג אין דער קאָמיטע, מיט מינדעסט און מיט ר. אַסטראָנסקי, די טשערליידי פון דער פינאַנץ קאָמיטע פון לאָקאַל 25.

די העדקוואָרטערס פון דער רעליעף קאָמיטע געפינט זיך אין אַרלינגטאָן האָל, 23 סט. מאַרקס פּלייס. דער גרויסער זאַל זעהט אויס ווי אַ רעגעלע באַנק. אַרום די ווענט שטעהען אויסגעשטעלט שטולען און עס זיצען אויסגעזעצט די שאָפּ-טשערליידיס, וואָס קומען נעמען דעם סטרייק בענעפיט פאַר די סטרייקער אין זייערע שעפּער.

דאָס ווערט געטאָן אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

די שאָפּ טשערליידי אָדער דער שאָפּ טשערמאַן מאַכט אויס אַ ליסט מיט די נעמען פון די סטרייקער אין זייער שאָפּ, וועלכע נויטיגען זיך אין הילף און ווילען באַקומען סטרייק בענעפיט. און זאָל דאָ פאַרביינעהענדיג געזאָגט ווערען, דאָס כאָטש יעדער סטרייקער איז באַרעכטיגט צו נעהמען סטרייק בענעפיט פון דער יוניאָן, זיינען אָבער דאָ אַזעלכע סטרייקער וואָס ווילען קיין סטרייק בענעפיט ניט נעהמען. מאַנכע פון זיי ערקלעהרען, דאָס זיי קאָנען דערוויילע דורכקומען אָהן סטרייק בענעפיט. זיי ווילען דאָס געלט ניט נעהמען כדי עס זאָל זיין מיט עטליכע דאָלאַר מעהר פאַר יענע סטרייקער, וועלכע זיינען מ ע ה ר נ ו י ט ב אַ ד ע ר פ ט י ג פון זיי. כמעט יעדער שאָפּ טשערליידי רעפּאָרטעט, אַז צווישען איהרע סטרייקערינס געפינען זיך עטליכע פון אָט דעם טיפּ.

אַלזאָ, פון אָנפאַנג וואָך ברענגען די טשערליידיס אַריין אין אַרלינגטאָן האָלל די ליסטען מיט די נעמען פון די סטרייקער און לעבען יעדען נאָמען ווערט געזאָגט צו דער סטרייקער איז סינגעל אָדער פאַרהייראַט. יעדער ליסט טראָגט דעם נאָמען און אַדרעס פון דער פירמע ביי וועלכער די סטרייקער אַרבייטען. די רעליעף קאָמיטע מאַכט דאַן אויס אַ באַזונדער טשעק פאַר יעדע סטרייקערין אָדער סטרייקער, סינגעל לייט צו 5 דאָלאַר אַ וואָך און פאַרהייראַטע צו 8 דאָלאַר אַ וואָך.

דינסטאָג נאָכמיטאָג פאַנגען אָן די טשערליידיס צו קומען נאָך זייערע ליסטען מיט די טשעקס. זיי זיצען אַלע אויסגעזעצט אין האָלל און ברודער וואַנדער, ווי דער „פייאינג טעלער" פון אַ גרויסער באַנק, רופט אויס די נעמען פון די פירמען פאַר וועלכע די סטרייק טשעקס זיינען שוין אויסגעמאַכט געוואָרען. די טשערליידי באַקומט דאַן די טשעקס פאַר אַלע סטרייקער אין דעם שאָפּ וואָס זי האָט אָנגעגעבען, און זי צוטיילט די טשעקס צווישען די סטרייקער. די סטרייקער ברענגען די טשעקס אין 21 וועסט 16טע סטריט, אין אָפיס פון דער וויימט מאַכער יוניאָן, וואו זיי באַקומען קעש פאַר די טשעקס. די אויסצאָהלונגען פון די טשעקס געהט צו אונטער דער ספּעציעלער אויפזיכט פון מר. וואָולף, דער אוידיטאָר פון אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן. די „יוניאָן-סערטיפיקייטס" אָדער טשעקס, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען אין אַרלינגטאָן האָלל, ווערען אויסגעצאָהלט אין אָפיס פון לאָקאַל 25, מיט דער זעלבינער רעגעלמעסיגקייט, ווי אין אַ מאָדערנער באַנק. דער סערטיפיקייט ווערט „אידאָרסט" פון דער פּערזאָן פאַר וועמען עס איז אויסגעמאַכט געוואָרען און דאָס געלט ווערט

הייראט און מוטערשאפט

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

ר ו ס א , דער גרויסער פילאזאף פון פרייהייט, האט פעסט געגלויבט אין דעם, אז די הויפט פונקציאן פון די פרויען איז צו געפעלען די מענער. אבער די מאדערנע פרוי, נאכפאלגענדיג מיט ענטוזיאזמוס זיין רוף פאר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, פרעגט, ווארום דיזע גרויסע פרינציפען קענען ניט אנגעווענדעט ווערען אויך פאר די פרויען. דאס וואס איז גוט פאר דעם אינדיק איז גוט פאר דער גאנז. ווי אזוי קאן מען פראקלאמירען די רעכטע פונ'ם מאן און פארלייקענען די רעכטע פון דער פרוי? ווי קען מען פאדערען לעבען, פרייהייט און די דערגרייכונג פון גליק פאר דעם מאן, און אין דערזעלבער צייט ארויפלייגען אויף דער פרוי די אויפגאבע צו שאפען דעם מאנ'ס גליק! אט דאס זיינען די לעבערליכקייטען, אין וועלכע מאנכע גרויסע דענקער זיינען אריינגעפאלען.

אבער מיר זיינען אפט גענייגט זיך צו פרעגען, אויב דיזע אידעע וועגען דער פרוי איז ניט איינגעווארצעלט נאך א סך פעסטער ווי מיר שטעלען זיך פאר טאקע אין די מוחות פון די פרויען גופא. א לאנגע צייט נאכדעם ווי גרויסע אידעען צייגען זיך ארויס אלס אונוואהר, בלייבען זיי נאך אלץ שטעקען אין דעם מענשליכען מוח, ווי פיאווקעס. אפט האבען די פרויען אליין גאר ניט קיין אהנונג פון די אלטע אידעען, אבער דאך האלטען זיי זיך ביי זיי. מיר הויבען ערשט אן צו באגרייפען וויפיעל געפיהלען, ליידענשאפטען, ווינשע און געדאנקען עס קישען אין די טונקעלע חדרים פון דער זעעלע, וואו דאס ליכט דרינגט קיינמאל ניט דורך. מען זעהט זיי קיינמאל ניט, זיי הויבען זיך קיינמאל ניט אריבער דעם שוועל פון באוואוסטזיין, און דאך האלטען זיי זיך אויף אונבאוואוסטערהייט אין דעם מענשען און בעאיינפלוסען זיין ווילען, זיין געדאנק און זיין שטרעבען.

און אזוי ענטוויקעלט זיך דער וואונש צו געפעלען דעם מאן אפט ביי דער פרוי אין מוח אין א אידעע, אז דאס איז איהר איינציגע עובדא אין לעבען. דער שאפ איז אן אונאנגענעהמער צופאל, עטוואס באזונדערעס, אפגעטיילטעס פון'ם הויפט צוועק פון לעבען, און פון וואס מען מוז זעהן אזוי גיך ווי מעגליך פטור צו ווערען. אין א שעהנעם טאג וועט קומען א צויבער-פרינץ, וועט צוברעכען די קייטען און שאפען פאר איהר א לעבען פון גליק, אדער אויב ניט פון גליק — איז ווייניגסטענס א לעבען אהן ארבייט. ווארים אפילו א פרינץ אהן באזונדערען צויבער קען אוועקנעהמען אימיצען פון דעם פארהאסטען שאפ. חלומ'ענדיג וועגען א קליין הייזעל און וועגען די קליינע קינדער-הענטעלעך ערשיינט די געגענווארט זעהר שווארץ פאר איהרע אויגען. צווייפלען, פוסטע האפנונגען, אונזיכערע ווינשע, בייטאגיגע חלומות שוועבען איבער דער מאשין, בעת די נאדעל לויפט פארביי אהין און צוריק. די יאהרען געהען פארביי און דער צויבער-פרינץ קומט ניט. די האפנונגען ווערען שוואכער, און א צוקונפט פון יאהרען אין שאפ איז אן אויסזיכט וואס פארדריקט דעם אטעם אין פארצווייפלונג. די נשמה און דער גוף הויבען אן צו פיהלען די שווערקייט, די דריקענדע לאסט פון ענטוישונג.

אדער פילייכט איז דער צויבער-פרינץ דאך געקומען. פארשטעהט זיך, ניט יעדער איינער וואלט איהם דערקענען, ווען ער זעהט איהם. אבער די פרינצעסין ווייסט ווער ער איז. און זי געהט מיט איהם אין זיין צויבער-שלאס. אבער אך! ס'איז בלויז א פלעט פון דריי רומס און עס געדויערט ניט לאנג און די וואוינונג איז צו קליין פאר דער פאמיליע וואס האלט אין וואקסען. ניט תמיד איז פאראן גענוג עסען און קליידער פאר די יונגע פרינצען און פרינצעסינס. דער שעהנער צויבער-פאלאץ ווערט א פריזאן, וואו די פרוי מוז בלייבען פארשפארט פון אין דער פריה ביז ביינאכט און אויפפאסען אויף די קינדער, קאכען און וואשען און מאכען די בעטען. ניטא מעהר קיין מיטינגס, ניטא מעהר קיין לעקטשורס, ניטא מעהר קיין מוזיק! אפילו א מואווינג פיקטשור קען מען זיך ניט פארגינען צו זעהן, ווען עס זיינען דא קליינע קינדער, אויף וועמען מ'דארף אויפפאסען. קראנקהייט, ארעמקייט, שווערע ארבייט און לאנגווייליגע ארבייט, מאנגעל אין יעדער פרייהייט — דאס איז דער גורל פון דער ארעמער פרוי אין דעם וואונדער-לאנד פון הייראט. וואס איז דער וואונדער, אז זי קוקט צוריק מיט בענקשאפט צו דעם פרייען לעבען פון שאפ אין סקוהל און סטריט און שמאכט נאך דעם וואס זי קען ניט צוריקקריגען!

אין די נייע און אונזיכערע צושטענדע פון דער מאדערנער אינדוסטריעלער וועלט האט נאך די פרוי ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך אויסצוארבייטען א פלאן פון לעבען, וואס זאל איהר פארזיכערען פרייהייט און אונאפהענגיגקייט. זעהר אפט איז זי דער פאסיווער קרבן פון אומשטענדען אויף דעם אקעאן פון לעבען. בעת זי געפינט זיך אין שאפ זיינען איהרע געדאנקען ווייט אוועק. אנשטאט זיך צו נעהמען דערצו צו ארגאניזירען איהר אינדוסטריעלען לעבען, ווי די מענער האבען געטאן, און שאפען גוטע באדינגונגען פאר זיך, איז איהר מוח פארנומען מיט טרוימערייען וועגען א גאנץ אנדער לעבען. די ארבייט ביי דער מאשין פארלויפט פאר דעם ארבייטער אין משך פון זיין לעבען מיט דער זיכערהייט פון א געפענגנים-אורטייל. ער נעהמט זיך פאר צו מאכען זיין פריזאן באקוועם און איהם ביסלעכווייז פארוואנדלען אין א פאלאץ פון פרייהייט. אבער די פרוי חלומ'ט כסדר דערפון ווי אזוי צו אנטלויפען פון שאפ אין „גרינע פעלדער און פרישע לאנקעס”. אט דער שטאנדפונקט איז אהן צווייפעל טיילווייז שולדיג אין דעם וואס די טרייד יוניאן ארגאניזאציאן צווישען ארבייטער-פרויען וואקסט אזוי לאנגזאם.

נאך דער חתונה איז די ארבייטס-פרוי נאך אין אן ערגערער לאגע. דאן ווערט זי ווירקליך די איינפאכע שקלאפין פון אומשטענדען. זי מוז זיין די באזארגערין פון שפייז פאר דער פאמיליע, אבער איהר קענטעניש פון דעם שפייז-פראבלעם איז באגרענעצט, געהט ניט ווייטער פון דער קארנער-גראסערי און דער פושקארט. די קאאפעראטיווע באוועגונג איז פאר איהר א פארזיגעלטער בוך און זי איז הילפלאז געגענאיבער די הויכע קאסטען פון עסען. איהרע קינדער האבען ניט גענוג מילך און אייער, אדער זאגאר ברויט און פוטער, וואס איז אזוי נויטיג פאר זייער געזונד, אבער זי נעהמט ניט קיינע שריטע צו פארבעסערען די לאגע. די ווילדע חיה אין וואלד זוכט שפייז פאר איהרע קינדער. דאס איז די ערשטע פליכט פון דער מוטער. די מענשליכע מוטער איז נאך צו שוואך און הילפלאז זיך צו ערהויבען און זיך פארבינדען אויף א פארנינפטיגען אופן מיט אנדערע פרויען פון איהר שטאנד, אום צו לייזען דיעזען פונדאמענטאלען פראבלעם.

וואס איז שייך צו דער אויפפאסונג און ערציהונג פון איהרע קינדער איז די לאגע כמעט פונקט אזוי שלעכט. די אויפפאסונג פון קינדער איז איינס פון די שווערסטע און קאמפליצירטסטע פראבלעמען פון ציוויליזאציאן. און דאך דארף די מוטער עס אויסלערנען אויף א געהיימען אופן, עס איינזאפען אינסטינקטיוו פון דער אטמאספערע פון שאפ. עס קומט איין קינד נאכ'ן צווייטען אהן א שום פארבערייטונג צו קענען אויפפאסען אויף זיי קערפערליך אדער גייסטיג, און די מוטער איז איבער גליקליך, ווען עס קומט די צייט פאר דאס קינד צו געהן אין סקוהל און זי קען זיך באפרייען פון איהר לאסט כאטש אויף עטליכע שטונדען א טאג. וואס עס קומט פאר מיט דעם קינד אין שולע ווייסט זי ווייניג, אדער זי קימערט זיך גאר ניט עס צו וויסען. דאס, אזוי ווי אלעס אנדערע וואס קומט פאר אויסערהאלב די פיער ווענט פון איהר קליינער וואוינונג, געהט איהר גארנישט אן און זי איז ניט פאראנטווארטליך דערפאר. מעג איהר קינד מיסהאנדעלט ווערען אין סקוהל פיזיש אדער גייסטיג, מען קען אויף אימער פארטעמפען זיין מוח, צודריקען זיין ווילען און פארדארבען זיין כאראקטער, — אלעס וואס די מוטער ווייסט וועגען סקוהל איז, אז מען לאזט זי צורוה פאר פינף שטונדען א טאג.

ווען איהר קינד וואקסט אונטער און האלט ביי ווערען א מאן, איז עס אונטערווארפען אלערליי איינפלוסען, איבער וועלכע די מוטער האט קיין שום קאנטראל ניט. ענדיגט זיך עס מיט א טראגעדיע, ווי עס האט פאסירט אזוי אפט אין די לעצטע יאהרען, דאן ערוואכט זאגאר די מוטער פון איהר פארזונקענהייט אין קיך און הויבט אן באגרייפען, אז זי האט פארנאכלעסיגט איהר מוטערליכע פליכט, אז איהר איבערגעבענהייט אין קאכען און וואשען וועט ניט באשיצען איהר קינד אין די אלע געפאהרען פון לעבען, אז זי מוז עפעס טאן, אז זי מוז זיך ווענדען — זי ווייסט אליין ניט וואו, און קריגען עפעס א וואפע פון זעלבסט-פארטיידיגונג — זי ווייסט אליין ניט וואס, צו באפרייען זיך און די איהריגע פון שלעכטס.

זיך אליין האט זי שוין לאנג, לאנג פארגעסען. זי האט אזוי לאנג געלעבט בלויז פאר איהרע קינדער, הגם אהן ווירקונג און הילפלאז, אז זי האט אין גאנצען פארנאכלעסיגט איהר אייגענע ענטוויקלונג. זי האט כמעט אויפגעהערט צו זיין א פערזאן. גייסטיג אבגעטעמפט און קערפערליך אויסגעמוטשעט, טויג זי מעהר ניט פאר דער אלגעמיינער וועלט, אינטערעסירט קיינעם ניט. און צום גליק קען זי זעהר ווייניג פון דער דאזיגער וועלט, אזוי אז זי האט ניט וואס צו באדויערען. זי לעזט ווייניג, געהט קיינמאל ניט צו פארזאמלונגען, האט ניט קיין געזעלשאפטליכע פארבינדונגען, און רעדט זי מיט אימיצען איז דאס מייסטענס איבער דעם טעגליכען איינקויף פון מארקעט. זאגאר דער ברייטערער לעבענסבליק וואס איהר מאן האט אין ביזנעס אדער אין שאפ בלייבט פארשלאסען פאר איהר. אינטעליגענץ, ווילען, שטאלץ — אלעס איז פארלארען.

דיזעס טרויעריגע בילד פון דער פרוי'ס ענטוויקלונג איז א אפטע ערשיינונג, הגם עס זיינען דא וואונדערליכע אויסנאהמען. פיליכט איז דאס אויך נור דאס בילד פון אן עלטערען דור. די היינטיגע פרוי, וועלכע האט אזויפיעל געזעהן און געליטען, וועלכע האט זיך ווייניגסטענס אין איהר יוגענד געריסען צום לעבען, קען קיינמאל ניט אזוי פאלשטענדיג פארזינקען אין דעם זומפ פון אונוויסענהייט און גלייכגילטיגקייט. די שרעקליכע צושטענדע פון דער וועלט היינט צו טאג זיינען פאר דער יונגער פרוי א מיטעל זי צו פארהארטעווען און שטארקען איהר כאראקטער. און פון דער אנדערער זייט באגרייפט די געזעלשאפט אין דעם איצטיגען קריזיס מעהר ווי אימער איהר פאראנטווארטליכקייט פאר העלפען די לאגע מיט דער לאסט פון מוטערשאפט. עלטערענשאפט ווערט לאנגזאם, אבער זיכער, א סאציאלע פונקציאן. די מורא אז די נאציאן זאל ניט אבשטארבען און די ביטערקייט פון נאציאנאלע שטרייטען ערמוטיגט די רעגירונגען פון אייראפא צו העלפען די מוטערשאפט. אינשורענס פאר פרויען, וועלכע דארפען ווערען מוטערס איז איצט אן אלגעמיינע ערשיינונג אין די גרעסטע לענדער. דאס העלפט די ארבייטער-פרוי מיט א קליינער סומע פאר און נאך דער געבורט פון דעם קינד. אין ענגלאנד אליין זיינען צעהן מיליאן פרויען אויף אזא אופן אינשורט, און אונגעפעהר א מיליאן ציהען בענעפיטס יעדעס יאהר. עס ווערט דארט זאגאר אויסגעארבייט א פלאן, ווי אזוי צו באשיצען דאס לעבען פון די ניי-געבוירענע קינדער ביז סקוהל-עלטער. די פרויען, וועלכע דארפען נוירען מוטערס, ווערען באזארגט מיט אלע נויטיגע הילפס מיטלען, ווי דאקטוירים, העבאמען א. ז. וו.

די סאוויעט רעגירונג פון רוסלאנד האט געמאכט איינעם פון די נאבעלסטע שריטע פאר א בעסערער סאציאלער ארדנונג, גרינדענדיג א „פאלאץ פון מוטערשאפט”, וואו פרויען קענען בריינגען זייערע קינדער אויף דער וועלט אין פריעדען און זיכערהייט, מיט דער בעסטער מעדיצינישער אויפפאסונג.

איבעראל, לעבען די שלאכטפעלדער און אויך ווייטער אוועק, קען מען געפינען נוירסעריס, נור וואס אויפגעבויט און פיין אויסגעשטאטעט פאר דער אויפפאסונג פון יונגע קינדער. אפט זיינען מיט דיזע נוירסעריס פארבונדען שולען פון מוטערשאפט, וואו די מוטערס קענען לערנען, ווי אזוי אכטונג צו געבען אויף זייערע אייגענע קינדער. די נייע אידעע אין ערציהונג, וועלכע איז פארשפרייט געווארען פון מויר, מאנטעסערי און אנדערע, רעקאמענדירט די ערציהונג פון דעם קינד, ווען עס איז נאך גאנץ קליין, א ביבי. די אויסברייטונג פון דיזער אידעע מיינט גרעסערע פרייהייט פאר דער ארבייטס-פרוי און אינטעליגענטערע אויפפאסונג איבער דעם קינד. אין דער פראגע פון קאכען און הויז-ארבייט וועט די קאאפעראטיווע אידעע אין גיכען צונעהמען ביי דער פרוי דעם לעצטען תירוץ, פאר וואס זי מוז זיך באגראבען אין קיך. געמיינשאפטליכע קיכען, קאאפעראטיווע בעקערייען און לאנדריס זיינען שוין פון לאנג געווען א באדייטענדע ערשיינונג אין דעם דייטשען שטאדט-לעבען, און די איבעריגע וועלט לערענט שנעל דיזע לעסאנס, ווי אזוי אנצואווענדען ביזנעס מעטאדען אין הויז-ווירטשאפט.

די פרייהייט פון דער שקלאפעריי פון הויז-ווירטשאפט און מוטערשאפט, וואס מאכט גרויסע פארטשריטע, וועט פריי מאכען די פרוי פאר העכערע לעבענס-טעטיגקייטען, ווייל זי וועט האבען צייט זיך צו ענטוויקלען. די ערציהונג פון איהרע קינדער וועט ווערען פאר איהר א פראגע פון העכסטער באדייטונג און אינטערעס. זי וועט באפרייט ווערען פון פאמיליען-פאראנטווארטליכקייטען, וועט זאגאר אויפהערען צו זיין עקאנאמיש אבהענגיג פון איהר מאן און וועט זיך לערנען, ווי צו באשיצען איהרע אייגענע אינטערעסען און די אינטערעסען פון איהרע קינדער דורך דעם פארנינפטיגען געברויך פון דעם באלאט און זי וועט שוין מעהר ניט פארזוכען צו לייזען איהרע פראבלעמען דורך וויינען און טרעהרען.

די באוועגונג פאר דער ערציהונג און ארגאניזירונג פון ארבייטס-מיידלאך האט געקראגען א שטארקען שטויס פארווערטס, א דאנק דער מלחמה. פרויען פאראייניגען זיך אין א נייעם גייסט און מיט נייעם מוטה. מיט דעם טויט פון צוועלף מיליאן מענער האבען צוויי מאל צוועלף מיליאן פרויען אוועקגעווארפען זייערע טרוימען וועגען הייראט, און האבען זיך גענומען אויף זייערע אייגענע פלייצעס פיהרען א ווירקליכען קאמף פאר'ן לעבען. זיי ענטפערן שוין מעהר ניט אויף יעדען פארשלאג פאר ערציהונג און ארגאניזאציאן מיט די ווערטער: „וואס נוצט עס? איך געה חתונה האבען!” זיי ווילען ניט חתונה האבען. זיי וועלען מוזען זיך שטעלען פנים אל פנים מיט'ן לעבען אויף דיזעלבע באדינגונגען ווי די מענער — אלס א לעבענס-לענגליכען פריזאן אדער א פאלאץ פון פרייהייט. זיי האבען געמאכט זייער אויסוואהל, און זיי העלפען שוין לייגען דעם יסוד, דעם ווינקעל-שטיין פון יענעם פאלאץ.

א סטרייק אין ניו בראנזוויק

דא האט אויסגעבראכען א סטרייק אין דער פעקטארי פון די „אייקעם אנדערוועאר קא.” די ארבייטער ווילען מעהר ניט צולאזען די דעספאטישע רולס פון דעם פארמאן אין דער פעקטארי. ער האט געוואלט ארויפצווינגען אויף די ארבייטער א נייע רול, וועגען ארבייטס-שטונדען און די ארבייטער האט ער דערפון אפילו ניט געלאזען וויסען. איין מיידעל האט די רול געבראכען און ער האט איהר דערפאר אפגעזאגט פון דער ארבייט. האבען זיך צוויי אנדערע מיידלאך פאר איהר איינגעשטעלט. זיי האבען פראטעסטירט געגען דעם פארמאן'ס האנדלונג. דאס האט דער פארמאן שוין גאר ניט געקענט פארליידען און האט די צוויי מיידלאך אויך אוועקגעשיקט. ער האט געמיינט מיט דעם איינצושרעקען די ארבייטער פון גאנצען שאפ.

עס האט זיך אבער אויסגעלאזען גאנץ אנדערש. אנשטאט זיך אפצושרעקען, האבען די ארבייטער באלד אפגעהאלטען א מיטינג און באשלאסען צו ערקלערען א סטרייק.

דער שאפ איז, אלזא, איצט אין סטרייק. די פאדערונגען פון די ארבייטער איז א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך, א העכערונג אין שכירות און די אנערקענונג פון דער יוניאן.

דער סטרייק ווערט געשטיצט פון דער סענטראל לייבאר יוניאן. באזונדערס אקטיוו אין דעם סטרייק זיינען די בעאמטע פון דער מאשיניסט יוניאן, און פון דער בעקערס יוניאן. די סטרייקערס מיטען יעדען טאג אין זייערע העדקוואדערס.

עס איז דא ווערטה צו באמערקען, דאס מיט דריי יאהר צוריק איז די קאמפאני אנטלאפען פון ניו יארק, כדי אויסצומיידען די יוניאן, און געעפענט די פעקטארי דא, אין ניו בראנזוויק, צו באטרייבען דעם שאפ מיט בלויז פרויען-ארבייטער, רעכענענדיג אזוי נאך צו קאנען ארבייטען לענגערע שטונדען פאר קלענערע שכירות. לאזט זיך נאך אויס, אז זי וועט איצט מוזען ווידער האנדלען מיט א יוניאן און צאהלען נאך גרעסערע שכירות. ארימע קאמפאני, נעבעך!

די סטרייקערינס זיינען העכסט באגייסטערט. זיי זיינען ענטשלאסען צו פיהרען דעם קאמפף ביז צו א זיעגרייכער ענד.

פאניא מ. קאהן.

די פרויען-וועלט

פון ראזע בעדריק.

ראדיקאלע פרויען האלטען אפ א קאנווענשאן אין ניו יארק.

פאראכטאגען פרייטאג אווענד האט זיך אין קאליפ'ס, 163 וועסט 57טע סט., ניו יארק, געעפענט די צווייטע יעהרליכע קאנווענשאן פון דער „וואומענס אינטערנעשאנאל ליגע" אונטער'ן פארזיץ פון קריסטעל איסטמען, טשערמאן פון ליגע. אין פארבינדונג מיט דער קאנווענשאן איז שבת, דעם 1טען מערץ, אינ'ם זעלבען פלאטץ, אויך אפגעהאלטען געווארען א „פרויען פרייהייטס קאנגרעס", וועלכער האט זיך באשעפטיגט מיט די פיעלע וויכטיגע פראבלעמען פונ'ם היינטיגען פרויען־לעבען און פון זייער קאמפף פאר פרייהייט. די הויפט־פראבלעמען אויפ'ן קאנגרעס זיינען געווען: „ערציהונג", „אינדוסטריע", „די פאמיליע" און „רעגיערונג". די דאזיגע פיער פונקטען נעהמען ארום כמעט אלע פראגען וואס זיינען נוגע דער פרוי. מאדערנע בילדונג פאר מיידלאך, פראפעסיאנס - געלעגענהייטען פאר פרויען, פרויען אין די טרייד־יוניאנס, אונארגאניזירטע פרויען־ארבייטער, דער קאמפף פון די נענער־פרויען, די אונפארהייראטע מוטער, דאס אונגעזעצליכע קינד, געבורט קאנטראל, הייראט און גט, דאס רעכט און אונאפהענגיגקייט פון דער פארהייראטער פרוי, קאמוניסטישע קיכען, קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען, מאדערנע אויסבעסערונגען אין דער הויזווירטשאפט, — אט די אלע פארשידענע פראגען זיינען נאר א טייל פון דער קאלאסאלער צאהל. וויכטיגע פרויען־פראגען, וואס דער „פרויען־פרייהייטס קאנגרעס" האט פאר זיך אנגעמערקט פאר באטראכטונג. אויף וויפיעל דעם קאנגרעס איז געלונגען די דאזיגע פראגען צו לייזען איז איצט נאך פריה צו זאגען. אבער די גרויסע וויכטיגקייט פון אט די פראגען און דער טיפער ערנסט מיט וועלכען די דעלעגאטקעס האבען די פראגען באהאנדעלט גיבען דעם קאנגרעס אן אונגעהייערע באדייטונג.

די דעלעגאטקעס צום קאנגרעס זיינען פרויען פון פארשידענע פאכען, פראפעסיעס און באשעפטיגונגען, ווי לאיערס, דאקטוירים, לעהרער, זשורנאליסטען, טרייד יוניאניסטען און אזוי כלל־טוערינס. אבער זיי זיינען אלע פון איין שטרעבונג: צו באקומען פאר די פרויען פרייהייט און אונאפהענגיגקייט אויף אלע געביעטען פון דעם געזעלשאפטליכען, עקאנאמישען און פאליטישען לעבען.

צווישען די וואס זיינען אויף די שבת'דיגע זיצונגען פון דעם קאנגרעס ארויסגעטראטען פאר דער אדער יענער פראגע זיינען געווען: דזשעסי וואלאס היגהען און הענריעטא ראדמאן, לעהרערינס; דר. גערטרוד קעלי און דר. פרענסיס שאסטאק, מעדיצ.; עלינאר בוירנס, לאיער; דאראטהי הוברט, פארמער; מערי שאו, אקטריסע; מערי טשעמבערליין, זשורנאליסטען; נעל שווארטץ, דזשוליעט סטיוארט פאינטץ, ראזע שניידערמאן, טערעזא מאלקיעל און פאניא מ. קאהן, טרייד־יוניאניסטען; עליזאבעטה גורלי פלינן האט פארטראטען די אונארגאניזירטע פרויען־ארבייטער; און מיני בראון — די נענער־פרויען.

שבת אווענט האבען די דעלעגאטקעס זיך באגעגענט ביי אן אפיציעלען „דינער" אינ'ם „פיפט עווענו" רעסטאראן, 5טע עוועניו און 23טע סטריט. די טהעמא פאר די רעדעס אויף דעם דאזיגען דינער איז געווען „רעגיערונג". די הויפט־רעדנערין איז געווען מיסס דזשאנעט רענקין, די איינציגע פרוי מיטגליעד אינ'ם יוניטעד סטייטס קאנגרעס. חוץ איהר האבען איבער דער זעלבער פראגע גערעדט מיסס לאפאלעט, סענאטאר לאפאלעט'ס טאכטער, דארים סטיווענס, בעסי ביעטי, קאראליין ב. לאואי און קריסטעל איסטמען. צו דעם „דינער" זיינען געווען איינגעלאדען אויך מעהרערע באקאנטע מענער.

זונטאג נאכמיטאג איז געווען די לעצטע זיצונג פון דער קאנווענשאן. די דאזיגע זיצונג איז געווען א ריין־געשעפטליכע, און האט זיך באשעפטיגט מיט דער אויסארבייטונג פון דעם פראגראם און די פלענער פאר דער ווייטערער טעטיגקייט פון דער „וואומענס אינטערנעשאנאל ליעג".

אלבאני באשטעטיגט מיס פוירקינס' נאמינאציע פאר מיטגליעד פון דער „סטייט אינדאסטריעל קאמישאן".

מיט גאווערנאר סמיט'ס נאמינירען מיס פרענסיס פוירקינס פאר מיטגליעד פון דער „סטייט אינדאסטריעל קאמישאן" און מיט דעם סטייט־סענאט'ס גוטהייסען די דאזיגע נאמינאציע, איז פארבונדען אן אינטערעסאנט קאפיטעל פאליטיק, וועלכעס ס'איז כדאי צו דערצעהלען און ווערט צו געדענקען. אבער צוערשט, א פאר ווערטער וועגען דער דאזיגער קאמישאן און וועגען איהר נייעם מיטגליעד — מיס פרענסיס פוירקינס:

די „ניו יארק סטייט אינדאסטריעל קאמישן" איז, ווי דער נאמען באטייט, א רעגיערונגס קאמיסיע, וואס באשעפטיגט זיך מיט פראגען און פאקטען אויף־אויף די באדינגונגען אינ'ם שטאאט'ס אינדוסטריע. די קאמיסיע באשטעהט פון פארטרעטער פון די ארבייטער, ארבייטסגעבער און פון דער געזעלשאפט פון דעם שטאאט בכלל. די אלע פארטרעטער ווערען באשטימט פונ'ם גאווערנאר מיט דער באשטעטיגונג פון דעם שטאאט־סענאט. יעדער פארטרעטער ווערט באשטימט אויף זעקס יאהר, און באקומט א געהאלט פון אכט טויזענד דאלאר א יאהר. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס פון פארטיי־פאליטישענס ווערט אט דער אמט באטראכט אלס א „פעטער ביין", אויף וועלכען יעדע פארטיי האט א היבש ביסעל בעלנים. פאר דער געזעלשאפט, אבער. איז אט דער אמט נאך פיעל וויכטיגער דערמיט, וואס יעדער פארטרעטער אין דער דאזיגער קאמיסיע האט א גרויסע דעה איבער אלע ענינים, וואס האבען א שייכות צו דעם שטאאט'ס אינדוסטריע, אין וועלכער עס זיינען שטארק פאראינטערעסירט אי דער ארבייטער, אי דער ארבייטסגעבער, יעדערער—פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט.

ווען גאווערנאר סמיט האט אין אנהויב יאנואר איבערגענומען די רעגיערונג פונ'ם שטאאט איז דער פלאטץ פונ'ם פארטרעטער פון די ארבייטסגעבער אין דער דאזיגער קאמיסיע געווען וואקאנט, און דער גאווערנאר האט פאר דעם אמט באשטימט מיס פרענסיס פוירקינס. פאר דער דאזיגער באשטימונג איז דער נייער גאווערנאר שטארק געלויבט און קאמפלימענטירט געווארען פון די בעסערע און פראגרעסיווערע עלעמענטען אין דעם שטאאט נייארק. אין זיין באשטימען מיס פוירקינס פאר מיטגליעד אין דער אינדוסטריעלער קאמיסיע האבען אלע געזעהן אן ערנסטען און עהרליכען פארזוך פון זיין זייט אנצושטעלען אויף רעגיערונגס שטעלען ניט קיין פראפעסיאנעלע „דזשאב־זוכער", אדער פארטיי־פאווריטען, נאר פעהיגע און פאסענדע מענשען. אז מיס פוירקינס איז פעהיג און פאסענד פאר דעם דאזיגען אמט איז ביי קיינעם קיין ספק ניט. זי האט עס אויף א גלענצענדען אופן באוויזען מיט איהרע גרויסע און נוצליכע אויפטואונגען אלס בעאמטער פון דער „קאנסומערס ליעג", פון דער „קאמיטע איבער דער געזעלשאפטס זיכערהייט" און פון דער „פאבריק אונטערזוכונגס קאמיסיע". איהר ארבייט דורך די לעצטע עטליכע יאהר אין די דאזיגע אמטען האבען פאר איהר פארדיענט דעם רעספעקט און צוטרויען פון'ם בעסטע און גרעסטען טייל פון דער געזעלשאפט. די איינציגע וואס זיינען געווען און געבליבען שטארק אומצופריעדען מיט איהר ארבייט זיינען די נויארקער „גרויס־געשעפט אינטערעסען", וועלכע באשטעהען פון פאבריקאנטען, ספעקולאנטען און כל המינים שאכער־מאכער־אונטערנעהמער. זיי, אט די דאזיגע „אינטערעסען", איז מיס פוירקינס תמיד געווען א דארן אין אויג. די רעפארמען, וואס זי האט זיי געצוואונגען איינצופיהרען אין זייער פאבריק־און געשעפט־פיהרונג האט זיי צו טייער געקאסט. ניט נאכגעבען איהר האבען זיי ניט געקענט; מיס פוירקינס פלעגט דורך איהר פארעפענטליכונג פון די „אונגעווינשטע" פאקטען פון זייערע געשעפט־מעטאדען אדער פאבריק־באדינגונגען באשאפען אן אונפריינדליכע עפענטליכע מיינונג, וועמעס דרוק איז געווען א ביסעל צו שטארק אפילו פאר די גרויסע בערען אין דער וועלט פון „ביג ביזנעס".

איז דען א וואונדער וואס די דאזיגע „אינטערעסען" האבען אויפגעהויבען אזא גוואלד מיט א געפילדער נעגען גאווערנאר סמיט'ס באשטימונג פון מיס פוירקינס פאר מיטגליעד אין דער „סטייט אינדוסטריעל קאמישאן"? מיט שרייען אליין האבען די „אינטערעסען" זיך ניט באנוגענט; זיי האבען דורך זייערע נעדונגענע משרתים אנגעהויבען א קאמפף אינ'ם שטאאט־סענאט ניט צו דערלאזען דעם סענאט'ס באשטעטיגונג פון דער דאזיגער באשטימונג. די „פריינדליכע" סענאטארען האבען געגומען ליארמען, אז מיט מיס פוירקינס אלס א מיטגליעד וועט די קאממיסיע זיין א שטערונג („דיסטוירבענס") צו דער ענטוויקלונג פון ביזנעס און אינדוסטריעלער אונטערנעהמונג, וועלכע זיינען היינט אזוי אויך ניט זעהר „רוהיג"; און אז א פרוי איז איבערהויפט ניט פאסענד פאר אזא וויכטיגען אמט. חוץ דעם האבען אט די סענאטארען אויסגעפונען אויף מיס פוירקינס א נייעם חטא: אז איהר נאמען איז היינט גאר ניט „מיס פוירקינס"; אין פריוואטען לעבען איז זי בסך־הכל גאר „מיסעס פאול ווילסאן". און וואס, מישטיינס געזאגט, קען שוין זיין — האבען זיי גע'טענה'ט — די מאראל פון א פרוי, וואס שעהמט זיך מיט איהר מאן'ס נאמען?

אבער די אלע טענות און גוואלדען פון די פרומע סענאטארען זיינען נעבאך געווען ארויסגעווארפען אויפ'ן ווינט. מיס פוירקינס' נאמינאציע איז דעם 18טען פעברואר אין אונזער סענאט באשטעטיגט געווארען מיט 34 שטימען געגען 16, און דער בעסערער און פארטגעשריטענער טייל פון ניו יארק גראטולירט זיך מיט א זיעג, פא רוועלכען אונזער נא־

בילדער פונ'ם וויסטמאכער סטרייק

פון עליאס ליעבערמאן

א יונגערמאן זוכט א פעטענט.

דער יונגערמאן שפאצירט נעבען זיין שאפ ערנסט, פארזארגט. דער באס האט ארויפגענומען דריי סקעבס. דער יונגערמאן, מוזט איהר וויסען, איז א זעהר ערנסטער. ער האט, גלויבט ער, אן אמת עסטעטישען געשמאק, און אירגענד וועלכע ווולגאריטעט דריקט אויף זיינע געפיהלען און נשמה.

דאס וואס דער באס האט דריי סקעבס קימערט איהם ווייניג. ער ווייסט אז מיט זיי וועט ער זיין ארבייט ניט מאכען. נאר סטייטש, ווארום זאלען זיך געפינען אזעלכע עקעלהאפטע נשמות, וואס זאלען ניט פארשטעהן, אז א סקעב איז פונקט ווי א הושענה: מען נוצט עס איין טאג און נאכהער ווערט עס אן אפגעשלאגענע הושענה און מען ווארפט זי ארויס.

וואס עס קימערט יע דעם יונגענמאן, איז — ווארום זאלען די ארבייטער ניט זיין קלאסענבאוואוסט און זאלען זיך אזוי ערנידריגען אז זיי זאלען דארפען געהן פון דער ארבייט און צו דער ארבייט באגלייט מיט באס, כשרה. אדער טריפה. סטייטש, ווארום?

שפאצירט אזוי דער יונגערמאן נעבען שאפ און ערנסטע געדאנקען פארנעמען זיין מח:

„סטייטש, מענשען פליהען אין דער לופטען," „מענשען שווימען אונטער וואססער", מענשען רעדען דורך דראטלאזען טעלעגראף, וואונדער איבער וואונדער ווערען אפגעטאן אין היינטיגע צייטען, און ווארום קען מען ניט טאן עפעס עהנליכעס אין פאך פון סטרייקערייי?

די בלוט לויפט האסטיג אין זיינע אדערען. ער קריגט די שטימונג פון א מענשען, וואס האט פלוצלונג ענטדעקט א געהיימע קראפט פון דער נאטור. באגייסטערונג שטראמט אין זיינע אדערען און דערזעהענדיג פון ווייטען א בעאמטען פון דער יוניאן איז ער האסטיג צו איהם צוגעלאפען און געזאגט:

איך האב עס. — עס איז דא איין מיטעל פטור צו ווערען פון זיי. מען מוז עפעס קריגען א פעטענט אז זיי זאלען ניט קענען סקעבען, עפעס אזא מין זאך וואס זאל זיי פשוט ניט לאזען געהן צו דער ארבייט. איהר פארשטעהט? עס איז דאך עפעס א וועלט מיט ערפינדונגען, היינט פאר וואס זאל מען אזא פשוט'ע זאך ניט קענען ערפינדען? פאלגט מיך, טראכט זיך אריין אין דער זאך.

ווער ווייס, מיט וואס דער געשפרעך וואלט זיך ענדיגען ווען א גראבער פאליסמאן מיט א באסאווער שטימע וואלט ניט ארויסגעזיפט דורך די ליפען: מארטש־אן, מארטש־אן.

פיטצפעטריק דער באלשעוויק.

פון א היציגען דעמאקראט איז ער געווארען א באלשעוויק אין איין האלבער שעה, און טאקי אויפ'ן פיקעט ליין. אט ווי דאס האט פאסירט. נאר א פריהער א ווארט וועגען פיטצפעטריק.

ער איז א קאטער ביים טרייד און א יוניאן מאן פון יאהרען. ער ווייסט ניט פון קיינע קונצען; די מאיאריטעט האט באשלאסען סטרייקען — סטרייקט מען און דאטס־אל. און אז מען סטרייקט — מוז מען פיקעטען. און אז מען פיקעט — מוז מען גוט פיקעטען א. ז. וו.

פאליטיש איז ער א דעמאקראט. זיין טאטע איז געווען א דעמאקראט, ער איז געווען א דעמאקראט און האט געהאפט אלע זיינע יאהרען צו פארבלייבען א דעמאקראט.

שפאצירענדיג אזוי אויפ'ן פיקעט ליין — האט איהם זיין לאנדסמאן, א פאליסמאן, ניט אזוי ערעל באהאנדעלט. נו איז ער ברוגז אויף איהם. נאר וואס האט עס צו טאן מיט זיינע פאליטישע אנשויאונגען?

איהם פארדריסט וואס זיינע לאנדסלייט שטופען און שטויסען די פיקעטס. ער פארשטעהט ווארום זיי טוען עס, ער באנעמט יעצט די פולע באדייטונג פון דעם שפריכווארט, אז מען שמירט — פאהרט מען, נאר דאך פארבלייבט ער פארהעלטניסמעסיג גלייכגילטיג.

זיין סטריקטקייט אבער צו דער פיקעט ליין, האט שטארק דערעסען זיין באלאבאס און ער האט גענומען זוכען מיטלען ווי צו דערנעהמען איהם דעם לעבער. ביי יעדער געלעגענהייט טייטעלט ער צום פאליסמאן מיט'ן פינגער אויף איהם. לעצטענס האט ער איהם געקרוינט מיט'ן נאמען: באלשעוויק. דאס האט פיטצפעטריק שוין ניט געקענט ליידען. ער, אזא כשר'ער דעמאקראט, איז מיט אמאל געווארען א באלשעוויק, אזא באליידיגונג! און באלד איז ער דערפאר אריין אין אן ארגומענט מיט זיין באלעבאס.

דער לעצטער האט דאס בלויז געזוכט און אויף זיין באפעהל איז פיטצפעטריק ארעסטירט געווארען.

וואס עס איז פארגעקומען אין סטיישאן הויז און אין קאורט איז ניט וויכטיג, נאר ארויסגעהענדיג איז פיטצפעטריק געווען שטארק אויפגערעגט און באגעגענדיג זיך מיט זיינע חברים האט ער ערקלערט:

— באיס, איף דאט איז באלשעוויזם — אי עם איי באלשעוויק.

וויפיעל קאסטען די עגגס?

די גערעכטיגקייט פון מאונט־ווערנאן האט זיך אנגעשטויסען אן א שווערער פראבלעם. נעמליך, זי, די גערעכטיגקייט, דער דזשאדזש הייסט עס, האט געמוזט ענטשיידען וויפיעל קאסטען די עגגס וואס צוויי מיידלעך האבען געקויפט פאר ברעקפעסט.

אום צו מאכען די זאך קלארער, מוזען מיר אייך דערצעהלען פאלגענדעס: צוויי סטרייקערינס פון גראס און וויים זיינען ארעסטירט געווארען אין מאונט־ווערנאן. די קלאגע געגען זיי איז געווען: געשלעג, נעמליך אז זיי האבען געקויפט צוויי אייער, וועלכע האבען זיך שוין לאנג, לאנג געשיידט פון זייער מוטער מרס. הון און אז מיט די צוויי אייער האבען זיי יאקבי מכבד געווען א סטרייק־ברעכער.

די סטרייקערינס האבען גע'טענה'ט, אז זיי האבען טאקע געקויפט צוויי אייער, פאר וועלכע זיי האבען באצאהלט 8 סענט א שטיק, אז דער גראסערי מאן האט זיי פארזיכערט אז זיי זיינען פריש, ערשט פון דער הון ארויס, אז זיי האבען עס געקויפט פאר זיך אויף ברעקפעסט. נאר אזוי ווי דער סטרייק־ברעכער איז זיי באפאלען, זיינען די פרישע עגגס ניט שטארק געווען ווידערצושטעהן דעם דרוק און האבען זיך צוקוועטשט.

די גערעכטיגקייט פון מאונט־ווערנאן האט זיך שטארק פארטראכט. נאך א לאנגער בעראטונג האט די גערעכטיגקייט ענטשיידען: די עגגס האבען טאקע געקאסט גוטע געלד, די קלאגע פון שלעגעריי זאל פארביטען ווערען אויף שטערען די ארדנונג, נאר די סטרייקערינס זאלען אין יעדען פאל קריגען 30 טעג סוספענדעד אורטייל און אין דרייסיג מינוט צייט זאלען זיי ארויספאהרען פון מאונט־ווערנאן.

דער סטרייק פון די וועיסט נודס ארבייטער שטעהט אויסגעצייכענט

דער סטרייק פון די וועיסט נודס ארבייטער לאקאל 62 איז אלט בלויז איין וואך צייט, אבער אורטיילענדיג לויט דער ארבייט, וואס איז דארט שוין אויפגעטאן געווארען, קען מען גאנץ דרייסט זאגען, דאס אויך דער סטרייק וועט ניט לאנג געדויערען.

א פרעהליכע ערשיינונג אין דעם סטרייק איז דאס, וואס עס זייטען ארונטער פיעלע שעפער אין דעם טרייד, צו וועלכע די יוניאן האט פריהער ניט געקענט צוקומען. און דערביי צייגט זיך ארויס, ווי ברודער ס. שאר, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, גיט אונז איבער, א מערקווירדיגע זאך, נעמליך דאס די בעלי בתים פון דיזע שעפער זיינען געווען די ערשטע באלד צו קומען סעטלען מיט דער יוניאן. זיי האבען, — זאגט ברודער שאר, — הפנים גאר ניט ערווארט, דאס זייערע שקלאפען זאלען כיט א מאל ווערען רעבעלען, און דערזעהענדיג דעם פוסטען, טויטען שאפ, זייכען זיי איינפאך ערשטוינט געווארען! זיי האבען מאמענטאן באגריפען די כאכט און די קראפט פון דער יוניאן; זיי האבען גלייך איינגעזעהן, אז קיין זאך וועט זיי דא ניט העלפען און זיי זיינען דעריבער געווען די ערשטע צו קומען סעטלען מיט דער יוניאן. איבער זיבעציג אזעלכע שעפער האבען שוין געסעטעלט, נאכגעבענדיג א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, א העכערונג אין די שכירות און אנערקענונג פון דער יוניאן. די יוניאן האט שוין דורכדעם צוגעקראגען א סך נייע מיטגליעדער. די מיידלעך פון אט די שעפער, ווי פון די אנדערע שעפער, ווערען מיטגליעדער פון דער יוניאן איידער זיי געהען צוריק ארבייטען אין א געסעטעלטען שאפ. און ווי טוען דאס גאנץ גערן.

אין דעם סטרייק איז דא צו באמערקען נאך א פרעהליכע ערשיינונג, נעמליך, דאס וואס די מיידלעך פון די שעפער, וואס האבען פריהער מיט דער יוניאן גאר ניט געהאט צו טאן, זיינען פון דער ערשטער מינוט, וואס זיי זיינען ארונטער אין סטרייק, געווארען זעהר אקטיוו און טוען פאר'ן סטרייק און דער יוניאן א סך נוטע ארבייט. מיט'ן גרעסטען חשק געהען זיי אין דער פיקעט-ליין, זיי טוען אלעס וואס זיי קענען אפצושטעלען די סקעב-שעפער און זיינען זעהר באגייסטערט פאר'ן סטרייק און דער יוניאן. דאס איז ווירקליך א צייכען דער צייט.

וואס אנבאלאנגט די אסס'ן שעפער, איז דאך שוין גאר אפגערעדט. עס איז נישטא דארט א סקעב אפילו אויף א רפואה! די אסס'ן באסעס לויפען ארום ווי פאר'סם'טע מייז. „זיי זיינען געווען נאריש געגנוג, — זאגט ברודער שאר, — אז ווען די יוניאן וועט רופען א סטרייק, וועלען די ארבייטער ניט פאלגען דעם רוף און אויף דעם סמך הפנים, האבען זיי געזאגט, אז זיי ווילען אלעס זאל בלייבען ביים אלטען, ווען מיר האבען זיי ארויסגעשטעלט אונזערע פאדערונגען."

יע, זאל אלעס בלייבען ביים אלטען! ווי כאראקטעריסטיש דאס איז פאר די אונטערדריקער און שקלאפען-טרייבער פון אלע צייטען! די באסעס פון דער אסס'ן זעהען שוין איצט באשיינפערליך, אז עס וועט ניט בלייבען אלעס ביים אלטען; די וועיסט נודס ארבייטער וועלען באלד האבען אין זייער אינדוסטריע די נייע באדינגונגען, וואס אונזער אינטערנעשאנאל איז ענטשלאסען איינצופיהרען אין אלע צווייגען פון דער גאנצער לײדיעס גארמענט אינדוסטריע. די גאנצע וועיסט-נודס אינדוסטריע אין ניו יארק איז בוכשטעבליך פאראליזירט און די וועיסט-נודס מאנופעקטשורערס ווייסען שוין איצט באשטימט, אז עס וועט ניט בלייבען אלעס ביים אלטען, ווי זיי האבען דאס געוואלט. אויך זיי וועלען זיך מוזען צוגעוואוינען צו דאס נייע!

אלזא, דער וועיסט נודס סטרייק איז א גאנץ לעבעדיגער און געפינט זיך אין א זעהר גוטען צושטאנד.

ברודער ס. שאר, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, איז דער טשערמאן פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע און ער האט אונטער זיין אויפזיכט דעם גאנצען סטרייק. נאטירליך, ער ארבייט אין הארמאניע מיט די דזשענעראל בעאמטע פון אונזער אינטערנעשאנאל און שטעהט אימער אין פארבינדונג מיט'ן אינטערנעשאנאל אפיס.

די ברידער וו. דייוויס און מ. זייעץ, שאר'ס מיטהעלפער אין צייט פון פריעדען, העלפען איצט א סך מיט צו פיהרען דעם סטרייק. ברודער דייוויס איז דער טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע און ברודער זייעץ איז דער טשערמאן פון דער סעטעלמענט קאמיטע. און דיזע ביידע קאמיטעס זיינען פון דעם ערשטען טאג פון סטרייק גלייך פארווארפען געווארען מיט א סך ארבייט. די סעטעלמענט-קאמיטע געפינט זיך אין דעם בראדוויי סענטראל האטעל. ס. גרעקין, א מיטגליעד פון דער עקזעקוטיווע פון דעם לאקאל 62, איז דער טשערמאן פון דער האל קאמיטע. אויך די טשערליים פון די אנדערע קאמיטעס זיינען מיטגליעדער פון זייער עקזעקוטיוו באארד.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס שוועסטער מאלי ליפשיץ, די זעהר איבערגעבענע סעקרעטערין פון לאקאל 62, טוט אלעס וואס זי קען נאר צו העלפען דעם סטרייק.

קורץ, דער וועיסט נודס סטרייק שטעהט אויסגעצייכענט גוט! א סך בעסער ווי אפילו די גרעסטע אפטימיסטען אין דער יוניאן האבען ערווארט, און לויט אלע סמנים וועט זיך דער סטרייק ניט לאנג ציהען. די אינדעפענדענט באסעס וועלען באלד אלע זיין אפגעסעטעלט און די אסס'ן באסעס וועלען מוזען נאכקומען. עס איז איצט אין דעם טרייד דא א סך ארבייט און זיי וועלען פשוט ניט קענען ביישטעהן דעם נסיון צו פארלירען אזא גוטען סיזאן.

עס געהט, אלזא, אויף א לאד אויף אלע אונזערע אינטערנעשאנאל פראנטען.

א סטעף רעפארטער.

עהרענליסט פון די הונדערט פראצענט יוניאן קלאוק שעפער

מיר פאנגען דא אן דרוקען די ליסט פון שעפער, אין וועלכע די ארבייטער האבען שוין איינגעצאהלט דעם 5 דאלאר טעקס איג פול.

עס טוט אונז הנאה צו זאגען, אז די אויסגערעכענטע שעפער זיינען געווען פון די ערשטע וואס האבען פארשטאנען די וויכטיגקייט דערפון און מיט גרויס באגייסטערונג האבען די קלאוקמאכער וואס ארבייטען אין די שעפער דעם טעקס איינגעצאהלט.

אין ענדע פון דעם מאנאט וועלען זיך פיליכט אנפאנגען די קאנפערענצען מיט די ארבייטס-געבער פון דער קלאוק אינדוסטריע פאר א נייעם אגרימענט, און ביז דאמאלס וועט דער 5.00 טעקס מוזען פון יעדען מיטגליעד באצאהלט ווערען.

דער קלאוקמאכער האט שוין דורכגעמאכט פיעלע קעמפפע. יעדער קאמף איז פארבונדען מיט פיעל געלד. דאס מוזען די קלאוקמאכער אין זינען האבען, ווען זיי ווילען געווינען די פאדערונגען וואס די יוניאן דענקט צו שטעלען.

צוליעב מאנגעל אין פלאץ קענען מיר ניט דרוקען אין דעם נומער אלע שעפער וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אלס א הונדערט פראצענט יוניאן שאפ. די נעמען פון די איבריגע שעפער וועלען פארטגעזעצט ווערען אין דעם נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט."

שאפ טשערלייטע, ווילט איהר אז אייערע שעפער זאלען קריגען דעם עהרען מעדאל? זעהט אז אייערע שעפער זאלען זיין צווישען די ערשטע איינצוצאהלען דעם טעקס גאנצע הונדערט פראצענט.

אסאסיאיישאן שעפער:

אמסטערדאם און זאקס, 105 מעדיסאן עוו.
א. שווארטץ און קא., 20 וו. 33טע סט.
לינקער און קליין, 12 וו. 31טע סט.
פאבער און עין, 38 א. 32טע סט.
מעדאוו און סטראסמאן, 303 פינפטע עוו.
דזשייקאב ראפאפארט, 105 מעדיסאן עוו.
אי. ל. מאיער, 105 מעדיסאן עוו.
סינגער בראס., 136 מעדיסאן עוו.
אי. בארענשטיין, 303 פינפטע עוו.
בארנשטיין און מייערס, 151 וו. 26טע סט.

אינדעפענדענט שעפער

היימאן און ביינדער, 138 וו. 25טע סט.
סאלאמאן און בלום, 112 מעדיסאן עוו.
דזשאזעף ה. קאהען, 30 א. 33טע סט.
גודעלמאן און קאוטי, 143 וו. 28ט עסט.
פעכטער און לעסער, 16 א. 17טע סט.
מאקס דיר, 12 וו. 17טע סט.
אדוואנס סטייל קא., 134 וו. 17טע סט.
גאלדשטיין און סיפקין, 142 וו. 24טע סט.
הארוויטץ און עהרליך, 32 א. 31טע סט.

דאון-טאון דיסטריקט.

דווארקין, 47 א. 8טע סט.
יארק קלאוק קא., 67 א. 8טע סט.
גאלדבערג און שולמאן, 85 א. 10טע סט.
יארעשעווסקי, 85 א. 10טע סט.
אימפעריאל קלאוק קא., 58 וו. 14טע סט.
ווט. ווארם, 8 א. 12טע סט.
פערלאוו בראס., 45 א. 8טע סט.
ניופארט קלאוק קא., 40 א. 12טע סט.
ניומאן און יושקאוויץ, 79 פערטע עוו.
פראנק שווארטץ, 36 א. 10טע סט.
שווייצער און גראס, 41 א. 8טע סט.
לעצטער, 65 פערטע עוו.
קריינער און פאקולסקי, 79 פערטע עוו.
פערבער, 79 פערטע עוו.
לעהרער און קאלינג, 28 א. 10טע סט.
גליק און אייזענשטיין, 34 א. 10טע סט.
גאלדבערג און סאן, 36 א. 10טע סט.

סקווירט און דרעס שעפער.

דהי אינטערנעשאנעל דרעס קא., 138 וו. 25טע סטריט.
קאזלאוו און וואלמאן, 158 וו. 23טע סט.
הערשער און טיסענבאום, 23 א. 20טע סט.
בראווינסקי און לובין, 141 וו. 24טע סט.

וויכטיגע באשלוסען אין דער ריפערמאכערס יוניאן לאקאל 17

מיר האבען לעצטע וואך אנגענומען צוויי העכסט וויכטיגע באשליסע וועגען וועלכע מיר וועלען דא ריידען.

דער ערשטער באשלוס איז וועגען מעמבערס וואס פארנאכלעסיגען צו צאהלען זייערע דיוס. מיר האבען שוין איינגיגע מאל געשריבען און גערעדט וועגען די צייט און ענערגיע וואס די בעאמטע פון דער יוניאן דארפען אוועקגעבען אויף ק א נ ט ר א ל ס.

די קאנטראלס זיינען שוין אוועק אזוי ווייט אז דאס איז כמעט געווארען די העכסט וויכטיגע ארבייט אין דער יוניאן. יעדער ביזנעס אייזשענט טראגט זיך ארום מיט לאנגע מגילות אין די קעשענעס. דאס זיינען די קאנטראל-בליינקס. ער קאנטראלירט און פארטיג.

שטעלט זיך אבער די פראגע: אויב די מעמבערס באצאהלען די דיוס סיי ווי סיי, אויב ניט אין צייט, איז נאך דעם ווי דער ביזנעס אייזשענט געהט ארויף קאנטראלירען, — היינט וואס לוינט זיך דאס דעם מעמבער אין גאנצען? איז דאך שוין בעסער אז מען באצאהלט די דיוס אליין, אהן קאנטראלס און לאזען בעסער דעם ביזנעס אייזשענט טאן זיין ארבייט, וואס ער דארף טאן, — ווי זעהן אז מען זאל מאכען א לעבען אין די שעפער און יוניאן-קאנדישאנס זאלען הערשען אומעטום, א. א. וו.?

מיר ווייסען פון ערפאהרונג ווי אזוי די גאנצע געשיכטע ענטוויקעלט זיך. אייניגע זיינען פון דער נאטור נאכלעסיג. זיי גלויבען אין דער פאליסי: קום איך ניט היינט, קום איך מארגען. דערווייל ווערען זייערע ביכלעך אויסגעמאכט און אום צו ברייגנען זיי צוריק צו זייער אמאליגען גלאנץ, פאדערט זיך שוין אויסערגעוועהנליכע אויפפאסונג (סטעמפס א סך). דאן ענטוויקעלט זיך שוין אן אנדער פראבלעם: וואו נעמט מען א 5-6 דאלער? ווארט מען אויף בעסערע צייטען. ס'ווערט קומען דער סיזאן וועט מען באצאהלען. ביז דער סעזאן קומט קלייבט זיך שוין אן נאך א 5-6 דאלאר, היינט ווי קען מען דאס זיך פארגינען אזא פארגעניגען אוועקצולייגען אין דער יוניאן 10 דאלאר. פאנגט מען אן צו גלויבען אין נסים. — דער ביזנעס אייזשענט וועט ניט קומען אין שאפ, און טאמער וועט ער יא קומען, וועט ער איהם פארזעהן. און טאמער וועט ער איהם ניט פארזעהן, וועט ער זאגען ער האט דעם ביכעל אין „יענעם" סוט, ער האט פארלארען דעם ביכעל, ער האט ניט געארבייט, אדער די בהמה האט זיך ביי איהם אויפגעהערט צו מעלקען א. א. וו.

נסים טרעפען זיך אבער זעהר זעלטען, און דער רעזולטאט איז אז דער ב ר ו ד ע ר מוז באצאהלען סוף כל סוף. און וואס האט דער גוטער ברודער פון דעם? ער באצאהלט מיט שאנדע, מען האלט איהם אין איין קאנטראלירען, מען שלעפט איהם אהער און אהין, היינט לאזט מען איהם ארבייטען, מארגען ניט, ביז ער ווערט מיט לייטען גלייך.

נאטירליך, אין א שאפ וואו עס געפינען זיך א צוויי-דריי לאנגזאמע צאהלערס צאהלט שוין דערווייל דער גאנצער שאפ ניט. א איד גלייכט ניט צו צאהלען ווען אנדערע צאהלען ניט. פאר וואס? איז דאס שעהן? איז דאס ביזנעסמעסיג?

מיר ווילען ניט האבען אזא צושטאנד אין דער יוניאן. מיר גלויבען אז עס איז ניט פאסיג פאר יוניאן לייט, אז מען זאל זיי דארפען קאנטראלירען, טאמיר פאהרט איינער אונטערן באנק אהן א בילעט. מיר ווילען אז יעדער מעמבער זאל זיין זיין אייגענער קאנטראלער — ניט מעהר און ניט ווייניגער.

מיר האבען דערפאר באשלאסען אז יעדער מעמבער וואס וועט פארנאכלעסיגען צו צאהלען זיינע דיוס רעגעלמעסיג און וועט זיך ערלויבען צו שולדיג זיין מעהר ווי 26 וואכען, וועט אויטאמאטיש אויסגעשלאסען ווערען פון לאקאל. אזעלכע מעמבערס וועלען מוזען באצאהלען נ י י ע איינטריטס געלד אין אלע זייערע שולדען אויב זיי וועלען וועלען ארבייטען אין א יוניאן שאפ און זיין פאררעכענט אלס יוניאן לייט.

דיעזער געזעץ טרעט אריין אין

(שלוס אויף זייט 19)

מאמענטאן אויסגעצאהלט אהן אירגענד וועלכע שוועריגקייטען.

ווי איהר זעהט, אלזא, ארבייט דער גרויסער סטרייק-מעכאניזם מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אין אלע דעפארטמענטס, אין אלע אפטיילונגען פון דער וואונדערבארער מאשין, וואס איז באקאנט אלס די דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

זייענדיג אין ארלינגטאן האלל האב איך באמערקט בלויז איין כאראקטעריסטישע מיספארשטענדניס פון א איטאליענישער סטרייקערין. זי האט געהערט אז פארהייראטע סטרייקער באקומען 8 דאלאר א וואך סטרייק בענעפיט און סינגעל לייט באקומען 5 דאלאר א וואך, זי איז פארהייראט און האט בארלאנגט 8 דאלאר, אנשטאט די 5 וואס זי האט באקומען.

אויף דער פראגע צו זי האט א מאן, האט זי געענטפערט אז יע, אבער, זאגט זי, ער איז אויך א סטרייקער, ער איז א מיטגליעד פון אן אנדער לאקאל יוניאן.

— וועלל — זאגט צו איהר ברודער וואנדער — דאן באקומט ער דאך אויך סטרייק בענעפיט פון זיין לאקאל יוניאן.

קורץ, ברודער וואנדער האט איהר ערקלערט, דאס די יוניאן גיט 8 דאלאר א וואך ניט בלויז דערפאר וואס מען איז פארהייראט, נור אין פאל די פארהייראטע פערזאן האט צו באזארגען א פאמיליע און דאס אזוי ווי אין איהר פאל ארבייטען ביידע, אי זי, אי איהר מאן, ווערט זי דעריבער פאררעכענט פאר „סינגעל" און איז בארעכטיגט בלויז צו 5 דאלאר א וואך. זי איז צופריעדען געווען מיט דער ערקלערונג און גענומען דעם 5 דאלאר שטיק, וועלכען זי האט פריהער זיך ענטזאגט צו נעהמען.

רעדענדיג וועגען דעם, ווילען מיר שוין אין איין וועגס אויפמערקזאם מאכען די טשערליידים פון די וועיסט שעפער וואס זיינען נאך אין סטרייק, דאס ביים אויסמאכען די ליסטען פאר'ן סטרייק בענעפיט, זאלען זיי אימער טרייען אויסגעפינען, צי די פרוי וואס גיט זיך אן אלס פארהייראט, האט ניט א מאן, וועלכער ארבייט גלייך מיט איהר. אין יעדען פאל אזעלכען, דארף מען דער סטרייקערין ערקלערען, דאס זי איז בארעכטיגט בלויז צו 5 דאלאר א וואך סטרייק בענעפיט, כאטש זי איז פארהייראט. 8 דאלאר א וואך דארפען באקומען בלויז די סטרייקערינס, וועלכע זיינען אליין די „סופארטער" פון דער פאמיליע."

טעריל איז קראנק, — האט זי געזאגט. — ווען טעכטעריל איז קראנק, — האט זי געזאגט. — וועמעס טאכטער? — די טאכטער פון קעניג וואפס. אט דא ליגט זי. — וואו? — אט דא אויפ'ן שפינוועבס. זי האט א הוסט... — יא, וואס איז געווארען אינגעבארג פאר מיין פרוי און פאר מיר?

— כי־כי, א פרייד אויף די עלטערע יאהרען. — ער האט זיך פארהוסט, פארווארפען דעם קאפ און טרערען האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באקען.

אלץ האט דער אלטער דערצעהלט וועגען אינגעבארג. ער איז געווארען רערעוודיג די לעצטע יאהרען. נאר איך האב גע־הערט; מיין דאגה, זאל ער.

— יא, יא, שלאפט אין וואלד אלע נאכט. פארשטענד־ליך, אונזער אינגעבארג דארף דאך האבען אויך איהרע פאר־גניגענס.

פונקט ווי דער גיטגוטער וואלט מיך א שטופ געטאן, האב איך זיך אפגערופען:

— אפשר האט זי א געליעבטען, וועמען זי באזוכט הא?

גראף פלוגען האט א פייף געטאן דורך די ציין און א בליג־צעל געטאן מיט די אויגען.

— וואס אייך האט געקענט איינפאלען! ניין, ניין, א פאלשער פארדאכט, — אמת, ער איז זעהר באגאבט און שעהן, נאר איינס פעהלט איהם — ער איז קיין מענש ניט, ער איז קראנק, זעהר קראנק, אהן צווייפעל. שטעלט זיך אליין פאר, פון צוועלף יאהר האבען זיי איהם געשלעפט פון שטאדט צו שטאדט. ניין, ניין, וואס אייך האט געקענט איינפאלען!

גראף פלוגען האט זיך צולאכט.

איך האב זיך אויך צולאכט.

— באזוכט אונז אמאל! וואס, ניטא קיין צייט? איך גלויב, אז אויך, אונזער אינגעבארג וועט זיין צופריעדען. ניט לאנג צוריק האט זי געזאגט: „וואָרום וויזט זיך פירסט אק־סעל, אזוי זעלטען?"

— איך וועל, אונבאדינגט אייך אין גיכען באזוכען. איך גריס פרייליין אינגעבארג.

— דאנק, א דאנק, דאס וועט איהר זיין נעווים זעהר אנ־גענעם. זי האט מיר אמאל אנגערעדט וועגען אייערע אויגען, נאר מען קען דאס — כי־כי — מיין יונגער פריינד, ניט אי־בערגעבען. פריהער האט זי זיך פארגעשטעלט אייך אין־גע־שטאלט פון דעם ריטער פון דער בלויער בארד — באמת, אט פונקט ווי אין דער לעגענדע — דערנאך האט זי אייך געזעהן לעצטען פריהלינג. — פאפא! — האט זי געזאגט, און טאקע באלד אנגערעדט וועגען אייערע אויגען. נו, צום ווידערזעהן, יונגער פריינד. א גליקליכען יאגד!

12

גליקליכע טעג! בלויע נעכט! שעהן איז דאס לעבען! די טעג פארגעהען אין בארוישונג און די נעכט ווי א מעשה'לע. די טעג זיינען פול מיט פרייד און גלעבטער, און מיט קושען די נעכט.

איין מאל אין א זונטאג איז א מענש צו מיר געקומען. איך בין געשטאנען ביים פענסטער און געזעהן, ווי ער איז געגאנ־גען איופ'ן באגרינטען וועג.

א דיקער שטעקען האט געשפרייזט צוזאמען מיט דעם מענש. דער שטעקען האט געמאכט נאך גרעסערע שפרייזען פון דעם מענשען און איז שטענדיג געווען פריהער פאר איהם. דער מענש האט זיך אפגעשטעלט און מיט'ן שטעקען א קלאפ געטאן אן דער ערד.

— איז דער הערר אין דער היים? — האט ער אריבער־געשריען איבער דער לאנקע.

— יא, דער הערר איז אין דער היים.

דער מענש האט באלד ווידער גענומען שפרייזען, ער האט זיך פארנומען צו דער טיר און צוזאמען מיט זיין שטעקען איז ער פארשוואונדען אין הויז אריין.

עס האט זיך דערהערט א גרויסער קלאפ און דאס באוואק־סענע דונקעל־ברוינע פנים מיט די גלאנצענדיגע העל־בלויע אוי־גען האט זיך באוויזען אין דער טיר.

— גוט מארגען, — האט אויסגערעדט דער מענש און אריינגעגאנגען האלטענדיג אין האנד דעם שטעקען.

— ער איז א האלץ־העקער, ער קומט פון וואלד, מען רופט איהם פארכטעהאט היזעלהער.

— זעהר אנגענעהם, — האב איך געענטפערט און דער־לאנגט דעם גאסט מיין האנד.

— זייט ניט אונגעדולדיג, מיין הערר! — האט אויס־גערעדט דער מאן וואס איז געקומען פון וואלד. ער האט צו־גערוקט נעהנטער צום טיר זיין שטול און זיך בעקוועם אריינ־געזעצט אין איהם. ער האט אוועקגעלעגט זיין הוט און דעם גראבען שטעקען אויף די קני; ער האט ארומגעקוקט מיין צי־מער, וואס איז געווען פול מיט אנטיקען און מיט פאראכטונג א שמייכעל געטאן.

ער האט געהאט א קאפ פון אן אפאסטאל; זיין פנים איז געווען ארומגעקראנצט מיט א קראנץ פון שווארצע גע־קרויזטע האר; זיינע לאנגע ברעמען האבען האלב־פארדעקט זיינע העל־בלויע פארטרויליכע אויגען.

דער מענש האט געהאט לאנגע הענד, עהנליכע אויף העק, זיי זיינען געווען בארעקט מיט קריצען און שניטען, די נעגעל פון זיינע פינגער זיינען געווען צובראכען און פון א דונקעל־ברוי־נעם קאליר.

— יא, איך בין געקומען פון וואלד, — האט געזאגט דער לאנג־באַרדיגער און א קוק געטאן אויף מיר. — ניט קיין קליי־נער וועג אהער, ניט קיין קלייגער. עס איז אבער אנגענעהם זיך הורכצוגעהן און באוואונדערן גאט'ס וועלט.

אנגענעהם איז זיך דורכצוגעהן און באוואונדערן גאט'ס וועלט, — אין דעם איז ער גערעכט.

דער מענש האט ארויסגענומען פון קעשענע א גרויס בלוי נאז־טיכעל און הויך אויסגעשנייצט זיין נאז.

— די תבואה איז געראטען, דער קארטאפעל — אויך. אביסעל מעהר רעגען וואלט ניט געשאדט. יא, גאט באזארגט דעם מענשען אזוי גוט ווי די בהמה.

ער האט צוזאמענגעלייגט זיין נאז טיכעל, א פאר מאל א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און זיך צושמייכעלט.

עס האנדעלט זיך וועגען דעם, וואס ער איז אינגעבארג'ס פאטער. איך קען דאך אינגעבארג, ניט אמת?

— נעוויס, נעוויס!

— הם... דער גראף איז א גוטער מענש, א גילדען הארץ. ער האט צו זיך גענומען אינגעבארג און ערצויגען זי ווי א דאמע — דאס אלץ איז גוט און ריכטיג. אינגעבארג האט א גוטען קאפ, דאס האט דער גראף גלייך באמערקט. „ווער איז דיין פאטער?" האט געפרעגט זי דער גראף. „ער זעגט בוי־מער פאר שיפען און מיין מוטער איז א דענישע", האט איהם אינגעבארג געענטפערט.

זי איז איהם געפעלען געווארען און באזונדערס איהר שטי־מע, — דאס אלץ איז גוט און ריכטיג — א סך מיילער עסען פון מיין טיש. יעדער מענש דארף זיך אין אונזערע צייטען עפעס אויסלערנען. אין וואלד קען מען דאס ניט דערוויזען. דאס אלץ איז גוט און ריכטיג. איך האב זי ניט גערען אבגע־געבען, דאס איז פיעל בעסער געווען פאר מיר. איך האב זי דאך געקענט אפט זעהן. איז עס ניט צוליעב דעם, איז עס צו־ליעב אן אנהער אויסרייד, בין איך אפט אריינגעגאנגען אין שלאס.

דאס אלץ איז גוט און ריכטיג, — האט ווידערהאלט היי־זעלהער און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף די ברייטע פלייצעס.

—דאס אלץ איז גוט און ריכטיג, יא, יא, — היזעלהער האט אפגעהוסט, גענומען דעם גראבען שטעקען אין האנד אריין און א פאר מאל א וויג געטאן מיט איהם.

ער האט א קוק געטאן אויף מיר און עפעס א בורטשע גע־טאן אין בארד אריין. דערנאך האט ער אזא זיפץ געטאן, אז די וואנצעס האבען זיך א וויג געטאן.

— דאס אלץ איז גוט און ריכטיג, נאר טיילמאל דאכט זיך מיר, אז אפשר וואלט בעסער געווען פאר אינגעבארג, ווען זי וואלט ניט געווען אין שלאס. בעסער שוין זיין ארעם, נאר האבען א ריין הארץ, איידער פארוואנדעלט ווערען אין א דא־מע, — יא, יא, הם... איהר האט פארשטאנען?

— אין וואלד קומט די זינד ניט אריין. ווייסט איהר, פריץ, אין וואלד דארט, דארט, וואס דארט?

— וואס איז אין וואלד ניטא? א גערויש איז אין וואלד, פול מיט דופט איז דער וואלד, טראפענווייז טריפט דער פעך פון די בוימער. אך, פריץ, ווי דער וואלד רויש! איך ווייס עס. שוין פופציג יאהר וואוין איך אין וואלד און הער, ווי ער רוישט. אלץ רוישט ארום, דער וואלד רעדט!

דער מענש פון וואלד האט זיך אויסגעצויגען אין זיין שטול און איז אזוי געזעסען מיט אן אויסגעשמרעקטער האנד און לייכטענדיגע אויגען. ווי ער וואלט גערעדט מיט די בוי־מער פון וואלד.

און פורכטעהאט היזלעהער האט נאך לאנג גערעדט וועגען דעם וואלד; ער האט דערצעהלט, אז אין די זונטאגס קר־מען צו איהם זקנים און פרויען און ער ערקלערט די הייליגע שריפטען. ווער האט איהם געגעבען קראפט צו קענען ערקלערען די הייליגע שריפטען? — גאט און דער וואלד! — דערנאך האט ער זיך מיט'ן שטול א רוק געטאן פאראויס און געזאגט: איך בין געשיקט פון גאט דיר דאס צו זאגען. עס איז נאך צייט זיך צו באזינען. אין ביכער און אין נאקעטע פרויען אויף די ווענד — איז דא זינד, און אין וואלד — גאט. צווישען מיר און דיר ליגט א גאנצער תהום, מיין פריינד!

זיינע אויגען האבען גענומען לויכטען און ער האט א פיהר געטא מיט'ן שטעקען א שטריך אויפ'ן דיל. — דא — האט ער געזאגט — איז דער ארעמאן און דא — דער רייכער, דא — גאט און דא — דער טייפעל. יא! — ער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, אז זיינע האר האבען גענומען ציטערען און אויפגערעגטערהייט האט ער פארטגעזעצט: — דער גיהנום איז באשטימט פאר די רייכע. רייכטום און אונגלויבען, איז איינס און דאס זעלבע! מיין טאכטער איז געווארען א רייכע, יא, נאר איך האב זי אבגעלאזען פון זיך און פון איהר מוטער ניט דערפאר, אז זי זאל ווערען אויסער דעם אויך אן אונגלויבינע! זי האט ארעמע עלטערען, וואס וואוינען אין וואלד און דערפאר טאר זי ניט ווערען אן אונגלויבינע.

דא האב איך אנגעהויבען צו ריידען: גאט פון הארצען וועט זי יעדענפאלס, ניט אנווערען.

— ער האט בייז א שמייכעל געטאן.

— און ביסטו דען ניט אליין דער זוהן זון זינד? — יא, גאט האט איבעראל צושטעלט זיינע סטאנציעס. איך האב גע־קראגען א בריעף פון אן אומבאקאנטען.

(פארטזעצונג פאלגט)

א בייישפיעל פאר די סטרייקענדע ווייסט מאכער

(א פאר ווערטער וועגען דעם סטרייק ביי דער ניו־בארט קאסטום קא., וועלכער איז גע־סעטעלט געווארען נאך אן אכצעהן־וואכיגען קאמפף.)

אייך, מיינע שוועסטער און ברידער, די סטרייקענדע ווייסט און דרעסמאכער, וויל איך דערצעהלען עטוואס, וואס דארף אייך געבען מוט און ענטשלאסענהייט אין אייער גרויסען קאמפף.

איך וויל אייך דערצעהלען עטוואס פון מיינע פערזענליכע ערפאהרונגען פון דעם 18-וואכעדיגען סטרייק, וועלכען מיר האבען אקארשט געסעטעלט, אין דעם באריהמטען בלוטיגען קיי־בילדינג, 105 מעדיסאן עוועניו, 30טע סטריט.

א בלוטיגער קאמפף איז דאס געווען. אבער ער איז העלדיש געפיהרט און אויסגעקעמפפט געווארען.

די באסעס האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין זאך, מיט ארעסטען אליין האבען זיי זיך ניט צופרידענגעשטעלט, איך פערזענליך בין אוועקגעשיקט געווארען אויף 20 טעג אין בלעקוועלס איילאנד. און דאך האבען זיך אונזערע בראווע סטרייקערינס ניט אפגעשראקען און פארטגעזעצט דעם סטרייק מיט מעהר מוט, מיט מעהר איבערגעגעבענהייט. און די באסעס, נאך א לאנגען ראנגלען זיך, פארלירענדיג שווערע טויזענדער, האבען ענדליך איינגעזעהען, אז דער קאמפף מוז ענדליך אויפגעגעבען ווערען, און די ניופארט קאסטיום קאמפאני האט דעם 13טען פעברואר געסעטעלט מיט דער יוניאן, נאכגעבענדיג אלע יוניאן פאדערונגען.

ווען אימיצער פון די, וועלכע האבען אונז ניט געקענט, פלעגט פארבייגעהן דעם בילדינג, פלעגען זיי זאגען: „א, א סטרייק אין דעם קיי בילדינג, ניט איהם בעסער אויף, איהר וועט איהם ניט געווינען. אבער זיי האבען געהאט א טעות. דעם סטרייק האבען מיר דאך געוואונען.

איך וויל אויך באמערקען, אז קיין 20 טעג אין פריזאן בין איך אויך ניט געזעסען. די יוניאן האט אנגעווענדעט אלע איהרע כחות, און נאך 7 טעג זיצען, האט מען מיך ארויסגענומען.

מיט פריינדליכען גרוס צו אלע סטרייקערס,

לינע סימאן.

ליידיעס טיילארס לאקאל 80

ביי דער פירמע שיסעל זיינען גע־סעקט געווארען דריי שניידער. נאך איי־ניגע קאנפערענצען אבער מיט דער פירמע זיינען צוויי צוריקגענומען געווארען און האבען געקראגען באצאהלט פאר דער פארלארענער צייט צו צוויי וואכען יעדע־רער, און דער דריטער האט געקראגען 2 וואכען וויידזשעס און ער האט פארלאזען דעם פלאץ.

ביי די פאלגענדע פירמעס האט די יוניאן געקראגען א העכערונג אויף זייערע וויידזשעס פאר דער לעצטער וואך: ביי דארף, 2542 בראדוויי; ביי וויענער, 60 איסט 116טע סטריט; ביי האלץ, 301 איסט 6טע סטריט; אלגאנארדי, 69 2טע עוועניו. אויך אין אנדערע שעפער ווערט יעצט פארהאנדעלט וועגען א הע־כערונג אין וויידזשעס.

אין טרייד איז גאנץ ביזי און די באר־לעבאטים רופען אפ דעם אפיס פון דער יוניאן נאך ארבייטער, נאר אנשטאט די ארבייטער זאלען קומען אין אפיס אום צו הערען וואס הערט זיך אין טרייד און אויסגעפינען וועגען ארבייט, געהען זיי קלאפען די טירען פון די שעפער. ווען די וניאן שיקט ארויף אן ארבייטער, ווייס ער אז ער וועט דארט קענען מאכען א סעזאן.

אזוי שטעהט דער לאקאל זעהר פיין. די מעמבערס צאהלען זייערע דיום און די קליוולענד אסעסמענטס; זיי נעהמען ארויס זייערע בלויע קארדס.

נאר איין זאך, די מיטינגען באזוכען זיי זעהר וועניג.

ב. האזאנאוו,

ארגאנייזער לאקאל 80.

איינגעבארג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארטזעצונג)

.11

די בלומען פון די טאפעטען האבען, דאכט זיך, אויפגע־בליהט און געדופטעט. עס האבען געשמייכעלט די פארטרעטען פון די עלטער־זיידעס אין די קאמישע היטלעך און פריזורען. ליזעלאט, געבארען ווייקערסבאך, האט געבלינצעלט מיט די אויגען אויף מיר. איך האב זיך געשטעלט פאר איהר בילד און געשמייכעלט. — יא, — האב איך געזאגט, — איך בין דיר שוין מעהר ניט טריי, ליזעלאט, אזוי איז שוין די ליעבע!

וואס האבען וועגען מיר געטראכט די דיענער און די דיענס־טען? זיי האבען געקוקט אויף מיר און געטראכט, אז מיין שכל איז פארדונקעלט געווארען. זיי האבען ניט פארשטאנען, פאר וואס די טרעפ זיינען געווען פארזייהט מיט בלומען, פונקט ווי צו א חתונה; זיי האבען ניט פארשטאנען פאר וואס איז אין מיין צימער דער טעפיך אויסגעזעהט היינט מיט קארן־בלו־מען, מארגען מיט מאהן און איבערמארגען מיט בירקען־בלעטער.

פאר'כשופ'ט איז דאס הויז! אפט האב איך געעפענט אלע טירען און שפאצירט איבער די צימערן. איבער אלע ווינקלען האב איך זיך געטראגען מיט א הארץ, וואס איז געווען פול מיט פרייד און פרייהייט.

עפעס גאר אן אנדערע לופט איז געווען אין דעם פאר־כשופ'טען הויז.

אט די לופט האט פארבארגען אין זיך אויסרופען, מור־מעל־ווערטער, בליקען, ציינען קריצעניש, דעם רויש פון גיכע טריט. פיעל סודות זיינען פארהאן אין אט דער לופט: א שטיל געלעכטער, פארליעבטע ווערטער, הענט, וואס וויקלען זיך ארום א האלז, דער פורפור פון ליפען, דער קלאנג פון א צונג. דו טראכסט וועגען גארנישט און מיטאמאל דערהערסטו דיין אייגענעם נאמען, — די לופט שרייט איהם ארויס; דו דערזעהסט מיט אמאל א מויל, וואס פארלעשט דאס ליכט; זעהסט זיך אליין, פונקט ווי אין א שפיגעל, ווען דו בא־טראכסט דעם אויסדרוק פון דיינע גליקליכע אויגען. די לופט שפיגעלט דיך אפ.

א גאנצען טאג האט די זון שפאצירט אין דעם הויז. זי האט זיך פארקליבען אין די פענסטער, אין די שפאלטען פון שלאס. עס איז אנגעקומען דער אוועגד און אויף א ווײלע איז אלץ שטיל געווארען און אפגעשטארבען. נאר קוים זיינען אויפגעגאנגען לבנה און שטערען האט אלץ ווידער אויפגעלעבט אין הויז.

אונטען אין דערפעל האבען געשלאגען די זייגערס. איינס, צוויי, דריי — צעהן. אונטען אין טאל האבען געשלאגען די זייגערס. איינס צוויי — עלף.

א וועהען האט זיך דורכגעטראגען איבער'ן הויז. אויף די טרעפ הערען זיך טריט. עפעס ליכטיגעס האט א גלאנץ גע־טאן, אריינגעריסען זיך. —

איינגעבארג איז געקומען!

אלץ האט גענומען מורמלען, רוישען, סוד'ען זיך און לא־כען אין מיין צימער. ווי א קליינער פאנטאן וואלט אנגעהוי־בען זינגען זיין ליעד און קייכען פאר געלעכטער. ניט אנדערש, די אלע הערען אין די קאמישע פריזורען און היטלען זיינען ארוים פון די ראמען און באשטימט צוזאמענקונפטען אין מיין צימער.

פיעלע, פיעלע נעכט איז איינגעבארג געקומען צו מיר. מיין הארץ האט געקלאפט אין די לאנגע שטונדען פון ערווארטונג. מיט וויפיעל פרייד האט איהר מיין הארץ באגעגענט! א, ווי מיר האבען זיך געפרעהט איינער מיט'ן צווייטען! פונקט ווי מיר וואלטען זיך לאנגע יאהרען ניט געזעהן, און די ליידענ־שאפט פון אונזער ליעבע האט זיך טויזענדפאך פארגרעסערט.

מיר זיינען געשוואומען אין אונזערע בליקען, דער צונג פלעגט זיך פארהאקען, מיר פלעגען זיך ווארפען צו קושען די שפיץ פינגער — אט אזוי פלעגען מיר זיך באגעגענען. אפטמאל פלעגען מיר גארנישט ניט רעדען, בלויז נעמען זיך פאר די הענט און לאנג שמייכלען איינער צום צווייטען.

אין דער שטילקייט פון דער נאכט פלעגט איינגעבארג קו־מען צו מיר פונ'ם וואלד. איך האב ניט געוואוסט אבווארטען און באגלייטען זי.

— ניין, ניין, דיין געליעבטע איז א ווילדע, זי וואוינט אין וואלד, זי קומט, געהט אוועק — פארשטעהסט?

זי האט קיינמאל ניט געזאגט, צי זי וועט קומען, איך האב דאס ניט געדארפט וויסען. טיילמאל האט זי געזאגט: „היינט וועל איך ניט קומען", נאר קוים פלעגט אנקומען די מיטען־נאכט, איז זי שוין געווען ביי מיר.

— ניט געקענט שלאפען, אקסעל.

— א דאנק, א דאנק, טייערע איינגעבארג! איך בין דא געזעסען און געטראכט פון דעם לעצטען בליק; היינט אוועגד האט ער אנגעצונדען מיין הארץ. איינגעבארג, היט זיך! איך וועל דיך דערשטיקען אין מיינע ארעמס!

— יא, יא! — זי האט פארווארפען דעם קאפ און פאר־מאכט די אויגען. איהרע צייהן האבען געשמייכעלט.

— באמת, איך וועל עס טאן. היט זיך, איינגעבארג! איך האב דיך ליעב, דו ווייסט עס. דו קענסט מיט מיר טאן אלץ, וואס דו ווילסט. איינגעבארג, דאס איז ניט קיין פראזע, ניין, באמת. דו קענסט מיך בלינד מאכען און איך וועל זיך ניט באקלאגען, ניין — איך וועל בלויז שמייכלען; דו קענסט מיך אריינטרעטען אין דער ערד, אלץ, וואס דו ווילסט נאר, קענסטו טאן מיט מיר. נאר היט זיך, מיין ליעבע איז געפעהר־ליך. מיין הארץ איז פול מיט ברענענדער ליעבע און מיט וואוט.

— א, אקסעל, ווי גוט איז גאט, וואס ער שענקט אונז אזא גליק!

איך ענטפער: ער ליעבט אלע, וואס ליעבען זיך, ווייס דאס, איינגעבארג. זעהסט, זאגט ער צו זיינע מלאכים, זיי ליע־בען איינער דעם צווייטען! און די מלאכים זאגען: א לויב צו דיר, פאטער פון ליעבע, גוט ביסטו, הער, יא!

די נאכט פארשווינדט, די נאכט פארשווינדט.

די היינטיגע נאכט איז פאראיבער גיכער ווי די נעכטיגע, די מארגעדיגע וועט פאראיבער גיכער ווי די היינטיגע, די איי־בערמארגענדיגע ווי די מארגענדיגע.

מיר פלוידערען. מיר שווייגען. מיר הערען זיך איין צום געזאנג פון פויגעל אין דעם שטילען פארק, וואס זינגט פון איהר גליק.

די נאכט פארגעהט...

— וועגען וואס, אקסעל, זינגט דער פויגעל? דו הערסט אלץ? זי האט נאר וואס ארויסגעזונגען דיין נאמען...

איינגעבארג קוקט אויף מיר. — פארבלייב אזוי — זאגט זי — פארבלייב אזוי — פארמאך די אויגען — שמייכעל אבי־סעל, אט אזוי! ניט ערדיש איז דער אויסדרוק פון דיינע אוי־גען! פארבלייב אזוי, באוועג זיך ניט! — זי לאזט שטיל זיך אראפ אויף די קניע און מורמעלט:

— פארבלייב אזוי, איך וויל קוקען אויף דיר. — שטיל פיהרט זיך מיט איהר פינגער איבער מיין האנט.

— איך האב ליעב דיין האנד, אקסעל, איך האב ליעב יעדע האר פון דיין האנד, יעדען נאגעל פון דיינע פינגער, פאר־בלייב אזוי! פארבלייב אזוי — איך וויל גלעטען דיין האנד.

איך זיץ מיט פארמאכטע אויגען. שטיל הויבט מען אויף מיין האנד, איינגעבארג'ס ליפען ריהרען זיך אן אן איהר. — א ציטער לויפט דורך דורך אלע מיינע אדערען. א פרייד גע־שריי ליגט דערשטיקט אין מיין ברוסט.

די נאכט פארשווינדט, עס רויכערט זיך דער מארגען. דאס העלע קלייד פארשווינדט אין דעם פריה־מארגען נעבעל. איך נעם די ביקס און לאז זיך אין וואלד אריין.

ווייט אין וואלד האבען זיך דערהערט צוויי שאסען.

— וואס האט איהר דערשאסען, הערר?

— גאר נישט, גאר נישט.

איך האב נישט געטראפען. מיין אויג איז ניט זיכער, דערצו ציטער איך אביסעל.

גאנץ צופעליג האב איך זיך אין וואלד געטראפען מיט גראף פלוגען, ווען איך האב מיר ארומשפאצירט מיט'ן ביקס אין האנד. פונקט ווי א קארליק איז ער צוגעגאנגען מיט זיי־נע לאנגע באמבעלדיגע הענד. ער איז געגאנגען אזוי, פונקט ווי ער וואלט וואס געזוכט אויף דער ערד.

— איהר קענט זיך פארשטעלען ס'ארא מאדנע באשע־פעניש איז דאס די איינגעבארג! — האט געזאגט גראף פלוגען און זיינע אויגען האבען א גלאנץ געטאן — טאג ווי נאכט לויפט זי ארום איבער'ן וואלד. כי־כי, אפילו ביי נאכט.

— יעדען זומער טוט זי אזוי, אבער דעם יאהר איז זי פשוט משוגע. שלאפט אין וואלד, אין וואלד.

איך האב זיך צולאכט.

גראף פלוגען האט זיך אויך צולאכט. ער האט זיך פאר־הוסט — אזוי שטארק האט ער געלאכט. — אייגענטליך איז עס ניט מעהר ווי נאטירליך — האט ער זיך א קלאפ געטאן מיט די הענד אין די היפטען — זי איז דאך געבארען געווארען אין וואלד.

— איך האב זי געפונען אין וואלד. פונקט ווי אין א מעשה, איז זי געזעסען, א העל־לאקיגע און געזונגען, אז מען האט געקענט הערען פאר א מייל ווייט. ווי רופט מען דיך? — מיך רופט מען איינגעבארג היזעלהער. — ווער איז דיין פא־טער? — ער האקט בוימער פאר שיפען און מיין מוטער איז א דענישע. — זי האט גערעדט אזוי קלוג און שפאסהאפט, אז מיר האט אויפגעשווידערט דאס הארץ.

— ביסטו ניט קיין וואלד־גייסט? — האט זי מיך גע־פרעגט. — יא. — אויב אזוי קען איך דאך דיך. איך האב דיך מיט דריי טעג צוריק געזעהן מיט א קוסט אויפ'ן קאפ און מיט א גרויסען שטעקען אין דער האנד. כי־כי־כי. — דו קענסט זינגען, איינגעבארג? — יא, איך וועל זיין א זינגערין, אזוי האט געזאגט מיין מוטער. — דערנאך האט זי מיר געוויזען א בוים מיט א לאך, אין וועלכען עס זיינען צוויי טויזענד קליי־נע וואלד־שדים געזעסען און געגעסען מיטאג. — און זיין טעכ־

זוערגאר און דער גרעסטער טייל פון אונ־זער סענאט פארדינען א הארציגען קאמ־פלימענט.

True translation filed with the Postmaster at New York City on March 5, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act.

לויבענסווערטע העלדען.

עליזאבעט וואקער בלעק, אן אמערי־קאנער ניורס פון רויטען־קרייץ, וועלכע האט זיך ניט לאנג צוריקגעקעהרט פון שלאכטפעלד, האט אנגעשריבען א בוך מיט'ן נאמען „האספיטאל העלדען" (האס־פיטעל היראס, ארויסגעגעבען פון סקריב־נערס). אין דעם בוך ווערט פון דער שרייבערין געגעבען א גאנצע רייהע אונ־געהויער אינטערעסאנטע פאקטען און בילדער פון דעם לעבען און איבערלעבונ־גען פון די נוירסעס אין די קריעגס־האס־פיטעלער. איבערלייענענדיג דעם בוך, קומט מען צום שלוס, אז צו זיין א נוירס אויפ'ן שלאכטפעלד איז אפשר זעהר רא־מאנטיש און אינטערעסאנט, אבער זיכער ניט באקוועם.

אין האספיטעל אויף א פראנצויזישען פראנט, וואו די שרייבערין האט פאר־בראכט גאנצע 10 מאנאט אלס נוירס, איז באשטאנען פון א רייהע לייכטע ביידלעך אויסגעשטעלט אויף א שנעע־באדעקטען פעלד. די פארוואונדעטע סאלדאטען אין דעם האספיטאל ווערען געהאלטען ווארים איינגעדעקט, און זיי ליידען דעריבער ניט אזוי שטארק פון קעלט. די נוירסעס אבער, וואס דרעהען זיך ארום און באדי־נען די פארוואונדעטע, — זיי ווערען גע־ביך אויסגעריסען פון די פרעסט, שנעען און רעגענס, וועלכע נעהמען דורך דאס לייב ביז די סאמע ביינער. אבער די נוירסעס באקלאגען זיך ניט; זיי האבען קיין צייט ניט צו טראכטען וועגען זיך און וועגען אייגענער באקוועמליכקייט. עס איז דא ארבייט ביז איבער'ן קאפ, און מען באמיהט זיך צו דערווארימען זיך דורך באוועגונג. זיי ארבייטען ניט קיין אכט שטונדען א טאג, נאר זעהר אפט — גאנ־צע 24 שטונדען אין מעת־לעת. ניט זעל־טען טרעפט, אז ווען די אנגעהארעוועטע נוירסעס לעגען זיך שוין צו ביינאכט (ניט אלע מיט אמאל, פארשטעהט זיך) אויף א שטונדע אפרוהען און כאפען א דרעמעל, הויבט פלוצלונג אן גיסען א רעגען, און מען דארף האלטען אין איין איבערוקען די בעטלעך מיט די קראנקע און פארוואונ־דעטע פון איין פלאץ אין צווייטען, פון איין ווינקעל אין אנדערען, און — ס'איז אוים מיט'ן שלאפען.

אויך מיט דעם עסען ווערען די קריעג־נוירסעס ניט זעהר געבאלעוועט. די שפייז איז אפט ניט צום עסען, און מען מוז זיך קליגען און באנוצען פארשיידענע קונצען צו „קאמאפלאזשען" די שפייז אזוי, אז מ'זאל זי כאטש קאנען נעהמען אין מויל אריין. וועגען פארדייען די שפייז לעגט מען שוין אפ די זארג אויף שפעטער; איבעריגענס, זיינען דאך דערצו אויך פא־ראנען מיטלען.

פאר דעם אייגענעם געזונט ווערט דארט אין אלגעמיין ווייניג געזארגט. ווי קען מען אין זינען האבען דאס אייגענע געזונט ווען מען זעהט ארום זיך אזוי פיעל ליידען און שמערצען און ווען מען קוקט אליין יעדע מינוט דעם טויט אין די אוי־גען? דער איינציגער ציעל פון דער טירם איז צו לינדערן די וועהטאגען פון די פאר־וואונדעטע, און איהר איינציגער און גרעסטער פארגעניגען איז צו זעהן די פאר־וואונדעטע זיך בעסערען.

די שרייבערין פון'ם בוך דערצעהלט אגב אורחא, וועגען דער מערקווירדיגער צערטליכקייט און הארציגער פריינדליכ־קייט, מיט וועלכע די פארוואונדעטע בא־ציהען זיך איינער צום צווייטען, און אלע אהן אויסנאהם צו זייערע נוירסעס. ניט ווייניג אינטערעסאנט זיינען אויך די פילע ריהרענדע דאנק־בריעף, וואס די שרייבע־רין האט באקומען פון א סך פון איהרע געוועזענע פאציענטען.

פון די אלע באשרייבונגען אין דעם בוך „האספיטאל היראס", ווי אויך פון דעם לייכטען, געמיטליכען טאן, אין וועל־כען די שרייבערין דערצעהלט וועגען איה־רע ערפאהרונגען און איבערלעבונגען אלס נוירס אין די קריעגס־האספיטעלער, בא־קומט זיך דער איינדרוק, אז טראץ דער שרעקליכער ברוטאליטעט פון קריעג בכלל, רופען די ליידען און יסורים, וואס דער קריעג שאפט, ארויס א סך עכט־מענשלי־כע און עדעלע געפיהלען; און אז עס איז די נוירס, וואס העלפט די דאזיגע געפיה־לען ארויסצוברענגען. די קריעגס־נוירס איז באמת א לויבענסווערטער העלד!

די „דעקלערײשאַן אָוו אינדעפּענדענס" פון די ענגלישע ארבייטער

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City onMarch 7, 1919 as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די דעקלאראציע פון דזשיימס הענרי טהאמאס, גענעראל סעקרעטער פון דעם פארבאנד פון די ענגלישע אייזענבאהן־ארבייטער, וועלכע ער האט געמאכט אין נאמען פון די דריי גרעסטע ענגלישע ארבייטער יוניאנס אין דעם „אינדוסטריעלען פארלאמענט" וואס איז פארלעצטען דאנערשטאג אפגעהאלטען געווארען אין לאנדאן, איז בעצם נים ווייניגער ווי א דעקלאראציע פון אונאפהענגיגקייט, אדער ווי מען רופט עס אויף ענגליש — א „דעקלערײשאן אוו אינדעפענדענס" — פון דער זייט פון די ענגלישע ארבייטער. אין דער דעקלאראציע האט טהאמאס אויסגעדריקט די סענטימענטען און געפיהלען פון די ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט און האט גאנץ קלאר אנגעוויזען אויף די אורזאכען, וואס רופען ארויס די ארבייטער־אונרוהען איבער דער גאנצער וועלט. די אורזאכען זיינען בעצם איינע און דיזעלבע אין ענגלאנד ווי אין דייטשלאנד, אין איטאליען ווי אין פראנקרייך און אלע אנדערע לענדער. די הויפט סיבה פון די אונרוהען איז דער באוואוסטזיין פון די ארבייטער, אז זיי זיינען בארעכטיגט צו א בעסערען לעבען און זייער פאדערונג, אז אט די רעכט זייערע זאל אנערקענט ווערען. אין דער דעקלאראציע האבען די ענגלישע ארבייטער קלאר געלאזט וויסען דער רעגירונג און די ענגלישע קאפיטאליסטען, אז זיי וועלען מעהר נים דערלאזען מען זאל זיי באהאנדלען ווי שטיף־קינדער, נאר אז זיי וועלען זיך ניט באנוגענען מיט ווייניגער ווי מיט דעם פולען חלק וואס זיי קומט פון דער אינדוסטריע.

דער געדאנק פון דעם אינדוסטריעלען פארלאמענט אז און פאר זיך איז דער בעסטער באווייז, אז אין די רעגירונגס־קרייזען אין ענגלאנד האט מען שוין אנערקענט די מאכט און באדייטונג פון דעם נייעם באוואוסטזיין צווישען די ארבייטער. צי דעם פארלאמענט וועט געלינגען צו פארמיידען די דראהענדע געפאהר פון א בירגער־קריעג, אדער פון א סאציאלער רעוואלוציע אין ענגלאנד, וועגען וועלכער לאיד דזשארדזש אליין האט געווארענט דעם פארלאמענט, איז אן אנדער פראגע. יעדענפאלס האט די רעגירונג מיט'ן פאררופען פון דעם „אינדוסטריעלען פארלאמענט" באוויזען, אז פון איהר זייט איז זי גרייט צו טאן אלץ אין די גרענעצען פון מעגליכקייט אונטער די איצטיגע אומשטענדען צו באגעגנען די פאדערונגען פון די ארבייטער. די רעגירונג האט אויף דעם „אינדוסטריעלען פארלאמענט" קלאר געלאזט וויסען ווי ווייט זי דענקט געהן. די ארבייטער האבען געלאזט וויסען וואס עס זיינען זייערע מינימום־פאדערונגען. מען קען זיך משער זיין, אז די רעגירונג וועט, ווען עס וועט זיין נויטיג, געבען נייע הנחות. מעהר ווי הנחות איז אבער די רעגירונג נים געניגט נאכצוגעבען. די ארבייטער האבען אבער ערקלעהרט, אז זיי ווילען א י נ ג א נ צ ע ן. זיי האבען ערקלעהרט, אז זיי וועלען מיט האלבע רעפארמען זיך ניט באנוגענען. אט איז זייער דעקלאראציע:

„די ארגאניזירטע ארבייטער פון גרויס בריטאניען האבען ביי זיך באשלאסען צו קריגען א גרעסערען חלק פון דעם רייכטום וואס זייער ארבייט האט באשאפען און האלט אין שאפען. די ארבייטער פון דער דרייפאכער ארגאניזאציע (די אייזענבאהן ארבייטער, די טראנספארט ארבייטער און די מיינערס) זיינען ענטשלאסען באדייטענד צו פארקירצען די ארבייטס־שטונדען אין זייערע אינדוסטריען. זיי זיינען אונצופריעדען מיט דער געזעלשאפטליכער ארדנונג וואס באטראכט זייער ארבייטס־קראפט ניט מעהר ווי א סחורה צום קויפען און פארקויפען. וואס קען אויסגענוצט ווערען אזוי ווי דאס וואלט געווען נים מעהר ווי מאשין־טיילען אין דעם פראצעס פון שאפען פון רייכטום און זיין פארטיילונג. זיי פאדערען דעריבער, אז זיי זאלען ווערען אמת'ע שותפים אין דער אינדוסטריע און זיי זאלען האבען א דעה אין באשטימען די ארבייטס־באדינגונגען און די פארוואלטונג.

„ארבייט איז געווארען אלץ מעהר באוואוסזיניג וועגען איהר מאכט און וועט זיך נים ענטזאגען פון קיינע פאראנטווארטליכקייטען און וועט זיך ניט לאזען באריבען פון קיינע פון איהרע רעכט און פריווילעגיען.

„די מיינערס, אייזענבאהן ארבייטער און טראנספארט ארבייטער שטעהען פעסט אויף זייער פאדערונג, אז די רעגירונג זאל ווערען דער באלעבאס פון די אייזענבאהנען, די מיינס און די אינלענדישע און ברעג־וואסער טראנספארט מיטלען."

די דעקלאראציע ערקלערט ווייטער, אז די אורזאכע פון די ארבייטער אונרוהען ליגט אין דער סיסטעם פון פראפיטירינג וואס די רעגירונג האט ערלויבט אין דער צייט פון דער מלחמה. און זי זעצט פארט:

„באגרייפענדיג אט די פאקטען און די שליסע וואס מען קען ציהען פון זיי האבען די ארבייטער מיט ענטשלאסענהייט געווענדעט זייערע בליקען צו א נייער ארדנונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע וועט פארבעסערען זייער לעבען און צושטאנד אין איינקלאנג מיט דער נייער אפשאצונג וואס זיי האבען זיך אליין געגעבען. זיי וועלען זיך מעהר ניט צופרידען שטעלען מיט א וויידזש העכערונג, וועלכע וועט ווערען ארויפגעווארפען אויף דעם געברויכער וואס עס מאכט זאפארט און אויטאמאטיש בטל. יעדע פארבעסערונג: רענט, פראצענטען און פראפיטען זיינען נים אונבאריהרבאר.

„שטאאטסלייט פון אלע פארטייען מוזען איינשטימען, אז עס מוזען געמאכט ווערען ראדיקאלע ענדערונגען. פארנינפטיגע מענשען וועלען עס ערלויבען און מאכען פלאץ פאר דעם. אנדערע וועלען בלויז איבערצייגט ווערען דורך דער צווינגענדער מאכט פון די געשעהעניסען.

„אין אלע לענדער זעהען מיר, ווי די ארבייטער זוכען ענדערונגען. מיר, אין דעם לאנד, קענען דורכפיהרען אט די ענדערונגען אויף א פריעדליכען און ארדענטליכען אופן. די איצטיגע אונצופריעדענהייט איז נים די ארבייט פון אגיטאטארס. עס איז דער פראדוקט פון יאהרהונדערטע פון ערפאהרונג, וועלכע איז נאך רייכער געווארען דורך די ענטוויקלונגען אין דער צייט פון דער מלחמה."

דער מאניפעסט פארענדיגט זיך מיט אן אפיעל צו דער רעגירונג, אז זי זאל שוין געהמען שריט אז די ארבייטער זאלען קריגען וואס זיי פארלאנגען.

א צווייטער רעדנער, דער טשערמאן פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער „סאסייעטי אוו אינדזשינירס, בראונלי, האט אויך גערעדט אין דעם נאמען פון די פאראייניגטע דריי יוניאנס און האט ערקלעהרט:

„די ענגלישע ארבייטער, צוזאמען מיט די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, שטרעבען צו א העכערען לעבען, צו א בעסערען לעבען. די ארבייטער פון ענגלאנד וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו די סאציאלע און אינדוסטריעלע באדינגונגען פון די פאר מלחמה־צייטען."

א פרויען ארבייטער דעלעגאטקע האט געווארענט די רעגירונג, אז אין פאל זי וועט נים נאכקומען די ארבייטער־פאדערונגען, „וועט קיין רעגירונג ניט זיין". אנדערע ארבייטער דעלעגאטען האבען זיך אויך אויסגעדריקט זעהר שארף.

דאס וויכטיגסטע אבער וועגען דער דעקלאראציע איז דער פאקט, וואס זי איז געמאכט געווארען אין דעם נאמען פון די דריי גרעסטע יוניאנס און פון א פיהרער, וועלכער ווערט איצט באטראכט אין ענגלאנד צו זיין א גאנץ מעסיגער, אפילו א קאנסערוואטיווער, וועלכער גלויבט נאך, אז עס איז מעגליך צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון די ארבייטער דורך קאנסטיטוציאנעלע מיטלען. אין אנדערע ווערטער — אהן א רעוואלוציע. די פאדערונגען, ווי זיי זיינען פארמולירט געווארען אין דער דעקלאראציע, זיינען אבער זעהר רעוואלוציאנערע. די פאדערונגען קענען נאר דאן נאכגעגעבען ווערען, ווען די רעגירונג זאל אפשאפען די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט פון פריוואט אייגענטום און פראפיט סיסטעם פון דער אינדוסטריע און זאל איינפיהרען דעם סאציאליזם. די דעקלאראציע זאגט עס גאנץ אפען. זי פאדערט שוין שטאאט סאציאליזם אויף די באהנען, מינען און טראנספארט מיטלען. זי רעדט אויך וועגען דעם, אז דאס רעכט אויף „רענט, פראצענטען און פראפיטען איז נים אונבאריהרבאר." זי נעהמט אן אייגענטליך אין פרינציפ, אז מען מעג די רעכט און פריווילעגיעס צונעהמען ביי די פריווילעגירטע קלאסען כדי צופריעדענשטעלען די ארבייטער. דאס איז פאקטיש אלץ וואס די סאציאליסטען פאדערען.

מען קען דעריבער גאנץ באשטימט זאגען, אז די ענגלישע ארבייטער האבען אנגענומען די סאציאליסטישע פראגראם און ווילען זי דורכפיהרען אין דער פראקטיק. וואס אנבאלאנגט דער רעגירונג האט זי אין דעם אינדוסטריעלען פארלאמענט געלאזט וויסען, אז זי איז נעגען סאציאלע פאבריקען און אז זי איז איבערהויפט נעגען סאציאליזירען די אינדוסטריען. זי האט אויך געלאזט וויסען, אז זי וועט אפשניידען די סובסידיעס וואס זי גיט איצט די ארבייטסלאזע.

אין קורצען גערעדט קען מען זאגען, אז דער גאנצער סכסוך איצט אין ענגלאנד, פונקט ווי איבער דער גאנצער וועלט, צווישען קאפיטאל און ארבייט איז אויף דער פראגע פון פריוואט אייגענטום. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע זיינען גרויסע יוניאנס ארויסגעטראטען מיט ריין־סאציאליסטישע פאדערונגען. די ענגלישע ארבייטער ווילען דאס וואס די ארבייטער אין גאנץ אייראפא [illegible] — א נייע ארדנונג. זייער ערפאהרונג האט זיי געלערענט, אז מיט הנחות אליין קען מען די ארבייטער־פראגע ניט לייזען. דאס וואס דער ארבייטער קריגט דורך א העכערונג אין וויידזשעס ווערט ביי איהם גלייך צוריק צוגענומען דורך א העכערונג פון די לעבענס־מיטלען וואס ער פארברויכט.

די דעקלאראציע איז אייגענטליך א ווארנונג צו דער רעגירונג און צום קאפיטאליסטישען קלאס, אז די ארבייטער וועלען מעהר ניט דולדען מען זאל צופאסען די ארבייטס־באדינגונגען צו דער אינדוסטריע. זי איז א פאדערונג, אז די אינדוסטריע זאל צוגעפאסט ווערען צו די ארבייטער. אויב אונטער דער עקזיסטירענדער סיסטעם פון פריוואטע אונטערנעהמונגען פאר פראפיט איז אוממעגליך צופריעדענשטעלען די פאדערונגען פון די ארבייטער, פארלאנגען זיי פון דער רעגירונג זי זאל איינפיהרען דעם סאציאליזם.

די פרויען־ארבייט און די פרויען־וויידזשעס אין דער נאהענטער צוקונפט

פון ליליפוט.

ס'איז פאראן אן אלטער ענגלישער קופלעט וועגען א מיידעל, וואס פארדיענט צוואנציג דאלאר א וואך. אין דיעזען קופלעט דערצעהלט זיך ווי א מיידעל, וואס פארדיענט צוואנציג דאלאר א וואך, געהט אנגעטאן אין זייד און אין סאמעט, פאהרט אין קארעטען און לעבט אין אן עלעגאנטען אפארטמענט. דער קופלעט ענדיגט זיך מיט דער פראגע „האו דאז שי דו איט?" (ווי ברענגט זי עס צו שטאנד?).

אן דיעזען קופלעט האב איך זיך דערמאנט ווען איך האב נעלייענט וועגען דער אונטערזוכונג פון דעם וויידזש באארד אין מערילענד.

א באלטימארער מאנופעקטשורער האט פאר דעם באארד ערקלעהרט, אז די דורכשניטליכע וויידזשעס פון די ארבייטערינס, וועלכע זיינען ביי איהם באשעפטיגט, איז ניין דאלאר א וואך.

„ווי קען א מיידעל לעבען מיט ניין דאלאר א וואך, ווען די אויסגאבען איהרע זיינען פיעל גרעסער?" האט א מיטגליעד פון דעם באארד געפרעגט דעם מאנופעקטשורער.

„דאס איז דאך די שעהנקייט פון דעם", — האט דער מאנופעקטשורער נאאיוו געענטפערט. — באלטימאר איז אין דעם געבענשט. די מייסטע מיידלעך וואוינען אין דער היים ביי זייערע עלטערען און זיי שפארען נאך עפעס אפ פון זייערע וויידזשעס."

אבער ניט אלע שטעדט אין אמעריקא זיינען דאך באלטימאר און ניט איבעראל האבען די ארבייטס־מיידלעך א מעגליכקייט צו וואוינען ביי זייערע עלטערען... אין דעם אבער האט זיך דער גוטהארציגער מאנופעקטשורער ניט אריינגעטראכט.

ער האט אויך ניט אריינגעטראכט זיך אין דעם, אז די מייסטע מיידלעך האבען ניט קיין מעגליכקייט צו וואוינען ביי זייערע עלטערען און א סך פון זיי קענען ניט נאר ניט קריגען קיין פינאנציעלע שטיצע פון זייערע עלטערען, זאנדערן זיי דארפען זיי נאך צוצאהלען, זיי דארפען די עלטערען נאך ארויסהעלפען. אבער אויך וועגען דעם האט דער גוטהארציגער מאנופעקטשורער ניט געטראכט.

ווען די מאנופעקטשורערס אליין וואלטען געטראכט, אז די פרויען און מיידלעך דארפען ניט קריגען קיין פולע וויידזשעס, ווייל זיי ווערען ארויסגעהאלפען פון זייערע עלטערען, וואלט נאך געווען א האלבע צרה. די צרה איז אבער אן ערנסטע, ווייל פיעלע ארבייטערינען טראכטען אויך אזוי, און דאס שטערט א סך צו דער ארגאניזירונג פון די ארבייטער־פרויען און ארבייטער מיידלעך צו זייער אריינטרעטונג אין די טרייד יוניאנס פון די טריידס, אין וועלכע זיי זיינען באשעפטיגט.

פארשטעהט זיך, עס זיינען פאראן טריידס, אין וועלכע די פרויען און מיידלעך זיינען ניט ארגאניזירט. נעהמט אלס ביישפיעל די קלאוק און סקירט־מאכער יוניאן, די לײדיעס וועיסט און דרעס־מאכער יוניאן און די וואהייט גודס וואירקערס יוניאן אין ניו יארק. אבער דאס זיינען נאר אויסנאהמען און אויסנאהמען באשטעטיגען נאר די רעגעל.

פרויען וויידזשעס אין אלגעמיין שטעהען א סך נידריגער, ווי זייערע אויסגאבען אויף לעבענס־מיטלען, שוין ניט רעדענדיג וועגען אויסגאבען אויף קאמפארט און פארגעניגען. דאס זיינען ניט סתם קיין פראזען, זאנדערן פאקטען, באשטעטיגט פון מינימום וויידזש באארדס פון פארשיעדענע שטאאטען.

די לעצטע צייט האט מען זיך איינגערעדט, אז פרויען האבען זיך צוליעב דעם נאר וואס געענדיגטען קריעג ערווארבען בעסערע אינדוסטריעלע באדינגונגען, בעסערע וויידזשעס, ווי אמאל. עס איז וועגען דעם פיעל גערעדט און געשריבען געווארען, און דאס אלגעמיינע פובליקום האט אנגעהויבען אין דעם צו גלויבען.

דער אמת איז, אז די גאנצע מעשה איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אנשטאט האבען פארבעסערט די באדינגונגען פון דער פרוי ביי דער ארבייט, האבען זיך די באדינגונגען פיעל פארערגערט פאר דער פרוי. אין איינינע טריידס האבען די פרויען אין דער צייט פון דער מלחמה גוט פארדיענט. זיי האבען זיך גענומען צו מענערשע פראפעסיעס און האבען געקראגען מענערשע וויידזשעס. ווייטער האבען זיי פארדיענט פון 20 ביז 25 דאלאר א וואך אין אמוניציאן פעקטארים און גאז מאסקען פאבריקען און אזוי ווייטער.

איצט מוזען זיי געהן צוריק צו זייער אלטער ארבייט און מוזען ווידער אנהויבען צו ארבייטען פאר 10 ביז 12 דאלאר א וואך, אויב זיי קענען נאר צוריקקריגען זייערע אלטע פלעצער.

אין די געוועהנליכע, ניט מלחמה־טריידס האבען זיך די פארדיענסטען פון די ארבייטערקעס זעהר ווייניג געהויבען. פיעל ווייניגער ווי די פרייזען פאר לעבענס־מיטלען זיינען געוואקסען, און איצט, ווען די מענער קומען צוריק פון די טרענטשעס, וועלען די פרויען אלץ מעהר און מעהר זיך מוזען אומקעהרען צו די אלטע טריידס זייערע און דערפון וועלען זיכער די וויידזשעס אין זייערע טריידס נאך מעהר ארונטערפאלען.

און ווען מען נעהמט נאך אין אנבאטראכט, אז די פרוי איז שוואכער צו באשיצען זיך, און זי קען פון די בעלי בתים איהרע מעהר עקספלואטירט ווערען, מוז איהר לאגע, פאר דער נאהענטער צוקונפט וועניגסטענס, שטארק פארערגערט ווערען.

די פראגע וועגען פרויען־ארבייט און פרויען וויידזשעס האט שוין לאנג פאראינטערעסירט אביסעל וויטזיכטיגערע שטאאטס לייט, און זיי האבען אנגעהויבען צו זוכען וועגען און מיטלען, ווי די פארבעסערען. און אזוי זיינען געבארען פארבעסערע. און אזוי זיינען געבארען געווארען די סטייט מינימום וויידזש־באארדס. און אין צוועלף שטאאטען און אין דיסטריקט אוו קאלאמביא זיינען דורכגעפיהרט געווארען געזעצע, וועלכע

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Vol. I. — Saturday, March 7, 1919 — No. 8

Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

אמאל אין א נאווינע א ווארט צו די באסעס.

מאנכע פון אונזערע לעזער האבען אפנים געהאט גאנץ טרויעריגע ערפאה־רונגען מיט מאנכע צייטונגען אין דעם פונקט פון אויפריכטיגקייט, פון וואהר־ליכקייט, און מיר מוזען ליידען... פון זייערע בריעף פיהלען מיר ארויס, אז זיי גלויבען ניט אלעס, וואס מיר האבען גע־שריבען ביז איצט וועגען דעם גוטען צו־שטאנד פון דעם ליידיעס וויסט מאכער סטרייק. זיי באשולדיגען אונז ניט, חלילה, אין דירעקטער פעלשונג פון פאק־טען, אדער זאגאר אין איבערטרייבונג, אבער אן אנצוהערעניש גיבען זיי אונז. זיי מיינען, אז עפעס דערזאגען מיר ניט.

און מערקווירדיג, אז אין דעם פונקט האבען גראדע געטראפען אט די דאזיגע „צווייפלענדע טאמאסעס". ווירקליך, מיר דערזאגען ניט. מיר גיבען זיך אלע מיה צו מעסיגען אזוי ווייט ווי מעגליך אונ־זער טאן, ווען מיר ריידען פון דעם גלענ־צענדען צושטאנד פון סטרייק. מיר לא־זען עס איבער פאר דעם מאמענט, ווען דער זיעג וועט זיין פאלשטענדיג.

עס קען אבער זיין, אז אונזערע פאר־עקשנ'טע צווייפלער וועלען אין דעם גופא צווייפלען. און מיר האבען א גרויסען חשק ארויסצוקומען מיט געוויסע פאק־טען, וועלכע וואלטען געצוואונגען אפילו די צווייפלער צו ווערען אמת'ע גלויביגע. אבער ליידער קענען מיר עס דערווייל נאך ניט טאן, אונזערע הענד זיינען געבונדען. מיר קענען איצט דערמיט ניט ארויסקו־מען אין דער עפענטליכקייט, ווייל מיר וואלטען דערמיט פארראטען אייגענעמ'ס פארטרויען, וואס מיר האלטען פאר זעהר ניט עטהיש. אבער דאס מעגען מיר יע זאגען, ווייל דאס ווייסען מיר באשטימט, אז די באסעס טראכטען שוין איצט גאר־ניט וועגען דעם, ווי צו באזיעגען די סטרייקער. אין דעם האבען זיי זיך שוין מיאש געווען. זיי ווייסען, אז זיי האבען זייער קאמפף פארלארען, אבער זיי שעה־מען זיך דאס צוצוגעבען. זיי האבען מאדנע מורא פאר דעם געלעכטער פון דער וועלט. זיי זוכען דארום מיטלען, ווי אזוי נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די סטרייקער, און דאך ניט פארלירען דערביי זייער „כבוד", זייער שטאלץ.

אט דאס איז די ווירקליכע שטימונג אין די רייהען פון די באסעס, וואס מיר דרינגען ארויס פון א פאקט, וועלכען, ווי געזאגט, מיר קענען ניט פארעפענטליכען. אבער פאר די ריכטיגקייט פון וועלכען מיר קענען קאווירען מיט אונזער עהרען־ווארט. צו גלייכער צייט רעדט שוין דער זעלבער פאקט אין אזא קלארער שפראך, ווי עס קען נאר זיין, וועגען דעם גלענ־צענדען צושטאנד פון דעם ליידיעס וויסט מייקערס סטרייק, וועלכער איז שוין באלד 8 וואכען יונג.

מיר געברויכען דאס ווארט יונג גאנץ אבזיכטליך. די סטרייקער פארשפירען ניט די מינדעסטע מידיגקייט. פאר־קעהרט, מיט יעדען טאג ווערט דער סטרייק־ענטוזיאזם אלץ שטארקער. ווער עס האט בייגעוואוינט די פיקעט־דעמאנ־סטראציע פון לעצטען מאנטאג, וועט עס באשטעטיגען. עס איז דארום א האר ניט איבערטריבען, ווען מיר ערקלעהרען, אז דער סטרייק פון די ליידיעס וויסט מייקערס שטעהט אזוי גוט, אז ער קען גאר בעסער ניט זיין. מיר האבען דער־פאר גארניט וואס צו זאגען צו די סטריי־קער, אויסער א הערצליכען בראוואַ פאר דעם גוטען קאמפף, וואס זיי פיהרען אן, אבער מיר ווילען אמאל אין א נאווינע זאגען א פאר ווערטער צו די באסעס, און אויך אויף דעם גרונד פון דעם פאקט, וואס מיר האלטען דערווייל פאר אונעה־רענהאפט צו פארעפענטליכען.

מיר ווילען זאגען צו די באסעס, אז זיי דארפען ניט זיין אזוי פארדאמט עמ־פפינדליך וועגען זייער נידערלאגע. מיר ווילען זיי זאגען, אז עס איז גארניט אזא שאנדע צו ווערען באזיעגט.

א שאנדע איז ניט צו פיהרען דעם קאמפף מעהר אדער ווענינגער עהרענ־האפט; א שאנדע איז צו געברויכען גע־גען די סטרייקער מיטלען, וועלכע די וועלט מוז פארדאמען, אלס מיטלען פון פשוט'ע ראזבאיניקעס. דאס איז ווירק־ליך א שאנדע. אבער צו ווערען באזיעגט און איבערהויפט אז מען איז נאך אונגע־רעכט, איז גאר ניט קיין שאנדע.

איהר, באסעס, דארפט אנהויבען צו פארשטעהן, אז איהר זיינט ניט די איינ־ציגע באסעס, וואס וועלען זיך מוזען אונ־טערגעבען און באוויליגען די פאדערונ־גען פון די ארבייטער. באלד, באלד, און איהר וועט געהערען צו דער גרויסער מא־יאריטעט פון באסעס סיי דא, אין אמע־ריקא, און סיי אין דער גאנצער וועלט. פארפאלען, עס איז שוין אזוי אנגעשרי־בען, אז פון 1919 אן און ווייטער זאלען די באסעס אלץ מעהר זיך אונטערגעבען און די ארבייטער זאלען אלץ מעהר און מעהר זיעגען. טו וואס איז דא די שעה־מעריי? איהר מוזט זיך אונטערגעבען, ווייל קיין אנדער ברירה האט איהר ניט. טו וואס איז זיך דא צו שעהמען מיט עטוואס, וואס איז אן אייזערנער מוז? יע, אייער צו גרויסע עמפפינדליכקייט אין דער הינזיכט מוזט איהר זעהן ווי ווייט מעגליך באקעמפפען און ארויסקומען קלאר און דייטליך, אז איהר גיט נאך די פאדערונגען פון די ארבייטער, ווייל איהר האט זיך איבערצייגט, אז אויף קיין אנ־דער אופן קענט איהר זיי ניט אריינ־קריגען צוריק אין אייערע שעפער.

איהר זעהט, מיר פאדערען פון אייך ניט, אז איהר זאלט ארויסקומען מיט דער ערקלעהרונג, אז איהר האט איינגע־זעהן, אז די ארבייטער־פאדערונגען זיי־נען גערעכטע. מיר ווילען ניט, אז צו אלע אייערע ביז איצטיגע זעהר ניט קיין אמת'ע באהויפטונגען זאל צוקומען נאך איינע. אחוץ דעם נויטיגען זיך ניט די ארבייטער אין אייער הסכמה אויף די גע־רעכטיגקייט פון זייערע פאדערונגען. עס איז גענוג פאר זיי, וואס זיי אליין זיינען גאנץ זיכער ביי זיך וועגען דעם. איהר מעגט דארום, אויב איהר ווילט, ארויס־קומען פאר דער וועלט מיט דער ערקלעה־רונג, אז איהר זיינט נאך אלץ „איבער־צייגט", ווי פריהער, אז גערעכט זיינט איהר, נאר איהר קענט זיך ניט העלפען, און מוזט נאכגעבען דער גרעסערער מאכט. די סטרייקער, די יוניאן, די אינ־טערנעשאנאל און די גאנצע ארבייטער־באוועגונג וועט זיין פאלשטענדיג צופרי־דען מיט אט דער ערקלעהרונג. שפיעלט זיך ווייטער די ראליע פון צדיקים, פון געקריוודעטע, וועמען שלעכטע מענשען זיינען באפאלען אין מיטען העלען טאג, אויב אייך געפעלט עס, אבער גיט נאך די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, א פראפאר־ציאנעלע העכערונג אין די ווייזשעס, אזוי אז די ארבייטער זאלען, לכל הפחות, ניט ווענינגער פארדינען, ווי דאן, ווען זיי האבען געארבייט 48 און 49 שטונדען, ווייל אויף ווענינגער קען קיין מענש אין דעם איצטיגען יקרות ניט לעבען. און אין דער זעלבער צייט הערט אויף צו דרעהען א מוח וועגען קענען סעקען אן ארבייטער, און עס זאל איבער אייך גאר ניט קענען זיין קיין קלאגער און קיין ריכטער. ניט דאס נאך. און מיר וועלען זיך פיהלען פאלשטענדיג צופרידען. מיר ווילען זא־גאר, פון אונזער זייט, זעהן, אז די וועלט זאל אויך ניט שיטען קיין זאלץ אויף אייערע וואונדען, זאל פון אייך ניט מא־כען קיין חוזק, ווייל מיר וועלען קלאר מאכען, אז דאס, וואס איהר האט זיך אונטערגעגעבען, איז געווען גראדע דאס קליגסטע, וואס איהר האט געקענט טאן אונטער די אומשטענדען.

א ווארט צו די זיעגרייכע קימאנא און ראפער־מאכער און צו די טשילדרען דרעס־מאכער.

פון גאנצען הארצען גיבען מיר אייך אפ מזל־טוב צו זייער גלענצענדען זיעג. אייער זיעג פארדאנקט איהר אייער איי־ניגקייט, אייער יוניאן, אייער ערנסטקייט, אייער ענטשלאסענהייט צו קעמפפען און צו זיעגען. אייערע באסעס האבען עס גלייך פארשטאנען, אז איהר מיינט ביז־נעס, אז איהר זיינט ניט ארויס סטריי־קען אויף קאטאוועס, און אלס מענשען, וואס פארשטעהען אן עסק, האבען זיי איינגעזעהן, אז עס וועט זיי קיין זאך ניט העלפען, ווי איינצונעמען די מעדיצין, און זיי האבען איהר איינגענומען.

דאס איז אונזער גליקוואונש צו אייך. און איצט א פאר ווערטער פון ווארנונג צו אייך אלס זיעגער. צוערשט פארגעסט קיינמאל ניט, וועמען איהר פארדאנקט אייער זיעג: אייער אייניגקייט, אייער יוניאן! ווען די באסעס וואלטען געהאט דעם מינדסטען צווייפעל אין דער מאכט פון אייער יוניאן, וואלט אייער זיעג ניט געווען אזא שנעלער און אזא גלענצענדער. און ווען מיר זאגען יוניאן, מיינען מיר ניט נאר אייער לאקאל, צו וועלכען איהר געהערט, נאר מיר מיינען אויך די גאנצע „אינטערנעשאנאל", פון וועלכער איהר זיינט א טייל. איהר אליין, ווען איהר געהט ארויס אין א סטרייק, וואלט עס גאר ניט געמאכט אזא רושם אויף אייערע באסעס. נאר דער פאקט, וואס הינטער אייך איז געשטאנען די גאנצע מעכטיגע אינטערנעשאנאל מיט אלע איהרע צאהל־רייכע הילפס־קוואלען, דאס האט געהאט די נויטיגע ווירקונג. און מיר געהען נאך ווייטער. אייער זיעג פארדאנקט איהר דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג, וועל־כע איז געווען מיט אייך, און פון וועל־כער איהר זיינט א טייל, וואס קען ניט אפגעריסען ווערען.

זעהט־זשע ניט צו פארגעסען עס קיינמאל: האלט טייער, האלט הייליג אייער יוניאן! זי איז אייער פעסטונג, אייער שוץ. זעהט וואס שטארקער און שטארקער צו מאכען אט די פעסטונג אייערע. מיט דעם איצטיגען זיעג ענדיגט זיך נאך ניט די ניצליכקייט, די נויטווענ־דיגקייט פון אייער יוניאן. פארקעהרט, זי פאנגט זיך ערשט אן. ווייל די אלע זאכען, וואס איהר האט געוואונען, דאר־פען ערשט דורכגעפיהרט ווערען אין דער פראקטיקע. און דאס קען נאר אויסגע־פיהרט ווערען מיט דער הילף פון אייער יוניאן. טו פארגעסט זשע ניט אייערע פליכטען צו איהר; די אינטערעסען פון דער יוניאן מוזען זיין פאר אייך אזוי גרויס, אזוי וויכטיג, ווי אייערע אייגענע פערזענליכע אינטערעסען. ווירקליך, איהר טארט ניט מאכען קיין אונטערשייד צווישען פערזענליכע און יוניאן־אינטע־רעסען. זיי זיינען דאך איינע און די זעלבע. טו פאסט גוט אויף אויף זיי, אינטערעסירט זיך מיט אלץ, וואס אין אייער יוניאן קומט פאר; זייט ניט נאר מיטגליעדער פון אייער יוניאן אויפ'ן פא־פיר, נאר זייט יוניאן־לייט מיט לייב און לעבען.

און נאך א ווארט, אדער, ריכטיגער, נאך א ווארנונג: מאכט עס ניט צו אונער־טרעגליך פאר אייערע באלעבאטים, אי־בער וועלכע איהר האט געזיעגט. מאכט זיי ניט פיהלען אויף שריט און טריט, אז זיי זיינען די געשלאגענע, האט מיט זיי אביסעלע איינזעהעניש, כאטש שוין דער־פאר, ווייל זיי האבען דאך ניט לאנג גע־בארעט זיך געגען אייך. מיר מיינען ניט, חלילה, אז איהר זאלט ניט שטעהן פאר אייערע רעכטע. דאס דוקא. אבער היט זיך פון איבערכאפען די מאס... איהר פארשטעהט, וואס מיר מיינען. עס זיי־נען דא פעלע, ווען אביסעלע גרויסמוט איז מעהר ווירקזאם, ווי אלערליי רשעות. מיר זיינען זיכער, אז די בעלי בתים אייערע וועלען עס ניט אויסטשייטשען אלס שוואכקייט אייערע. נאר דוקא אלס אייער שטארקייט, און דערמיט אליין וועט איהר שטארק העלפען אין דעם וואק־סען, אין דער פארשטארקונג פון אייער יוניאן, פון אייער קראפט פאר ווייטערע גרעסערע קעמפפע און גרעסערע זיעגע.

טאטען ריידען שטארקער ווי ווערטער

מיר האבען געהאט בדעה צו זאגען א ווארט פאר דעם גרויסען סטרייק־פאנד, אדער אויב איהר ווילט, רופט עס פריע־דענס־פאנד, וואס דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט בא־שלאסען צו האבען אין איהר קאסע, איי־דער וואס־ווען. אבער לויט די באריכ־טען, וואס קומען צו אונז, איז אין אלע אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן אן אמת'ער מבול פון 5־דאלארדיגע. נאך קיינמאל זייט די קלאוקמאכער יוניאן עק־זיסטירט זיינען ניט אריין אין איין וואך אזעלכע גרויסע סומען געלד, ווי אין דער לעצטער וואך. דאס איז, ווי עס באדארף זיין, ווי עס מוז זיין. און דאס איז דער בעסטער באווייז, ווי שטארק די יוניאן, אלס א גאנצע, איז איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון א פאלשטענדיגער ענדערונג פון דער ארבייטס־סיסטעם, דאס הייסט, פון איינפיהרען אלגעמיינע וואך־ארבייט, אנשטאט שטיק־ארבייט.

כדי איהר זאלט ריכטיג קענען אפ־שעצען די באדייטונג פון דעם, מוזען מיר אייך זאגען, אז די קלאוקמאכער מאכען איצט דורך זייער גאלדענע צייט. מען פארדיענט איצט גאר פיין. עס זיינען דא ארבייטער, וואס פארדיענען הונדערט דאלאר א וואך און מעהר, האט דאך אט דער פאקט באדארפט פאראורזאכען א דריקענדע שטימונג אויף מאנכע: געה, פיהר איין א סיסטעם פון וואך־ארבייט מיט א מינימום סקייל פון ווייזשעס, אז ביי שטיק־ארבייט ווערט מען ממש נתעשר! און דאך גראדע איצט מבול'ט עס מיט 5־דאלארדיגע פאר דעם צוועק איינצופיהרען דורכאויס וואך־ארבייט.

דאס איז א באווייז, ווי די איבער־צייגונג פון דער נויטווענדיגקייט צו ענ־דערען די ארבייט־סיסטעם איז שוין ממש אריינגעדרונגען אין די בלוט פון די אר־בייטער. די מאמענטאנע פראספעריטי פארבלענדט ניט זייערע אויגען און זייער פארשטאנד צו דעם פאקט, אז זיי וועלען באלד מוזען באצאהלען א צו טייערען פרייז פאר די פאר פעטע מאנאטען...

דערפאר האלטען מיר פאר איבעריג צו אפעלירען, צו ארגומענטירען מיט די, וועלכע פארשטעהען אזוי קלאר, ווי מיר, די גאנצע נויטווענדיגקייט פון דער ענדע־רונג און פאלגליך פון דעם פאנד.

מיר ווילען נאר זאגען, אז טאמער זיינען נאך דא צווישען די קלאוקמאכער מאנכע, וועלכע מיינען נאך אלץ, אז די שטיק־ארבייט סיסטעם איז גאר די בעס־טע, וואס די באסעס־וועלט האט געקענט אויסטראכטען פאר די ארבייטער, מוזען זיי איצט איינזעהן, ווי זיי שטעהען אליין מיט זייער אלטער, עקספלאדירטער תורה: זיי מוזען איצט איינזעהן, דאס די גאנצע יוניאן איז געגען זיי, די גאנצע ערפאה־רונג איז געגען זיי, און אז דאס קליגסטע אין דעם פאל איז ניט צו שטעלען זיך געגען שטראם, נאר זיך אנצושליסען אן די רייהען, און ארגומענטירען מיט זיך אליין אויף אזא אופן: קיין סיסטעם לעבט ניט און קען ניט לעבען אייביג. און וואס ווענינגער זי פאסט זיך צו צו די באדירפניסע פון די מענשען, דאס קירצער זיינען איהרע לעבענס־יאהרען. איז דאך דא א פשוט'ער ממה נפשך: וועט די וואך־סיסטעם זיך ארויסווייזען אלס פיעל בעסער, ווי די שטיק־סיסטעם, איז דאך אודאי גוט. האט דאך געלוינט דער אומבייט. אלא ניט, טאמער וועט זיך ארויסווייזען די סיסטעם פון וואך־ארבייט אלס ניט אזוי גינסטיג פאר'ן אר־בייטער, ווי די שטיק־סיסטעם, וועט מען דאס לייכט קענען ענדערען, ווייל איין זאך איז זיכער, געגען דער סיסטעם פון שטיק־ארבייט וועלען די באסעס קיינמאל ניט האבען דאנגען, אפילו ווען א פאר וואַ־כען אין יאהר זאלען די קלאוק־אפריי־טארס פארדיענען נאך מעהר ווי זיי פאר־דיענען עס איצט.

פון דער שלאכט און סימבאל פון ענג־
לאנד'ס מאכט.

און אזוי איז זי אין איהר גאנצער פאעזיע.

איימי לאוועל געהערט צו דער פאעטישער שולע, וואס רופט זיך א י מ א ג י ס ט ע ן (אימעדזשיסטס). זייער אויפגאבע איז דורך בילדער, ניט בלויז אויסערליכע, נאר אויך דורך אינערליכע סוגעסטיאנען, איבערצוגעבען דאס וואס זיי ווילען אויסדריקען, אזוי אז דער לעזער זאל עס אויך זעהן און פיהלען.

דאס אלץ — וואס אנבאלאנגט דעם א ו י ג, דער זעהונגס אייגענשאפט פון פאעזיע.

וואס אנבאלאנגט דעם אויער. דעם געהער, האט איימי לאוועל אויך אן אייגענארטיגען וועג. זי רעכענט זיך אבסאלוט ניט מיט די געזעצמעסיגע פארמען. אנשטאט דעם הערט זי זיך צו צום ריטם פון איהר איינענער זעל און זוכט איהם דאן צו באשאפען דורך דעם קלאנג פון די ווערטער. זי שרייבט אין „ווער ליבער", אין פרייע פערזען. עס איז א טעות אבער צו דענקען, אז אט די פרייע פערזען האבען ניט קיין ריטם, קיין אויסגעהאלטענע מוזיק. פארקעהרט. זיי האבען א גאנץ באשטימטע מעלאדיע, וועלכע איז א סך שווערער אויסצודריקען, ווי א געוועהנליכען רעגעלמעסיגען ריטם; פונקט ווי עס איז שווערער אויסצודריקען א קאמפליצירט געפיהל איידער א פשוט און פרימיטיוו געפיהל.

צומאל באפרידיגען מיס לאוועל'ען ניט אפילו די פרייע פערזען. אויך זיי ערשיינען שוין פאר איהר אלס א צו שטרענגע צאם פאר דעם שטורם פון די בילדער און שטימונגען, וועלכע זי וויל אויסדריקען.

דאן שאפט זי נאך נייערע פארמען. איינע פון וועלכע איז די אזוי גערופענע פ א ל י פ א נ י ש ע פ ר א ז א.

אין דער פאליפאנישער פראזא מישט איימי לאוועל צוזאמען אלע פארשיעדענע ענגליכע ריטמען און מעלאדיען. אט געהען געהאקטע קורצע שורות; אט לאנגע, מיעד־אויסגעצויגענע, און אין מיטען א שטיק טעקסט, ווי אין פראזא. אבער אפילו דאס שטיק פראזא איז ניט איינפאך. פלוצלונג וועבען זיך אין איהם דורך גראמען, רעגעלמעסיגע מעטרען א. ד. גל.

דאס איז שוין ניט קיין איין געדיכט, נאר א סך געדיכטע צונויפגעוועבט; און דער ריטם איז ניט קיין איין מעלאדיע פאר איין אינסטרומענט, אזוי צו זאגען, נאר א גאנצע ס י מ פ א נ י ע פאר אן א ר ק ע ס ט ע ר, מיט א סך פארשידענארטיגע אינסטרומענטען.

צוליעב דעם, וואס מיס לאוועל, זוכענדיג וואס מעהר און שטארקער אויסצודריקען אי זיך, אי איהר צייט, פארגיט זיך אזוי פיעל מיט דער פארם און מיט עקספערימענטען און שאפען נייע פארמען, פארשווינדט אפטמאל אין הינטערגרונד איהר אינהאלט. און זי ציינט זיך צייטענווייז ארויס בלויז אלס א מין פאעטישער עקספערימענטאטאר, כאטש פון א זעהר גרויסען קאליבער.

אבער דאס איז נאר צייטענווייז אזוי. אין דער אמת'ען איז זי אויך לויט דעם אינהאלט א באדייטענדע פאעטעסע. צום באדויערען ערלויבט מיר ניט דער פלאץ צו ציטירען עטליכע זאכען איהרע. זיי זיינען אלע געוועהנליך גרויס, און יעדעס וואלט פארנומען מעהר ארט ווי מיין גאנצער ארטיקעל. איך וועל אבער ברענגען צום שלוס איינס פון איהרע פאפולערסטע געדיכטען „פאסאנען" (פעטערנס).

לעזט דאס ליעד און זעהט ווי געשיקט, ווי פיין און ווי טיעף זי דריקט דא אויס די באהאלטענע ליידענשאפט פון א פרוי, וועלכע איז שטענדיג איינגעשנורעוועט ניט בלויז אין דער שטייפקייט פון איהר קארסעט, קלייד און פישביין, נאר אויך אין דער שטייפקייט פון דער אנגענומענער מאראל, מנהגים, זיטען. „פאסאנען" — מיינט טאקע די אנגענומענע כללים, די אנגענומענע געזעצען און קאנווענציאנען.

דאס אליין וואלט געווען גענוג צו שאפען א שטארק ליעד.

אבער פאר איימי לאוועל'ען איז עס ניט גענוג. זי ווייס, אז געפיהלען קומען ניט אפגעטיילט און אפגעזונדערט. זיי קומען אין פארבינדונג מיט נאך געפיהלען, שטימונגען און געדאנקען. און דערפאר איז אין אט דעם ליעד דא אן אנצוהערעניש אויף דער פאסאן־ארטיגקייט פון דעם לעבען בכלל, א וואונק אפילו אויף דעם איצטיגען קריעג, וואס איז אויך ניט מעהר ווי א „פאסאן".

די איבערזעצונג, וואס איך ברענג דא, האט ניט קיין פרעטענזיעס אין באצוג צו דער אייגענשאפט פון דעם איבערזעצען. איך ברענג „פעטערנס" בלויז אלס אילוסטראציע, צו געבען א באגריעף וועגען איימי לאוועל'ס פאעזיע. די איבערזעצונג איז דעריבער א פלינקע און מעהר אדער ווענינער פרייע.

פאסאנען

איך שפאציר איבער די גארטען־שטעגען;
און אלע דעפאדילען *)
האלטען זיך אין עפענע צוגלייך מיט די
העלע בלויע סקווילען.*)
איך שפאציר איבער די פאסאנירטע גארטען־
שטעגען
אין מיין שטייפען בראקאטען קלייד.
מיינע האר — באדופטעט, מיין פעכער מיט
צירונג.
אויך איך בין גאר א זעלטענער פאסאן ווי
איך שפאציר איבער די גארטען־שטעגען.

מיין קלייד איז פול מיט רייכע אוזארען,
און די שלעפ
באדעקט מיט ראזע און זילבער־פלעקען
דעם גראוועל און די ברעגען פון דעם שטעג.
גלייך א פאסאן פון אלטען מאדע־זשורנאל
וואלט פארבייגעגאנגען אין הויך־קנאפלדיגע
שיך.
קיין שום ארומקייט ארום מיר.
בלויז פיש־ביין און בראקאט.
און איך לאז זיך אראפ אויף א באנק אין
דעם שאטען
פון א בוים. מיין ליידענשאפט
רעוואלטירט געגען דעם שטייפען בראקאט.
די דעפאדילען און סקווילען
פלאטערען אין דעם ווינטעל,
ווי זיי אליין ווילט זיך,
און איך וויין;
ווייל דער בוים האלט אין בליהען,
און א קליין בלימעל איז אראפגעפאלען אויף
מיין בוזעם.

און דער שפריי פון די וואסער־טראפען
אין דעם מארמארנעם פאנטאן
טריפט אראפ איבער די גארטען־שטעגען.
דאס טריפען הערט קיינמאל ניט אויף.
אונטער מיין שטייפען קלייד
געפינט זיך די ווייכקייט פון א פרוי, וואס
באדט זיך אין א מארמאר־באסיין,
א באסיין אין מיטען פון הויכע טשערעט,
וואס וואקסט אזוי געדיכט, אז זי זעהט ניט
איקר באהאלטענעם געליעבטען.
זי פיהלט אבער זיין נאהענטקייט,
און דאס גליטשען זיך פון דעם וואסער
איז ווי דאס גלעטען פון א האנט א בלאסער
אויף איהר לייב.
וואס טויג דער זומער אין א שטייפען ברא־
קאטען־קלייד!
איך וואלט עס געוואלט זעהן געשליידערט צו
דער ערד,
מיט'ן גאנצען ראז און זילבער צוטראמפעלט
אויף דער ערד.

איך וואלט געוואלט אליין זיין דאס ראז און
זילבער,
לויפענדיג איבער דעם שטעג,
און ער — אין א געיעג
נאך מיר, א צוטומעלטער פון מיין לאכען.
איך וואלט געוואלט זעהן דעם אפגלאנץ פון
דער זון אויף דעם הענטעל פון זיין
שווערט, אויף די שנאלען פון זיינע שיך.
און איך —
וואלט געפיהרט איהם אין א לאבירינט איבער
די פאסאנירטע שטעגען,
ביז ער וואלט מיך געכאפט אין א שאטען
אויפ'ן שטעג,
און די קנעפ פון זיין וועסט וואלטען גע־
שמארצט מיין לייב ווען ער וואלט אומ־
ארמט מיך —
א שמאכטענדע, א זיך אויפלייזענדע, אהן
שרעק.
און ארום אונז זאלען זיין די שאטענס פון
די בלעטער,
און די שאטענס פון די זון־טראפען,
און דאס פרעפלען פון די וואסער־טראפען,
אלץ ארום אונז אין מיטען העלען טאג...
איך וועל חלשען פון דער פלאג,
פון אט דעם שווערען בראקאטען־קלייד,
ווייל די זון ברעכט דורך דעם שאטען.

אונטער דעם אראפגעפאלענעם בלימעל,
אין מיין בוזעם,
האלט איך א בריעף באהאלטען.
דעם הערצאג'ס רייטער האט מיר איהם היינט
פריה געבראכט.
„מאדאם, עס טוט אונז לייד אייך מיטצוטיילען
אז לארד הארטוועל
איז אין שלאכט געפאלען דאנערשטאג בייו־
נאכט".
ווען איך האב עס געלייענט אין דעם ווייסען
מארגען־זונליכט,
האבען זיך די אותיות געדרעהט ווי שלאנגען.
„וועט זיין אן ענטפער, מאדאם?" האט גע־
פרעגט מיין דינער.
„ניין" האב איך געענטפערט.
„זעה, אז דער שליח זאל עפעס איבערבייסען.
ניין, קיין שום ענטפער".
און איך בין אריין אין גארטען,
געשפאצירט אראפ און ארויף איבער די פא־
סאנירטע שטעגען
אין מיין שטייפען קארעקטען בראקאט.
די בלויע און געלע בלומען זיינען שטאלץ
געשטאנען אין דער זון;
איך בין אויך געשטאנען גלייך,
זיך הארטנעקיג געהאלטען אן דעם פאסאן.
א דאנק דער שטייפקייט פון מיין קלייד.
אראפ און ארויף האב איך געשפאצירט,
אראפ און ארויף שטייפערהייט.

אין א מאנאט ארום וואלט ער מיין מאן
געוועזען.
אין א מאנאט ארום וואלטען מיר דא, אונטער
דעם שאטען פון דעם בוים,
ביידע געבראכען דעם פאסאן;
ער פאר מיר, און איך פאר איהם,
ער — אלס קאלאנעל, איך — אלס דאמע.
דא, אויף דער שאטענדיגער באנק.
ער האט געהאט אן איינפאל,
אז זונליכט ברענגט א ברכה.
און איך האב געענטפערט: „עס זאל זיין ווי
איהר באשיידט".
יעצט איז ער טויט.

אין זומער און אין ווינטער וועל איך שפא־
צירען
ארויף און אראפ.
איבער די פאסאנירטע גארטען־שטעגען,
אין מיין שטייפען בראקאטען־קלייד, מיט גע־
הויבענעם קאפ.
די סקווילען און דעפאדילען
וועלען אפטרעטען זייער פלאץ צו רויזען.
אסטערן, דאן שנעע.
און מיין וועה
וועל איך געהן ארויף, אראפ,
מיט געהויבענעם קאפ.
אנגעטאן שטייף,
אין פישביין און רייף.

און ס'וועלען די ווייכקייט פון מיין לייב פון
אומארמונג באשיצען
קנעפלעך, העקלעך און שפיצען.
ווייל דער מאן, וואס דארף מיך פריי מאכען,
איז טויט,
געפאלען אין שלאכט מיט'ן הערצאג פון
פלאנדר'ען,
אין א פאסאן, וואס ק ר י ג איז זיין נאמען.
גאט! צו וואס דארף מען די פאסאנען?

*) א סארט געלע בלימלעך.
**) אויך א סארט בלומען.

עס איז ניט זיכער, צו מיט די אלע אינערליכע גרויסע אייגענשאפטען פון איהר דיכטונג, וועט איימי לאוועל פארנעהמען א זעהר גרויסען ארט אין דער איינענטליכער פאעזיע, דערצו וועט איהר פארם שטערען דער עקספערימענט־כאראקטער פון איהר ארביים. עס איז אבער קיין שום צווייפעל ניט, אז אין דער ג ע ש י כ ט ע פון דער אמעריקאנער פאעזיע וועט זי פארנעהמען איינעם פון די ערשטע ערטער. אלס לעהרערין, אלס וועגווייזערין, אלס דורכברעכערין פון נייע שטעגען, אלס די באשאפערין פון א נייער שולע.

זי האט ש ו י ן א סך תלמידים. די גאנצע שפעטערע אמעריקאנער פאעזיע, און אפשר אויך די פאעזיע פון אנדערע לענדער וועלען קומען צו איהר זיך לערנען און ווייטער ענטוויקלען.

נער, וועלען האבען אן אונערשעפליכען קוואל טרערען. און מיר, שוואכע און קראנקע מענער, וועלען אזוי לייכט קענען חלש'ען. און מיר וועלען דארפען אנקומען צו די ווייבער נאך א פאר סענס. און זיי וועלען ארבייטען און מיר וועלען זיך פוצען. מיר וועלען חשק האבען צו באקומען ניט גלעזערנע אויגען, נאר דימענטענע; ניט פשוט'ע הילצערנע פיס, נאר פימסענע; ניט גומענע אויערען און ברוסטען, נאר עפעס אזעלכע — „פענסי". און מיר, מענער, וועלען אויפהאלטען די מאדעס און קאכען און וואשען און קאקעטירען און ריידען רכילות און זיך לאזען פארפיהרען און לאדען פאר „ברימש און פראמיס". און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

אזוי האב איך אין חלום און אויף וואהר געזעהן די צוקונפט־פרוי און דעם צוקונפט־מאן. אזוי האב איך גע'חלום'ט בעת דער מלחמה. און בעת דער מלחמה האט זיך מיר געדאכט, אז דער חלום ווערט א ווירקליכקייט.

אבער די מלחמה, דער חלום און די ווירקליכקייט האבען אפגענארט. אפגענארט אויף אלע פראנטען. און אפגענארט אויך אויפ'ן מענער־ווייבערשען פראנט.

די וועלט האט זיך ניט איבערגעקעהרט. די נאציאנען־ליגע האט נאך ניט באזייטיגט די מעגליכקייט פון מלחמות. דער ארבייטער סטרייקט נאך אלץ פאר א שטיקעל ברויט מיט פוטער. דער איד כאפט נאך אלץ אריין פארציעס פאגראמען. און אויב די פרוי האט אפילו באקומען נייע רעכט, וויל זי אבער אלע פריווילעגיעס ניט אויפגעבען. און דאס מענער־געשלעכט בלייבט, פאלגליך, נאך אלץ פארשקלאפט.

איהר הערט דאך:

זיי האבען אויסגעטאן די מענערשע יוניפארמען. עס איז ווידער געווארען א געלאף אויף ווייבערשע מאדעס, וואס זיינען, ווי יענער זאגט, צו קורץ פון אונטען און צו קורץ פון אויבען. זיי ציהען זיך צוריק פון די מענערשע שטעלעס און האבען חתונה מיט סאלדאטען און אזוי־זיך. און זיי איילען זיך ניט צו שטימען. און זיי עסען אלץ צוקערקעס. און זיי ווייבען נאך און חלש'ען און שלעפען אייך צו דער חופה. און פאר א קוש דארף מען זיי באצאהלען מיט חופה וקדושין... די ווייבער, מיין איך.

און אז איך באגעגען איצט א סאלדאט, זאג איך איהם:

ברודער, האסט געקעמפפט פאר דעמאקראטיע און פרייהייט פון דער גאנצער וועלט און דיין אייגענע פרייהייט האסטו ניט אויסגעקעמפפט. דו האסט אפגעטאן נאר א העלפט פון דיין ארבייט און דו האסט זיך אפגעשטעלט. און דעריבער — פארווערטס, ברודער! פארווערטס אין א נייעם קאמפף פאר דער פאלשטענדיגער גלייכבארעכטיגונג פון דער פרוי — א גלייכבארעכטיגונג, אהן וועלכער מיר, מענער, וועלען נאך אלץ בלייבען פארשקלאפט!

אזוי זאג איך איהם. און אויב א דייטשע קויל האט איהם ניט ארויסגעשאסען דעם מארך פון קאפ, פארשטעהט ער מיך און שטימט צו און רייסט זיך ארויס־ביי אין קאמפף.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

דזש. העללער. — מיר וואלטען אייך געוואלט זעהן נאך אמאל אין אפיס. עס דאכט זיך אונז, אז עס איז געווען א קליינע מיספארשטענדניס, וועלכע קען אבער לייכט באזייטיגט ווערען דורך א קליינע ענדערונג אין דער פארם.

ה. שנייד. — אייערע בריעף וועלען אוימער געפינען א פלאץ אין דער צייטונג. פאר דעם איז דאך די צייטונג געשאפען, אז די ארבייטער זאלען דורך איהר דערוויסען זיך וועגען אלערליי אנגעלעגענהייטען, וואס קאנען און דארפען זיי אינטערעסירען, סיי אלס דענקענדע מענשען און סיי אלס ארבייטער.

לינא סיימאן. — מיר דרוקען אייערע עטליכע הארציגע ווערטער צו די סטרייקענדע ליידיס ווייסט מייקערס, אין וועלכע איהר גיט איבער די קורצע געשיכטע פון אייער אמת־העלדישען קאמפף, וואס איהר האט אנגעפירט פאר 18 וואכען מיט דער ניופארט קאסטיום קא. מיר האפען, אז אייער קאמפף וועט געפינען ניט נור זיין היסטאריקער, וועלכער זאל איהם שילדערן פאר אונז, ווי פאר די, וועלכע קומען נאך אונז, מיט אלע איינצעלהייטען, נאר אויך דעם פאעט, וועלכער וועט מיט באגייסטערונג באזינגען די ווירקליכע העלדען־טהאטען פון אייך און פיעלע אנדערע. פון די פאר ווערטער אייערע פיהלען מיר, אז איהר האט אין אייער קאמפף ארויסגעוויזען מעהר בראוועקייט, מעהר העלדישקייט, ווי גאר מאנכע באזונגענע העלדען אויף די שלאכטפעלדער פון די אלטע און נייע צייטען.

ב. חאזאנאוו. — מיט דער ערשטער אנגעלעגענהייט, וואס איהר טיילט מיט אין אייער באריכט, וועלען מיר ניט קענען ארויסקומען אין די עפענטליכקייט, ביז מיר וועלען זיך ניט פארזיכערען מיט אלע פאקטען. און, ווען מיר וועלען זיי האבען, דאן וועלען מיר ארויסקומען אזוי שטארק, ווי מיר קענען, און איינמאל פאר אלע מאל מאכען א סוף צו דער קאריערע פון יענעם שרץ אין דער ארבייטער באוועגונג, אזוי, אז ער זאל שוין קיינמאל ניט קענען פאזירען פאר דאס, וואס ער איז ניט. אונזער אונטערזוכונג ביז איצט האט ארויסגעבראכט, דאס וועהרענד אייער באריכט איז אין אלגעמיין ריכטיג, איז ער אבער ניט ריכטיג אין מאנכע איינצעלהייטען, עפעס, וואס וואלט געקאנט אויסגענוצט ווערען פון דעם חברה־מאן. וואס אנבאלאנגט דאס אנדערע, ווערט עס פארעפענטליכט אין דעם נומער.

ל. ב.: — מיר האבען אויך געלייענט יענעם ארטיקעל, און געפונען דוקא, אז עס וואלט גארניט געשאדט, ווען די ארבייטער און די טרייד־יוניאניסטען וואלטען זיך ערנסט פארטראכט וועגען דעם. עס קען ניט ווערען אוועקגעמאכט מיט די אלטע, שוין גאנץ אויסגעדראשענע פראזען. די דאזיגע פראזען האבען געוויס אין אייער צייט געטאן פיעל גוטעס, אבער מען מוז דאך ניט פארגעסען, אז די נייע אומשטענדען האבען געמאכט גאר היבשע לער

האבען געשאפען א מין מינימום וויידזש סקייל פאר פרויען ארבייטערינס.

מיר זאגען א מין, ווייל דער מינימום וויידזש סקייל איז ווייט ניט צופריעדענ-שטעלענד.

אזוי צום ביישפיעל האט דער מיני-מום וויידזש באארד פון דיסטריקט אוו קאלאמביא ערקלעהרט, אז אין וואשינג-טאן קענען פרויען און מיידלעך ניט לע-בען מיט וועניגער ווי זעכצעהן דאלאר א וואך. און די בעסט באצאהלטע שאפ-ארבייטערקעס פארדיענען דארטען אין דורכשניט ניט מעהר ווי צוועלף דאלאר א וואך, און דאס איז באשטימט געווא-רען אלס מינימום סקייל.

לעצטען נאוועמבער איז אין וואשינג-טאן סטייט דורכגעפיהרט געווארען א מינימום וויידזש סקייל פאר פרויען פאר דער צייט פון דער מלחמה און אלס מי-נימום וויידזש איז באשטימט געווארען 13 דאלאר מיט 20 סענט א וואך. דער נעקסטער העכסטער סקייל איז אין סטייט ארעגאן, וואו א דאלאר מיט 61 סענט איז באשטימט פאר'ן מינימום סקייל פאר די ארבייטערינס אין פעקטארים אין לאנ-דרעסעס. אין אלגעמיין איז דער דורכ-שניטליכער מינימום וויידזש פון די פרויען ארבייטער ניט מעהר ווי צעהן דא-לאר א וואך אין די שטאאטען, וואו מי-נימום וויידזש-סקייל באארד עקזיסטירען.

אין באלטימאר איז פון דער מינימום וויידזש באארד פארגעשלאגען געווארען א מינימום וויידזש פאר פרויען און מיידלעך, וואס זאל באטרעפען צעהן דאלאר מיט פינף-און-צוואנציג סענט. דא איז שוין גענומען געווארען איין אנבאטראכט די העכערונג פון לעבענסמיטלען ביז צו דער צייט, ווען די מלחמה האט זיך אנגע-הויבען. אבער זינט די מלחמה האט זיך אנגעהויבען זיינען די פרייזען אויף לע-בענסמיטלען געוואקסען פון 48 פראצענט אין קליוולאנד ביז 83 פראצענט אין באל-טימאר און 118 פראצענט אין באסטאן.

פרעגט זיך, ווי קענען פרויען ארביי-טערינס לעבען אויף די 9 און 10 דאלאר א וואך ביי אזעלכע הויכע לעבענסמיטעל פרייזען? און די פראגע מוז בלייבען אונפארענטפערט סיידען מיר וועלען גע-בען דעם ענטפער פון דעם אלטען ענג-לישען קופלעט, אדער פון דעם ענטפער פון דעם באלטימארער מאנופעקטשורער אין בעסטען פאל.

די ניו יארק סטייט אינדאסטריעל קאמישאן האט דא ניט לאנג ארויסגעגע-בען א סטאטיסטיק אין וועלכער מיר ליי-ענען, אז פון 20,597 שאפ און פעק-טארי ארבייטערינס פארדיענען 59 פרא-צענט וועניגער פון 14 דאלאר א וואך און נאר 11 פראצענט פארדינען 20 דאר-לאר א וואך און מעהר; און פון 23,203 פרויען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין סטארס און אפיסעס פערדינען 64 פרא-צענט וועניגער פון 14 דאלאר א וואך און נאר 9 פראצענט פארדיענען מעהר ווי 20 דאלאר. קיין ערקלעהרונגען צו דיע-זע ציפערען דארף מען דאכט זיך ניט. זיי ריידען פאר זיך אליין.

שוין דאס אליין וואס א דאנק די אונטערזוכונגען פון אונזערע סטייט מיני-מום וויידזש באארדס און אינדאסטריעל קאמישאנס דערוויסען מיר זיך אזעלכע פאקטען, איז ווערטה צו האבען דיעזע אינסטיטוציעס. אבער וויסען די פאק-טען אליין איז ווייניג. עפּיס מוז געטאן ווערען די שרעקליכע לאגע פון דער פרוי, דער שלוין-שקלאפין, צו פארלייכטערען.

פרויען זיינען באשעפטיגט אין די שעפער, אין פאבריקען, אין סטארס, אין אפיסעס. זיי וועלען בלייבען דארטען, מאנכע ביז זייער חתונה, אנדערע שפע-טער אויך, און זיי וועלען מוזען לעבען מיט די קלענליכע וויידזשעס וואס זיי קריגען.

א מינימום וויידזש סקייל וועט העל-פען פארבעסערען די לאגע פון דער אר-בייטערין, אבער דאס וועט ניט גענוג העלפען.

די אמת'ע הילף פאר פרויען אלס אר-בייטער קען נאר קומען פון איין קוואל. אין איין פלאץ האט זי צו זוכען איהר ערלעזונג, און דער פלאץ איז — די טרייד יוניאן באוועגונג, די ארבייטער יוניאן.

די מענער ארבייטער האבען זיך, א דאנק זייער ארגאניזאציאן, א דאנק זייער אייניגקייט, זייער לאגע פארבע-סערט, און דאס זעלבע דארפען טאן די פרויען. זיי דארפען וויסען, דאס אויב אפילו אייניגע פון זיי ווערען ארויסגע-האלפען פון זייערע עלטערען, קענען זיי עס אייביג ניט ערווארטען, און צו שטעהן זעלבסטשטענדיג אויף די פיס און פיה-רען א זעלבסטשטענדיג לעבען קענען זיי נאר דאן, ווען זיי וועלען זיך דערשלא-גען צו מענשליכע וויידזשעס. און דער-צו קענען זיי קומען נאר דורך קאמפף, דורך סאלידאריטעט, דורך פאראייניגונג.

א שטארקע יוניאן, א פאראייניג-טער שאפ, אן ארגאניזירטע קערפער-שאפט — דאס איז די בעסטע פארזי-כערונג פאר העכערע וויידזשעס און פאר א בעסערען לעבען פאר דער ארבייטער פרוי. זאלען דאס די פרויען וויסען און געדענקען און דורכפיהרען, און פאסענ-דע געזעצע, וועלכע וועלען זיי פארזיכע-רען העכערע וויידזשעס, וועלען דאן שנעל נאכפאלגען.

די פאעזיע פון איימי לאועל *)

פון א. גלאנץ

איימי לאועל איז א ל ע ב ע ד י ג ע ר מ ע נ ש. זי דערמאנט אבסאלוט ניט יענעם טיפ פאעטען, וועלכען דער גע-וועהנליכער לעזער האט אזוי אפט ליעב זיך פארצושטעלען אין דער פאנטאזיע: א מענש א הימעלקוקער. זעהט ניט וואס טוט זיך ארום איהם. איז פאר'חלום'ט. טראכט שטענדיג וועגען סודות, און דריקט דאן זיינע טראכטענישען אויס אין ליעדער.

אט די פאפולערע פארשטעלונג איז ניט ריכטיג אין באצוג צו פאעטען בכלל, צו וויכטיגע און אויך ע כ ט ע פאעטען. בלויז דער פ א ע ט א ס ט ע ר, דער וואס ו ו י ל ערשייען אלס פאעט, נעהמט אן געוויסע אויסערליכע פארמען אלס מיטעל צו מאכען דעם איינדרוק, אז ער איז פאעט. אמת'ע פאעטען זיינען די ל ע ב ע ד י ג ס ט ע מענשען אין דער וועלט.

איימי לאועל'ען אינטערעסירט אלץ. דאס גאנצע לעבען. אין אלע ערשיינונ-גען, אין אלע אויסדרוקען.

זי האלט ניט, אז איינ זאך אין לע-בען איז וויכטיגער פון דער צווייטער. אלץ איז גלייך וויכטיג. אלץ לאזט זיך פאעטיש אויסדריקען און איבערגעבען.

אלץ.

דאס לעבען אין דער שטאדט. און אלץ וואס מאכט די שטאדט. א וואקזאל. א רעסטאראן. א וואדעוויל. דער אויטא-מאביל, די קאר, דער עלעווייטער, דער סאבוויי.

און ניט בלויז דאס אויסערליכע אויס-זעהן פון אט די זאכען. נאר דער גאנ-צער פלאנטער געפיהלען און שטימונגען, דער גאנצער כאאס פון געמיט וואס אט די עלעמענטען פון אונזער מאדערנער ציווילזאציע רופען ביי אונז ארויס — דאס אלץ זעהט די דיכטערין און זוכט עס אויסצודריקען.

יעדער געגענשטאנד רופט אין אונ-זער נשמה ארויס א געוויסע אסאציאציע, אן אידעען-פארבינדונג, א פארוואנדט גע-פיהל, א קרובה'שע שטימונג. אזוי ווי איימי לאועל וויל איבערגעבען דעם ריטם פון דער מענשליכער נשמה אין מיטען פון דער מאדערנער אומגעבונג פון שטאל און עלעקטריצטעט, דריקט זי גלייכצייטיג אויס אויף די אסאציאציעס וואס די פארשיעדענע זאכען, וועלכע זי שילדערט, רופען ביי אונז ארויס.

געוויסע געפיהלען קאן מען ניט פאר-שטעהן דירעקט. מען קאן זיי בלויז אהנ-נען, באגרייפען אהן ווערטער. איימי לאועל וויים עס, און זי באנוצט זיך דע-ריבער מיט דער סוגעסטיאן, צו לאזען אייך פיהלען אט דאס, וואס איז שווער אויסצודריקען אין פשוט'ע ווערטער אדער אין פשוט'ע בילדער.

דער רעזולטאט איז — א פארפלאנ-טערט, קאמפליצירט נשמה-בילד, אזוי פארפלאנטערט און קאמפליצירט, ווי עס איז נאר דאס לעבען אין דער היינטיגער צייט און ווי די נשמה פון א היינטיגען מענש.

איימי לאועל'ען אינטערעסירט אויך די מענשליכע געשיכטע. די באוועגונ-גען און רעגונגען פון די פריהערדיגע דורות, די מלחמות, רעוואלוציעס, אויפטרייסלונ-גען פון דער פארגאנגענער צייט. אהן זיי איז דאך ניט מעגליך צו פארשטעהן די היינטיגע באוועגונגען, רעוואלוציעס און אויפטרייסלונגען. שילדערט זי אט די געשיכטליכע געשעהעניש אויך.

ווי אזוי?

נאטירליך ניט ווי א היסטאריקער אדער וויסענשאפטסמאן. דורך פאעטי-שע פארשטעלונגען. גלייך זיי וואלטען איצט פאסירט, אין טערמינען פון דער מענשליכער נשמה, אויסגעדריקט אויף אן אופן, וואס אפעלירט צו אונזער גייסט, רופט ביי אונז ארויס אסאציאציעס, וועקט און רעגט אונזערע סוגעסטיאנען. דורך פארבען און קלאנג, דורך אייגענ-ארטיגע ריטמען.

איינס פון איהרע לעצטע ביכער „קען גראנדעס קאסל" איז אפגעגעבען דער שילדערונג פון די ים-שלאכטען אין דער נאפאלעאנישער צייט, ווען דער ענגלישער אדמיראל נעלסאן האט באזיעגט נאפא-לעאנען. דאס, וואס די דיכטערין וויל ארויסרופען מיט איהרע שילדערונגען דערגרייכט זי כמעט פון אנפאנג פון איהר גרויס ווערק דערמיט, וואס זי רופט ארויס אין דער פארשטעלונג פון דעם לע-זער דאס בילד פון ר ו י ט, אלס די פארב פון בלוט און פון קריגס-מונדירען און פון י ם - ב ל ו י, אלס דעם ארט

*) ז. „גערעכטיגקייט", פעב. 22.

א חלום צורונגען

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on March 7, 1919 as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די צוקונפט-פרוי — ווי וועט זי אויס-זעהן? דער צוקונפט-מאן — ווי וועט ער זיך געשטאלטען?

בעת דער מלחמה האב איך גערעכענט, אז אינאייגעם מיט דער גאנצער וועלט וועט זי פון די שלאכטען ארויסקומען א פרישע, א נייע, א אנדערע.

איך האב גערעכענט: זי וועט געבארען ווערען אין א סאלדאטישען מונדיר, וועט אפ-לעבען איהר לעבען אין א קאנדוקטארשער יוניפארם און וועט זיך אריבערפעקלען אויף יענער וועלט, אויב ניט אין א מענערשען טלית, איז כאטש אין מענערשע הויזען.

עס האט זיך בעת דער מלחמה געדאכט, אז די פרוי וועט באפרייט ווערען אינאיינעם מיט די טשעכא-סלאוואקען, מיט די פאליאקען און אנדערע שוואכע און אונטערדריקטע פעלקער. און זי וועט גראבען קוילען און שמעלצען אייזען און בויען בריקען און אויסלעגען אייזענבאהנען און וועט אויסגעריסען און פארשווארצט ווערען פונקט אזוי אונבאהעע-ניג און פונקט אזוי פריי, ווי דאס הערשענדע מענער-געשלעכט.

און איך האב גע'חלום'ט, אז די פרוי וועט זיצען אין געריכט, וועט טראגען א פאלי-צייסקי שטעקען, וועט גנב'ענען שטימען, וועט „לייפען" און וועט ערוועהלט ווערען און וועט בכלל טאן אלע מענערשע נארישקייטען און וועט באגעהן אלע מענערשע דומהייטען און וועט מאכען געזעצען און וועט זיי איבער-טרעטען און וועט שמאכטען אונטער זיי פונקט ווי אמת'ע מענער.

אזוי האט זיך מיר געדאכט און אזוי האב איך גע-חלום'ט און איך בין געווען מלא שמחה.

ווייל צום אלעם ערשטען בין איך סתם א פרייהייט-ליעבענדער מענש און א גערעכטער מענש און א העכסטראדיקאלער מענש. דאס האט איהר איך איינס. און צווייטענס, האב איך דערביי געהאט מיינע אייגענע עגאאיס-טישע אבזיכטען.

איך האב אין דער פרויען-פרייהייט גע-זוכט מיין אייגענע מענערשע פרייהייט. אין דער דערלעזונג פון דער פרוי האב איך פריי-הער פאר אלעמען געזעהן מיין אייגענע מע-נערשע דערלעזונג.

איך האב זיך געזאגט: די שוואכקייט פון דער פרוי איז איהר מאכט. די פרויען-שקלא-פעריי איז באמת די פרויען-פריווילעגיע. דאס שוואכע געשלעכט באהערשט אונז און פאר-שקלאפט אונז א דאנק איהר שוואכקייט און שקלאפעריי.

און איך, דער שטארקער, פרייער מאן, האב עפיהלט די פרויען-שוואכקייט און די פרויען-שקלאפעריי ווי א שווערע לאסט. ווי זאגט עס יענער שטאאטסמאן אין פאריז: די וועלט וועט ניט זיין פריי אזוי לאנג ווי דאס אידישע פאלק וועט ניט באפרייט ווערען. און איך האב זיך תמיד געזאגט: דאס מענער-געשלעכט וועט ניט זיין פריי, ביז די פרוי וועט ניט עמאנ-סיפירט ווערען.

און איך, א מיעדער, א שוואכער, פלעג אפ-טרעטען מיין פלאץ א געזונטער, פרישער פרוי און האב געקרעצט מיט די ציינער און האב געשאלטען מיט טויטע קללות די פרויען-שוואכקייט.

און איך בין געווען שוואך און אונבאהאל-פען אנטקעגען מיין ווייב'ס טרערען און מיין ווייב'ס חלשות. און איך האב פון פולען האר-צען געוואונשען, אז מיין פרוי זאל ווערען אזוי שטארק ווי איך און עס זאלען אויסטרי-קענען איהרע טרערען-קוואלען, פונקט ווי מיינע.

און אז א אידענע האט אמאל אימיצען גע-קלאגט אויף „ברויט און פראמיס", כאטש זי האט איהם פארנארט אין א ליעבע-פאסטקע, ניט ער זי, האב איך פארשאלטען די צרת'דיגע געזעלשאפט אונזערע, וואו די פרוי האט גע-זעצליך אזוי ווייניג רעכט און אונגעזעצליך — אזוי פיעל רעכט און פריווילעגיעס.

און נאך און נאך.

האב איך געהאפט, אז די מלחמה וועט פאלשטענדיג באפרייען די פרוי פון איהר רעכטלאזיגקייט און שוואכקייט און מיך — פון דער פרוי'ס פריווילעגיעס, וואס געהען האנט אין האנט מיט איהר רעכטלאזיגקייט און שוואכקייט.

בעת די מלחמה האט עס אויסגעוויזען, אז דער פרוי'ס דערלעזונג און, פאלגליך, מיין אייגענע קומט.

איך האב געהערט: די דייטשען שיסען פון זייערע עראפלאנען און שיסען פרויען פונקט ווי מענער. האב איך דערביי א ווארף געטאן דאס הימעל אין דער לופטען און מיט פרייד אויסגעשריען: לאנג לעבען זאל די גלייכ-בארעכטיגונג פון פרויען!

איך האב זיך דערוואוסט, אז רוסישע פרויען ארגאניזירען ארמעען, א מין „טוי-טען-לעגיאן", צו באקעמפפען די באלשעווי-קעס; און איך האב געהערט, אז די באלשע-וויקעס שיסען די בראווע ווייבער, פונקט ווי מען שיסט להבדיל מענער. האב איך געהערט און געמאכט א פרומע ברכה — ווידער מאקע אויף דער גלייכבארעכטיגונג פון דער פרוי.

און איך האב געזעהן אונזערע קאנדוק-טארקעס און דאס הארץ האט אין מיר גע-טאנצט פאר פרייד.

און איך האב געזעהן, אז עס האלט דער-ביי, די פרוי זאל אומעטום באקומען שטימ-רעכט, און א באלזאם האט זיך צוגאסען איבער מיין הארץ.

און צו מיר האבען זיך דערטראגען די געזונטע פעטש, וואס די קריגערישע ענגלישע סאפראזשעטס האבען דערלאנגט ענגלישע מי-ניסטארען, און איך האב מיט בייזער פרייד געטראכט: פאטש, פאטש, קינדערלעך! איהר וועט אזוי לאנג פאטשען, ביז די נא-רישע מענער וועלען אייך געבען שטימרעכט, כדי זיי זאלען זיך נעהמען דאס רעכט אייך צו ענטפערן מיט פעטש — א זאך, וואס מען קען איצט ניט טאן, ווייל איהר זיינט נעבעך שוואך און רעכטלאז!

און איך האב געזעהן, אז ווייבער פאר-נעמען אלע מענערשע שטעלעס און טוען אלער-ליי מענערשע ארבייט און הויבען אן טראגען מענערשע קליידער. און דאס הארץ האט זיך אין מיר געצאפעלט פאר פרייד: אה, מאן! דו ווערסט ענדליך באפרייט!

אט דאס האב איך געזעהן בעת דער מלחמה. און אזוי האב איך זיך געפרעהט.

און איך האב אפט פארמאכט די אויגען, האב מיט מיין גייסטיגען בליק אריינגעדרונ-גען אין דער נאהענטער צוקונפט און איך האב געזעהן:

איין מענשהייט — א פרייע, א גלייכע, א גליקליכע. אפגעשאפט די יונקער-פריווילע-גיעס אין דייטשלאנד, אפגעשאפט די קאפיטא-ליסטישע פריווילעגיעס אין רוסלאנד און — די הויפטזאך — אפגעשאפט די ווייבערשע פרי-ווילעגיעס איבער דער גאנצער וועלט.

און פארקעהרט: אויב אימיצער וועט איצט זיין שוואך און הילפלאז און רעכטלאז, וועלען עס זיין מיר, מענער. ווייל מיר וועל-לען צוריקקומען פון קריעג אהן הענט און אהן פיס, אהן אויגען און אהן שארבענס, אויף הילצערנע פיס און אויף קוליעס, מיט גע-לעכערטע ברוסטען און פארשטשאבעטע לונגען. מיר וועלען קומען פון דער מלחמה און וועלען געפינען די ווייבער אויף אונזערע שטעלעס און אין אונזערע קליידער. און אויף יעדען סתם-מאן וועלען זיין צוויי פרויען. און אויף יעדען געזונטען, גאנצען מאן — גאנצע זיבען פרויען. און מיר, בערוזע און קראנקע מע-

דער שיקאגא'ער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

מיר האבען זיך צוריקגעהאלטען ביז יעצט פון שרייבען די באריכטען אין אונזער צייטונג, ווייל מיר האבען פריהער געוואלט זעהן צו אונזערע מעמבערס אינטערעסירען זיך מיט זייער אפיציעלען ארגאן „די גערעכטיגקייט“. אבער דאס ערווארטעטע איז נעקומען. אונזערע מיטגליעדער פרעגען זיך שוין אפיציעל אן ביי די מיטינגען פון זייערע לאקאלס ווארום אונזערע באריכטען ערשיינען ניט אין דער „גערעכטיגקייט“. דיעזע פראגע איז אנגעקומען צום דזשאינט באארד, און אונזער טשערמאן, בר. אב. גאלד, האט פארלאנגט פון אונזער באארד מען זאל שרייבען פון צייט צו צייט באריכטען פון אונזערע שיקאגא'ר לאקאל-יוניאנס.

דער פאקט אליין, וואס אונזערע מעמבערס פארלאנגען צו וויסען די פאסירונגען פון זייער יוניאן דורך זייער טרייד צייטונג, איז א סימן, דאס מיר געהען ניט צוריקוועגס נאר פאראווערטס.

צו אלעם ערשטען שיקען מיר אונזער הארציגע גראטולאציאן צו אונזער אינטערנעשאנאל און צו דער רעדאקציע און מענעדזשמענט פון דער „גערעכטיגקייט“. מיר באגריסען אייך דערמיט, וואס אייך איז געלונגען גלייך ביים אנפאנג אריינצודרינגען אין די הערצער פון אונזערע מעמבערס און צו געבען זיי אזא מין לעזע-שטאף, פון וועלכען זייער דענקונגס-אפאראט האט אנגעפאנגען ארבייטען: א חשק צו וועלען וויסען האט אנגעפאנגען ארויסצושיינען. און מיר האפען, דאס דיעזע צייטונג וועט אימער זיין אזוי אינטערעסאנט ווי דער רעדאקטאר האט פארשפראכען אין דעם ערשטען נומער, ווייל מיר וויסען פון לאנג, דאס ווען ער זאגט עטוואס צו, האלט ער ווארט.

* * *

מיר האבען צו באריכטען עטליכע זעהר וויכטיגע באשליסע, וואס אונזער דזשאינט באארד האט זיך גענומען דורכפיהרען, און צו וועלכע עס פאדערט זיך דער סופארט פון אונזערע מעמבערס.

מיט עטליכע מאנאטען צוריק האבען מיר ערוועהלט אן עדיוקיישאנאל קאמיטע, וואס דארף טאן די גאנצע ארבייט אויף דיעזען געביעט. פון אנפאנג האט דיעזע קאמיטע געארבייט אהן א באשטימטער פראגראם. אבער צו ביסלעך האט זיך ענטוויקעלט א געוויסער פארלאנג און עס האט זיך גענומען פיהלען די נויטווענדיגקייט פאר א פראגראם. אום די ארבייט זייערע זאל באוואוסט ווערען צווישען די מעמבערס, האבען זיי אראנזשירט קאנצערטען, וואו אונזערע מעמבערס פלעגען זיך פארברענגען מיט זייערע פרויען און קינדער, וואו עס פלעגט געגעבען ווערען א צוביים. און אונזערע מעמבערס האבען זיך גענומען פיהלען ווי איין פאמיליע. דער ערפאלג פון דער ארבייט איז געווען ניט שלעכט. יעצט איז אראנזשירט געווארען א סקוהל פאר פיער אווענדען אין וואך אין דער עדיוקיישאנאל אלייענס און עס ווערט גאנץ גוט באזוכט פון אונזערע מעמבערס. גוטע לעהרער אטענדען צו דיעזער סקול. ווען מען קומט אהין אריין אין די אווענדען פון לערנען, זעהט מען א שעהן בילד, א בילד וואס אונזערע שיקאגאר קלאוקמאכער האבען זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט. יונגע און עלטערע מענשען זיצען צוזאמען און לערנען מיט א מארנעם געשמאק, שרייבען און לעזען. די זעלבע מענשען האט מען געזעהן מיט עטליכע שטונדען צוריק זיצענדיג אין די שעפער, זיך יאגענדיג נאך באנדעלס ארבייט, מיט זארג און מיט אביסעל קנאה געמישט, טאמער האט דער צווייטער מיט א שטיקעל ארבייט מעהר. די זעלבע מענשען זעהט איהר דא מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויף זייערע ליפען, און זיי הערען זיך אויפמערקזאם צו צו די ערקלעהרונגען פון די לעהרער.

די זעלבע קאמיטע האט יעצט אין ארבייט אראנזשירען א גרויסען קאנצערט און זיי פארשפרעכען, אז ער וועט איבערשטייגען אלע פריהעריגע קאנצערטען. זיי גיבען אויך ארויס צום לעזען פארשיעדענע ביכער פון אונזער יוניאן-לייברערי יעדען אווענד פון דער וואך.

אונזער גריוועגס באארד מיטעט יעדען זונטאג, 10 אזייגער אין דער פריה. עס וועט זיין זעהר ניצליך פאר אונזערע מעמבערס, ווען זיי ווילען פארברענגען א פאר שטונדען אין א זונטאג, בייצוואוינען די פארהאנדלונגען פון דיעזער וויכטיגער אינסטיטוציאן פון דעם דזשאינט באארד. עס איז א רעגעלער קאורט מיט אלע קליפערלעך. אלעס געהט צו אזוי איינפאך און מיט רעספעקט, דאס פאר דער צייט וואס דיעזע קאמיטע עקזיסטירט האבען אונזערע מעמבערס געקראגען אין איהר א פריינד און א וועג-ווייזער, ווייל די גרעסטע צאהל קייסעס, וואס ווערט אהין געבראכט, ווערען אויסגעגליכען צווישען די שטרייטענדע צדדים, און די וואס ווערען באשטראפט, איז אין די מעהרסטע פעלע גיבען די אנגעקלאגטע אליין ארויס זייער אורטייל און פארלאזען אונזער מאדערנע קאורט-רום מיט רעספעקט און צופריעדענהייט.

עס איז בלויז א שאד, וואס מאנכע פון אונזערע אנגעשלאסענע לאקאלען קאפען צו א קיים און פארהאנדלען זי אליין. צי זיי ווילען נאכמאכען דעם גריוועגס-באארד און זיך לערנען אויף יענעמס רעכענונג, אדער זיי זיינען אויסען עטוואס אנדערש, איז ניט אזוי וויכטיג. איין זאך איז זיכער, דאס עס מאכט דעם באשטראפטען מעמבער צו האבען ניט קיין געהויבענע מיינונג פון זיין לאקאל, ווייל אויב עס עקזיסטירט אזא קארט, צוזאמענגעשטעלט פון אלע לאקאלען, מיט דער צושטימונג פון די לאקאלען, ברענגט עס בלויז צו רייבונגען פון דזשאינט באארד און די לאקאלען און אויך פון די מעמבערס אלס איינצעלנע. ווען די לאקאלען וואלטען ניט געזוכט אזא ארבייט, וואס איז ביי זיי אוועקגענומען געווארען ווייל זיי האבען וויכטיגערע ארבייט צו טאן, וואלטען זיי פיעל מעהר געקענט טאן פאר זייערע מעמבערס אין אנדערע זאכען. וואו עס איז פאראן זעהר פיעל ארבייט, אויב מען וויל נאר געפינען ארבייט.

אונזער דזשאינט באארד האט שוין געמאכט אן אנפאנג צו דער אויסארבייטונג פון דעם נייעם אגרימענט, וואס מיר וועלען דארפען קירצליך שיקען צו אונזערע באסעס. עס איז דא זעהר פיעל צו פארהאנדלען און צו דיסקוטירען. פיעלע פונקטען דארף מען ענדערען און פיעלע נייע פאדערונגען דארפען געשטעלט ווערען. לויט ווי עס הערט זיך, האבען אויך די באסעס קריוודעס צו מאנכע פונקטען פון אונזער אגרימענט. געוועהנליך וועלען מיר הערען זייערע פונקטען, און מיר קענען זיך אויף זיי פארלאזען, אז זיי וועלען שטעלען אזעלכע פונקטען, וואס זיינען גוט פאר זייערע אינטערעסען. מיר פיהלען אבער, דאס מאנכע פונקטען אין אונזערע אגרימענטס זיינען ניט אזוי גוט. מיר פיהלען, דאס מאנכע פונקטען זיינען א שטערונג צו אונזער ארבייט און וועלען דארפען געענדערט ווערען. אונזערע דעלעגאטען, וואס דער שיקזאל און דער גליק האט זיי געגעבען די געלעגענהייט צו זיין די באנער-טרעגער פון אונזער ארגאניזאציאן, וועלען פארשטעהן די וויכטיגע און פאראנטווארטליכע אויפגאבע אין יעצטיגען מאמענט. זיי וועלען גוט דורכזיפען יעדען פונקט פון יעצטיגען אגרימענט אזוי גוט ווי די נייע פונקטען, וואס וועלען אויסגעארבייט ווערען. דאס ערשטע, וואס עס וועט דארפען געטאן ווערען, איז צו פארגרעסערען אונזערע טרעזשורים. דאס וועט הייסען גענוג אמוניציע. און צווייטענס צו מאביליזירען אונזערע ארמעען און זיין גרייט צו פארטיידיגען אונזער פאזיציאן, אויב מיר וועלען מוזען אויפנעהמען קריעג. דערווייל האבען מיר נאך גענוג צייט ביז מאי, ווען אונזערע פאדערונגען דארפען זיין פארטיג, און ביז דאן וועלען מיר זיך נאך דורכריידען מיט אונזערע מעמבערס פערזענליך וועגען געוויסע פלענער, וואס מיר האבען, און אויך גאנץ וויכטיגע פלענער. זאלען אונזערע מעמבערס דערווייל נאכקומען די באשליסע, וואס זיי האבען פון זייער יוניאן. דער וויכטיגסטער באשלוס איז, דאס אונזערע מעמבערס זאלען האבען אויף זיך דעם מאנאטליכען באטאן. עס איז ניט גענוג בלויז צו נעהמען דעם באטאן אין אפיס, נאר עס איז גאנץ וויכטיג צו טראגען דעם באטאן ווען איהר זיינט אין שאפ, כדי יעדער זאל עס קענען זעהן. איבערהויפט זאל דער באס זעהן, דאס אלע ארבייטער זיינען גוטשטעהענד אין דער יוניאן. דער באטאן באווייזט דאס און ער באווייזט אויך, אז דער וואס טראגט איהם איז א גוט דיסציפלינירטער יוניאן-מעמבער. מיר פארלאנגען דאס אונזער ארמעע זאל טראגען דעם יוניפארם פון זיין אידעאל, דעם מאנאטליכען באטאן. דאס וועט אונז באווייזען, אז אונזערע ארמעען שטעהען אויף דער וואך און דאס מיר קענען זיך אויף זיי פארלאזען, ווען מען וועט עס דארפען.

לואיס גאלד,
סעקרעטער דזשאינט באארד פון דער שיקאגאר קלאוקמאכער יוניאן לאקאלס 5, 18 און 81.

שטיקלעך און ברעקלאך פון דעם לעבען פון אונזערע ארבייטער אין קליוולאנד

פון מ. פערלשטיין.

ווייטער בעק פיי.

אונזערע רעפערים אין קלאוק טרייד האבען ענדליך באשלאסען אז די שטיק ארבייטער דארפען אויך קריגען בעק פיי. ווי עס איז באוואוסט איז אין לעצטען סטרייק איינפארשטאנען געווארען צווישען דער יוניאן און דעם סעקרעטערי אף וואר, אז אויב די רעפערים, וועלכע ער האט אפאינטעד, וועלען געבען די ארבייטער א העכערונג אין ווייזשעס וועלען זיי די העכערונג קריגען פון דעם טאג, וואס זיי וועלען זיך אומקעהרען צו דער ארבייט.

אלזא, די רעפערים האבען באשלאסען א העכערונג פאר אלעמען, האבען אבער אונזערע מאנופעקטשורערס אויסגעטייטשט, אז שטיק ארבייטער דארפען קיין בעק פיי ניט קריגען. צו די וואכען ארבייטער האבען זיי די בעק פיי אויסגעצאהלט.

אונזער אינטערנעשאנאל האט דיזען באשלוס פון די מאנופעקטשורערס אפעלירט און נאך לאנגע וואכען ווארטען, האבען ענדליך די רעפערים באשלאסען אז די שטיק ארבייטער דארפען אויך קריגען פיי. געפעלט דאס אבער ניט די מאנופעקטשורערס און, ווי עס זעהט אויס, זיינען זיי יעצט געלאפען צו די רעפערים: היתכן, ווי גיבען זיי דאס ארויס אזא באשלוס? אונזערע ארבייטער איז שוין אבער מיאוס געווארען דאס ווארטען און אן אנצאהל פון זיי האבען שוין געלאזט וויסען זייערע מאנופעקטשורערס, אז אויב זיי קריגען ניט זייער בעק פיי ביז מיטוואך, סטרייקען זיי.

אלזא, יעצט בלייבט צו זעהן, וואס וועט ווייטער זיין.

די לייבאר פארטיי.

די אלגעמיינע ארבייטערשאפט פון קליוולאנד און אויך אונזערע קלאוק מאכער זיינען ביזי מיט דיסקוטירען די פראגע צי א לייבאר פארטיי זאל אין קליוולאנד ארגאניזירט ווערען צי ניט. די סענטראל לייבאר יוניאן פון קליוולאנד האט די פראגע איבערגעגעבען פאר א רעפערענדום וואוט צו די פארשיעדענע יוניאנס, און ווען די מאיאריטעט מעמבערס פון די פארשיעדענע יוניאנס וועלען דאס גוטהייסען, וועט גלייך א קאנווענשאן איינגערופען ווערען און א פארטיי ארגאניזירט ווערען.

ווי אזוי אזא פארטיי וועט אין קליוולאנד אויסקוקען איז שווער פאראויסצוזאגען, עס איז זיכער, אז די יוניאנס וועלען די ארגאניזירונג פון א לייבאר פארטיי גוט הייסען.

ווען עס קומט אבער צו די פיהרער, מוז מען ניט ווילענדיג זאגען: אי, די פיהרער! פון איין זייט זיינען די פיהרער פון די גרויסע צאהל קריסטליכע יוניאנס אלטע פארביסענע רעפובליקאנער פאליטישענס, פון דער אנדער זייט האט אבער אונזער ראדיקאלע און פראגרעסיווע איסט סייד, אדער וועסט סייד, אונזערע סאציאליסטען וועלכע, אזוי שנעל ווי די פראגע פון א לייבאר פארטיי איז נאר אויפגעקומען, האבען זיי נאר לאנג ניט געטראכט און גלייך ארויס דאנגען, אויפפאדערנדיג די סאציאליסטען נאר ניט צו האבען צו טאן מיט דעם.

די איינציגע האפנונג ליגט אין די הענט פון א גאנץ קליינער צאהל מענשען אויף וועלכע מען קען זיך באמת פארלאזען. מאקס הייס, איז דער פיהרער פון דיזע מענשען, אדער דער פיהרער פון דעם פראגרעסיווען פליגעל אין דער קליוולענדער סענטראל לייבאר יוניאן. און דיזער פראגרעסיווער פליגעל טוט פיעל אז אזא פארטיי זאל ארגאניזירט ווערען.

מאריס בלעק א דעלעגאט קיין אייראפא.

אונזער באריהמטער מאריס בלעק איז אויסגעקליבען געווארען צו זיין אייבער פון די עטליכע און דרייסיג דעלעגאטען וועלכע די קליוולענדער טשעמבער אף קאמערס שיקט אין יוראפ צו ברייגגען צו מעהר פריינדליכע באציהונגען צווישען די ביזנעס לייט פון קליוולאנד און די ביזנעס לייט פון יוראפ. דיזע דעלעגאציע וועט באזוכען ענגלאנד, פראנקרייך און בעלגיען.

מר. בלעק וועט, האפענטליך, דא זיך אויסלערנען ווי צו שעצען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט.

אהייא מוז האבען קאזאקען.

אונזערע סטייט פארזארגער אין קאלומבוס זיינען איצט ביזי מיט ריקאנסטראקשאן פלענער, און דעם ערשטען וויכטיגען פלאן וואס זיי האבען פארגענומען, איז צו ארגאניזירען א סטייט קאנסטאבולארי (סטייט פאלים), אין פליין מאמע לשון — סטייט קאזאקען.

די הויפט אורזאכע וואס די לעדזשיסלייטארס גיבען אן, צו וואס מען דארף האבען סטייט קאזאקען, איז די, וואס די פארמערס נעבעך ליידען, מען צו'גנב'עט זייערע טשיקענס, איז אט פאר דעם דארף מען דאס האבען די סטייט קאנסטאביולארי.

האט אבער פאסירט אן אומגליק און מען האט זיך דערוואוסט, אז אין קאלומבוס ווערט אנגעהאלטען א גאנצע לאבי און עס ווערט געספענדעט צעהנדליגע טויזענדער דאלאר צו זעהן, אז דער ביל זאל אנגענומען ווערען. מען האט זיך אויך דערוואוסט, אז דאס געלד קומט גראדע ניט פון די פארמערס, נאר פון די מאנופעקטשורערס פון די גרעסערע שטערט. מען זאגט, אז אונזערע קלאוק מאנופעקטשורערס קאסט דאס אויך א גאנץ שעהנע פאר טויזענד דאלאר. וואס האבען די מאנופעקטשורערס צו טאן מיט גנב'ענען טשיקענס? אונזערע יוניאנס שיטען מיט רעזאלוציאנען און זיינען דאגעגען.

איין זאך איז אבער זיכער, אז אויב דער ביל וועט יעצט ניט דורכגעהן דיזע לעדזשיסלייטשור, וועט דאס געוויס אנגענומען ווערען מיט א יאהר שפעטער, סיידען...

פרינץ בידערמאן זאגט צו א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך.

אמת'ע ביזנעס לייט זיינען טאקי אונזערע מאנופעקטשורערס. אזוי שנעל ווי די יוניאן האט נאר ארויסגעשיקט א פאר צירקולארען און אנגעפאנגען ריידען צו די ארבייטער וועגען א 44 שטונדיגער ארבייטס וואך, האט די אויבענדערמאנטע פירמע באלד צוזאמענגערופען איהרע ארבייטער און זיי געלאזט וויסען אז באלד נעקסטען סיזאן פיהרט די פירמע איין אין איהר פעקטארי א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך.

די פרינץ בידערמאן קאמפ. איז די גרעסטע קלאוק פירמע פון קליוולאנד, און באשעפטיגט איבער טויזענד ארבייטער. 90 פראצענט פון זיי פרויען.

אונזערע קלאוק מאכער האבען זיך ערנסט א נעהם געטאן צו דער ארבייט

ווי ווייט אונזערע קלאוק מאכער זיינען ערנסט אין די פארברייטונגען צו קריגען א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך, א העכערונג אין ווייזשעס און א יוניאן שאפ, באווייזט די ערנסטקייט מיט וועלכער זיי האבען אנגענומען און צאהלען דעם טעקס פאר דיזען צוועק

מאנטאג, דעם 10טען פעברואר איז דא אפגעהאלטען געווארען א מיטינג וואו נאך דעם ווי די לאגע פון דעם טרייד איז ארומגערעדט געווארען, איז אויך בעשלאסען געווארען זיך צו טעקסען מיט 5 דאלאר א מאן און 3 דאלאר א פרוי, זיך פארצוברייטען ווי ווייט מעגליך פינאנציעל און שטעלען פאדערונגען צו די מאנופעקטשורערס.

פונקט אויף דעם מאנטאג פון דעם באשלוס איז שוין איבער 6 הונדערט [illegible]

נעקוקט, ווי עס זעהט אויס אין גאס. פאר איהר איז קיינער ניט געשטאנען. די גאס איז פוסט געווען און עטליכע וואס האבען דורכגעשפאצירט די גאס האבען מיט איהר קיין שייכות ניט געהאט. קיינער האט אויף איהר ניט געקוקט, בלויז א יונגער מאן, וואס איז געשטאנען אנטקעגען איבער, מיט א זונטאגדיגען ציגאר אין מויל און מיט אפגעגלאנצטע שיך, האט געקוקט אויף איהרע זיידענע זאקען אזוי לאנג ביז עס איז אונטערגעגאנגען א מיידעל, אויף וועלכער ער האט, הפנים, דא געווארט און איז אוועק מיט איהם.

רחל איז ארונטער פון סטופ און אוועקגעגאנגען ערגעץ מיט דער גאס...

בער אין פיילע פון אונזערע מיינונגען און לעהרען. דערפאר איז טאקי נויטיג מעהר, ווי דער געוועהנליכער אלף־בית ענטפער, וועלכען דער פארשטארבענער יעקב גארדין האט אזוי אויסגעצייכענט הארקטעריזירט: „וואס טויג אונז שכל, אז מיר האבען א קאנסטיטוציאן".

מ. ל. — ליידער, ליידער האבען מיר זיך ניט געקענט באנוצען מיט אייער העכסט־פריינדליכען אנבאט, נאר מיר וועלען עס, האפענטליך, גוט מאכען אנאנדערשמאל.

ס. זאעל. — אייער באריכט וועגען דער לאגע אין דער שטיק־אינדוסטריע האט איהר צוגעשיקט אויף א שלעכטען אדרעס, אויף 32 יוניאן סקוועיר, אנשטאט 31. פאלגליך איז דער באריכט אנגעקומען צו שפעט, אום ער זאל קענען געדרוקט ווערען. זאנסט וועלען אייערע באריכטען זיין אימער ווילקאמען, ווייל האטש די „גערעכטיגקייט" ווערט ארויסגעגעבען פון דער „אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן", וועט זי אבער אימער האבען א גאסטפריינדליכען ווינקעל פאר די אנדערע אינדוסטריען פון אונזער שטעדטעל, וועלכע ווילען זיך נור באנוצען מיט דער „גערעכטיגקייט".

ה. ווערנער. — מיט ווירקליך גרויס פארגעניגען געלייענט אייער אויסגעצייכענט געשריבענעם בריוועל, אין וועלכען איהר מאכט דער רעדאקציע קאמפלימענטען פאר די „גערעכטיגקייט", פאר איהרע „אינטערעסאנטע און באלעהרענדע ארטיקלען". וואס אנבעטרעפט אייערע אויסזעצונגען, זיינען זיי ביז איצט געווען פאלשטענדיג בארעכטיגט. אבער פאר דער צוקונפט זיינען זיי שוין באזייטיגט געווארען. די לעזער אין ניו יארק האבען געקראגען לעצטען נומער סיי די ענגלישע און סאי די אידישע אויסגאבע פון „גערעכטיגקייט" שבת, און אויף וויפיעל דאס וועט אפהענגען פון דער מענעדזשמענט, וועט אויך אזוי זיין אין דער צוקונפט.

ד. לערנער. — דער פשוטער שכל איז דאך מחיב, אז לעזעשטאף, וואס געהט אריין אין 20 זייטען קען בשום אופן ניט געפינען קיין פלאץ אין אכט זייטען. אייער פארשלאג, אז גראדע דער עדיטאריעלער לעזעשטאף פון דער אידישער אויסגאבע זאל אין דער ענגלישער אויסגעלאזען ווערען, ווייל דער לעזער פון דער ענגלישער צייטונג איז גאר אנאנדער סארט, וועט פון אונז גאנץ ערנסט גענומען ווערען אין אנבעטראכט. מעגליך, אז איהר זיינט גערעכט, און ווען מיר וועלען דאס אויספארשען און געפינען, אז עס איז טאקי אזוי, וועלען מיר עס געווים טאן. אבער דערווייל איז אונז שווער איינצוזעהן, ווארום זאל דערזעלבער עדיטאריעל, וואס איז גוט און וויכטיג פאר דעם אידישען לעזער, ניט זיין פונקט אזוי גוט פאר דעם ענגלישען. מיר וואלטען זעהר געוואונשען, איהר זאלט זיך מאכען אביסעלע פארשטענדליכער: צו מיינט איהר, אז דער אידישער לעזער איז מעהר אדער ווענינער גייסטיג ענטוויקעלט, ווי דער, וועלכער קאן נאר לייענען ענגליש? למשל, אין אידיש ברענגען מיר אפ זעהר זעלטען אן ארטיקעל מיט פארשיידענע קעפלאך, און איהר האט גארניט דאגעגען, אין ענגליש אבער פראטעסטירט איהר געגען די „לאנגע קאלומנען אהן אן אונטערברעכונג". מיינט איהר דערמיט, אז דער לעזער פון ענגליש האט ניט אזא לאנגען אטעם, און מען דארף איהם געבען אל עמאל א מעגליכקייט אפצוציהען דעם אטעם? עס איז ווירקליך אן אינטערעסאנטע פראגע. שרייבט אונז וועגען דעם.

קלאוקמאכער. — איהר זיינט אליין שולדיג, וואס איהר קריגט ניט אייער צייטונג. הונדערטע אזעלכע צייטונגען קומען צוריק מיט דער ערקלערונג פון פאסט־אפיס, אז „דער איצטיגער אדרעס איז אומבאקאנט". מעגליך, אז אויך אייער צייטונג איז צווישען די צוריקגעקומענע. פון פריוואטע קוועלען לאזט מען אונז וויסען, אז עס קומען אין הייזער צו עטליכע צייטונגען פאר מענשען, וועלכע האבען שוין לאנג געמופט, און וועהרענד זיי זוכען צו לעזען אנאנדערנס צייטונג, וואלגערן זיך זייערע אייגענע צייטונגען דער טייוועל וויסט וואו. עס איז אייער אייגענע נאכלעסיגקייט. לאזט וויסען אזוי שנעל ווי איהר מופט, אייער נייע אדרעסע דעם סעקרעטער פון אייער לאקאל, און ער וועט שוין באזארגען, אז איהר זאלט קריגען די צייטונג אויף אייער נייעם אדרעס. אזוי לאנג, ווי איהר וועט דאס פארנאכלעסיגען צו טאן, איז אימער פראטעסטירען געגען די מענעדזשמענט אי זעהר אונגערעכט, און אי עס וועט אייך גארניט העלפען.

ד. חלץ. — א זאמלונג פון ארטיקלען, זאגט איהר? אבער, אויב נור גוטע און צייטליכע ארטיקלען, טו מיט וואס איז עס אזוי שלעכט? מיר גלויבען אבער, אז איהר מאכט א טעות. קוקט זיך צו, און עס וועט ארויסשווימען פאר אייך אפ פון דער דאזיגער „צומישעניש" עפוואס גאנץ באשטימטעס, מיט זיין אייגענער פיזיאגנאמיע און אויך זיין גאנץ אייגענארטיגער נשמה.

זונטאג

(ערצעהלונג)

פון אל. גוריה.

ווען רחל איז נאך אין בעט געלעגען און געטראכט וועגען אויפהויבען זיך, האט זי אויך געטראכט וועגען דעם, אז אויך היינט וועט זי אן אומעדיגען טאג פארברענגען, ווי פאר אכטאגען זונטאג. — „אך, ביז מען דערלעבט דעם זונטאג — האט זי מיט פארדראס זיך דורכגעווארפען אין בעט — א גאנצע וואך קוקסטו אויס אויף איהם, און שווערען יאך שיינט ער ארויס פון הינטער די שווערע, גרויע טעג מיט אזוי פיעל פארשפרעכונגען און, אז ער קומט איז ער אזוי ליידיג, אזוי מעכאניש, אז מען ווערט פון איהם נאך מעהר פארטעמפט, עס גלוסט זיך ניט א לעב צו טאן".

רחל האט זיך דערמאנט, אז דאס איינענע האט זי געפיהלט פאר אכטאגען זונטאג, פונקט ווי היינט האט זי אויך דעמאלט ניט קיין חשק געהאט ארויסצוגעהן פון בעט און ניט ערווארטעט, אז עמיץ זאל צו איהר קומען. און פאר אכטאגען זונטאג איז טאקע צו איהר קיינער ניט געקומען פאר'ן גאנצען טאג. ביז פארנאכט אומזיסט אויסגעקוקט אויף חבר'טעס. די עלטערען וואס האבען זייערע געשעפטען אין גאס ווייזען זיך ניט פאר'ן גאנצען טאג אין הויז אריין, און יענעם זונטאג פארנאכט, ווען די שטובינגע האבען זיך גענומען צונויפקומען, האט זי זיך נאר א ווארף געטאן אויפ'ן בעט א געקרענקטע, אן אפגענארטע.

און איצט, זיך דערמאנענדיג אן דעם, איז איהר א שרעק באפאלען. זי האט שוין פארגעזעהען דאס איינענע דורכצולעבען אויך דעם היינטיגען זונטאג. און אפשר וועט עמיץ קומען צו איהר און ווער איינעגנטליך קען קומען צו איהר? האט זי דאך געוואוסט אז זי האט קיינעם ניט, וואס זאל וועגען איהר א טראכט טאן. זי האט אדרעסען צו עטליכע חבר'טעס, דאך א געליעבטען, א פריינד, ווי דאס האבען אנדערע מיידלעך אין איהרע יאהרען, דארף זיין אינטערעסאנטער — „און פארוואס ניט זעהן האבען עמיצען צו מיר" — האט זי שווער אויפ'ן קול א געשריי געטאן און זיך אויפגעזעצט. — „מען דארף זיך ארומקוקען פאר אן יונגען מאן."

רחל האט זיך א טאפ געטאן ביים פנים. דאס פנים האט געברענט. זי האט זיך באקוקט די הענט, די הענט זיינען טויט געווען, געל ווי וואקס און שיטער, ווי א וואסער וואלט ארומלויפען אונטער דער הויט. זי האט די הענט אוועקגעלעגט, געוואלט זיך ווידער אויף וואס פארטראכטען זיך, נאר עס איז שוין אזוי ארויסגעקומען, אז זי האט פון גאר ניט ניט געטראכט, בלויז געפיהלט, אז עפעס געהט אין איהר איין, עפעס שטארבט אפ. — „וויפיעל יאהרען האב איך" — האט זי א טראכט געטאן. זי האט זיך דערמאנט אז נייצעהן יאהר, און איז גלייכגילטיג געווען, געפיהלט, אז עפעס שטארבט אפ אין איהר און זיך ניט געוואונדערט.

זי איז ארונטער פון בעט. דורך די פענסטער האט אריינגעקוקט א פרישער, ליכטיגער זונטאג־מארגען. אין הויז איז געווען שטיל. רחל האט זיך דערמאנט, אז אין דער פריה, האט דער שטענדיג אונצופרידענער טאטע, ארויסגעהענדיג פון הויז א זאג געטאן, אז ער וועט לאנג אין גאס ניט פארברענגען. „קען דאך זיין אז ער וועט דאך באלד א קום־טאן" — האט זי זיך א כאפ געטאן. און צו זיין צוזאמען מיט'ן בייזען טאטע אין הויז, ווען די מאמע איז ניטא דערביי, האט רחל קיינמאל ניט געהאט קיין חשק. פיעל מאל האט זי אפילו דורכגעלעבט א מורא געפינענדיג זיך אהן קיינעם אין זיין אנוועזענהייט. און ניט איינמאל האט אויפגעקאכט אין איהר הארץ א שנאה צו איהם. פאר זיין שטענדיג אונצופרידען זיין, פאר זיין אנגעכמארעטקייט, פאר אין אייזערנע האנט מיט וועלכער ער האט זיך ערווארבען א הערשאפט איבער'ן גאנצען הויז.

רחל האט באשלאסען זיך נאך אנצוטאן איידער ער קומט, זי האט גענומען צונויפשטעלען די גארדעראבע פאר'ן היינטיגען טאג, דערווייל זיך פארענדיג אזוי איבער די צימערען האט זי א קוק געטאן אין שפיגעל, איהר שעהן יונגענדליך פנים, דער שעהנער נאקעטער האלז, דער ליכטיגער בליק האבען איהר א ציה געטאן, צו צו געהן צום גלאז.

און דאן, פאר'ן שפיגעל האט זי גענומען ארומזעהן זיך, געווען העכסט צופריעדען, זיך געפינענדיג אין בעסטע שעהנקייט, דער קערפער ווי גליך, ווי פול און בויגיג, ווי שעהן אויסגעפארמירט, א גאנצע ציכטיגע פרוי; דאס לייב, אין זיין ראזען, רויט־ווייס פלעקיגען קאליר, האט געשמייכעלט, הינטער דער חוים האט געברענט און איבער אלע גליעדער זיינען זיך צולאפען בריהענדע פלאמען, וואס האבען אזוי זיס געבושעוועט אין איהר און מיט ווילדער פרייד געררייצט איהר בלוט, געקארטשעט איהרע פיס, איהרע הענט האבען זיך געשפארט ערגעץ צו אן עפענונג פון וואנען זי זאל קענען ארויסקומען, כדי דערנאך ארומצוכאפען אין א העליש פייער דאס גאנצע הויז, מיט אלץ וואס דא האט זיך געפונען אפילו מיט איהרע אומעדיגע טעג און אלע איהרע זארגען.

און רחל האט זיך געפרייט מיט זיך, געהאט פון זיך גרויס הנאה, נאר דערמאנענדיג זיך, אז זי איז אלט נייצעהן יאהר און אנדערע מיידלעך אין איהרע יאהרען האבען שוין מענער־פריינד, און זי, וואס איז אין זייערע יאהרען אזוי שעהן און האט אזא שעהן לייב, מיט אזא שעהנעם פנים און שעהנע האר, האט ניט קיין געליעבטען, איז איהר אומעטיג געווארען, געפיהלט ווי דער ציהענדער און מאהנענדער פארלאנג נאך עפעס אונבאשטימטעס, וואס האט איצט אפשטארבענדיג זיך דערברענט אין איהר בלוט, איז געווען וועגען דעם אייגענעם, וועגען וואס זי האט איצט געטראכט. — וועגען א יונגען מאן...

אין דרויסען איז אבער היינט א שעהנער טאג, און דער אומעט וואס האט זיך געהאט פאר'גנב'עט אין איהר איז צוריק ארויס פון איהר און אנשטאט איהם איז איבער איהר געקומען אזא אונבאשטימטע פרייד, האט רחל זיך גענומען איינרעדען מיט האפנונגען. און דאס ארימע הארץ, וואס לאזט זיך שטענדיג איינרעדען אין יעדער אויסגעטראכטער נארישקייט און לאזט זיך לייכט אפנארען, האט אויך זיך געלאזט איינרעדען פון רחל'ען. רחל'ס הארץ, האט די דאזיגע איינרעדעניש באשטעטיגט און געגעבען איהר צו פיהלען, אז זי האפט ניט בחנם.

דעם טאטענס קול האט זיך דערהערט אין דער קיך.

רחל האט א קעהר געטאן דעם קאפ צו דער טיר, וואס האט געפיהרט צו דער קיך און וועלכע איז ניט געווען מיט וואס צו פארמאכען, ניט געגלויבט איהרע אויערען, אז ער זאל שוין האבען געקומען, און פארגעווארפען פאר וואס זי האט ניט געזעהן, בייצייטענס אפצושליסען די טיר פון דרויסען, וואו דער פאטער וואלט געווען געצוואונגען א קלאפ צו טאן מען זאל זי איהם עפענען און זי וואלט צייט געהאט אויף זיך וואס צו כאפען. א ווייל האט זי דערפיהלט א שרעק און צוטומלונג, ווען זי האט זיך א כאפ געטאן, אז זי שטעהט א הוילע פאר'ן שפיגעל. זי האט זיך איינגאנצען פארלוירען.

— רחל? — האט דער טאטע א רוף געטאן אין קיך.

רחל האט א קוק געטאן אין יענעם ווינקעל וואו עס האט־זיך געפונען א טיר אין א וויטערען צימער, א כאפ געטאן די זאכען, געוואלט אהין אנטלויפען אום זיך דארט אנצוטאן, געזעהן אבער ווי אלעס פאלט פון איהרע הענט, האט זי דא, וואו זי איז געשטאנען געמוזט אויף זיך כאפען עפעס.

— טאטע? האלאו! — האט זי איהם באגריסט, ווען זי האט שוין געהאט אויף זיך עפעס אנגעטאן.

זי איז אריינגעגאנגען צום פאטער אין קיך, געוואלט זיך צושמייכלען און ניט געקענט.

דער פאטער האט, דוכט זיך, א שמייכעל געטאן, נאר אויף זיין פארזארגט און פארכמורעט פנים האט דער שמייכעל אויסגעזעהען ווי א ביטערער איראנישער גרימאס. דאס האט איהר, אלענפאלס, אין דער איצטיגער רגע, ניט געארט, ווייל זי האט זיך פלוצלונג דערפיהלט דורכגענומען מיט אונצופרידענקייט, מיט פארדרוס, דערנאך מיט אונהיימליכקייט.

— אזוי לאנג שלאפט מען, פריצ'טע מיינע? — האט דער פאטער אויף איהר אנגעשטעלט בייזע אויגען. — ווער איז אין הויז?

— קיינער. ווייסט דאך... ס'איז דאך אזוי אלע זונטאג.

— נו, האסטו געדארפט אזוי לאנג שלאפען? האסטו שוין געהאט פרישטיק?

און ווי ער וואלט ניט געוואלט הערען איהר ענטפער האט ער זיך גענומען טאן עפעס.

רחל'ען איז אנגעפאלען א חשק ארויסצוגעהן פון הויז. אין דרויסען איז אזא שעהנער טאג, אזא ליכטיגע, געבענשטע זון, און דאס הארץ? אפשר זאגט איהר איצט דאס הארץ ניט קיין ליגען, אפשר ווארט אויף איהר ערגעץ אין גאס א פרייד, א גרויסע, וואס זי האט ערשט דערפיהלט ביים געדאנק ארויסצוגעהן פון הויז? דא אין הויז איז דאך אזוי אנגעכמורעט און קאלט פונקט ווי דער טאטע, פארוואס יאגט זי זיך ניט ארונטערצוגעהן אין גאס?

— וואוהין? — האט דער פאטער זי אנגעקוקט, ווען זי איז מיט איהר אנטאן פארטיג געווארען און זיך געלאזט געהן צו דער טיר.

דער איד מיט דער ברייטע שווארצע בארד און פארריסטען פנים, ווי ער וואלט היינט א וואגען קוילען אויסגעלעדיגט, האט עפעס דערפיהלט, אז די טאכטער זיינע האט זיך דא געפאסט איהר איינענעם באשלוס, ניט פרעגענדיג זיך, ווי אלע מאל, פריהער ביי איהם.

און רחל האט אין איין רגע זיך אפגעשטימט אין איהר געדאנק ניט צו לאזען מעהר בשום אופן דעם פאטער האבען איבער איהר אזוי פיעל דעה. זי וועט געהן וואוהין זי וויל, און געגוג.

— איך מוז געהן — האט זי אונצופרידען א זאג געטאן, שוין שטעהענדיג ביים טיר.

— וואוהין, פרעג איך?

— מען ווארט אויף מיר. א פריינד.

— האט זי זיך, צו איהר אייגענער ערשטוינונג פאר דעם איינפאל, אפגערופען.

— ווער ווארט דאס אויף דיר?

— ווער?

— נו, ווער?

דער איד האט זיך גלייך געשטעלט. דער טאכטער באטראכט, ווי ער וואלט זי צום ערשטען מאל דערזעהן. ווי אלע מאל, אויך דא געוואלט אויסנוצען זיין אייזערנע דעה איבער איהר. די האנט האט זיך שיעור א הויב געטאן, נאר עפעס האט ער זיך א ווילע צוריקגערוקט, געקוקט אויף איהר מיט אויפגעריסענע אויגען.

פאר איהם איז שוין מעהר ניט געשטאנען די נייען יאהריגע מיידעלע, מיט וועלכע ער איז אין אמעריקא געקומען און איבער וועלכע ער האט אזוי געהערשט, נאר די נייצעהן יאהריגע דערוואקסענע טאכטער, א פעסט געבויעטע, כמעט ווי א פרוי, א שטאלצע, אן איינגעשפארטע פאר איהרע רעכטע.

— וואוהין ווילסטו דאס געהן? — האט ער שוין געפרעגט ווייכער. — ווער ווארט דאס אויף דיר?

— א געליעבטער — א געליבטער — האט דאס מיידעל ערקלערט און זיך צולאכט...

— מיין געליבטער! ווייסט, טאטע, איך האב א געליבטען? יא, יא — ער שטעהט אונטען אין גאס און ווארט אויף מיר. איך געה איהם איצט זעהן... איך געה זיך טרעפען מיט איהם, מיט מיין געליבטען... ער איז א שעהנער, טאטע.

דער פאטער האט זיך אוועקגעזעצט, ווי אן אונטערגעהאקטער, אוועקגעווארפען דאס שטיק האלץ, וואס ער האט פריהער געהאט אין האנט גענומען אויף צו מאכען פייער אין אויווען.

— דו זאגסט דאך א ליגען, רחל — האט ער געוואלט טרעפען — איך האב דאך ניט געזעהן קיינעם אונטען ווארטען.

זי האט געשוויגען.

— וואוהין גייסטו?

— איך וועל ארויפקומען וועל איך דיר זאגען וואו איך בין געוועזען.

זי האט א קוק געטאן אויפ'ן פאטער און דערקענט אויף זיין פנים, אז זי דארף ניט ווארטען, וואס ער וועט איהר זאגען.

זי איז ארויס פון הויז און פארמאכט די טיר.

ווי איינע וואס באפרייט זיך ענדליך פון א געפענגנים, האט זיך רחל דערפיהלט שטעהענדיג ביי דע רטיר. אראפלויפענדיג די שטיגען, האט זי זיך געיאגט ווי זי וואלט פון אן אומגליק אנטלאפען.

אונטען ביי דער לעצטער שטיג, האט זי פארגעסען אין אלצדינג, וואס צווישען איהר און פאטער איז פארגעקומען. זי האט זיך נאר דערמאנט דעם איינפאל, וועגען דעם געליעבטען.

און מערקווירדיג, אין איהר געדאנק איז טאקע איצט געווען:

„איך געה זיך טרעפען מיט א געליבטען... ער שטעהט אונטען אין גאס און ווארט אויף מיר און איך געה איהם איצט זעהן. איך געה זיך טרעפען מיט איהם, מיט מיין געליבטען..."

און פון דרויסען האט צוריקגעקוקט צו איהר, דער מיט זון באגייסטערטער זונטאגדיגער טאג און געזונגען: דו ביזט ניט גליקליך, דו ביזט ניט גליקליך...

רחל איז ארויס אויפ'ן סטופ, זיך אומ־

קלאוק פינישערס
פון גרייטער ניו יארק
אויפמערקזאם !

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 9 פאדערט אייך אויף צו זיין גרייט פאר שבת נאכמיטאג, דעם 8טען מארטש, ווען איין אויסערגעוועהנליך וויכטיגער מאס־מיטינג פון פינישערס און פארשטעהער פון אלע שע־פער פון גרייטער ניו יארק, וועט אפגעהאלטען ווערען

אין וועבסטער האלל, 11טע סטריט

בעטווין 3טע און 4טע עוועניו.

דער צוועק איז צו באשטימען אונזערע פארלאנגען צום נעקסטען אגרימענט מיט אונזערע מאנופעקטשורערס.

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 9

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאק. 1

א. ל. ג. וו. י.

אפיס 238 פערטע עוועניו. טעלעפאן גרעמערסי 1063

אום צו געבען א געלעגענהייט די אפערייטארס וועלכע עס קומט אויס שווער צו קומען אין אפיס אין מיטען וואך צו בעצאהלען זייערע שולדען האבען מיר באשלאסען צו האבען דעם אפיס אפען אלע זונטאג ביז נאך דער ביזי, ביז 2 אוהר נאכמיטאג.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער — מ. וואלבערג, טשערמאן

ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעלדעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטיגען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין בארד, גיט אן דעם נאמען ביי וועמען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל געמאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לא־דזשען אדער פאראיינען ווערען פאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט. אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויפ'ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

סקאטש ניערינג

האט אנגעשריבען א קארעספאנדינג־קורס וועגען

דער מענשליכער עלעמענט אין עקאנאמיקס.

3 מאנאטען־טעקסט־בוך און עקזאמי־נישאנס פאר 5 דאלאר.

5 אנדערע קורסען אין סאציאליזם, היסטאריע א. ז. יי. ביי אלדזשערנאן ליע, מארים הילקוויט און אנדערע.

שרייבט צו :

RAND SCHOOL
7 East 15th St., Nw York City

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.

484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 סט. מארקס פליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טווירטעלטויב & שייפער, מעג.

קלאוק און סקוירט פרעסער יוניאן לאק. 35 אויפמערקזאם

רעגעלע סעקשאן מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען אין פאלגענדע פלעצער :

סעקשאן „איי", ניוארק, מאנטאג, 8 אוהר אבענד, דעם 10טען מארטש, אין 79 דילענסי סט.

בראנזוויל סעקשאן, שבת, דעם 8טען, 8 אוהר אבענד, אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סט.

פאלגענדענס וועט פארהאנדעלט ווערען :

אונזערע פאדערונגען צו די מאנופעקטשורערס און מענעדזשער'ס רעפארט

קומט אין מאסען און לאמען הערען אייער מיינונג וועגען די פראגען.

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

וואָרט פאר וואָרט

קאנווענשאנס, מאסס־מיטינגס א. ז. וו. ווערט בעריכטעט.

איבערזעצונגען, נאטארי פאבליק, מול־טיגראפינג, אדרעסינג, מימעאגרא־פינג, פאבליק־סטענאגראפי א. ז. וו.

ביי דער

קאנווענשאן רעפארטינג קא.

32 Union Sq. New York, N. Y.
Stuyvesant 1963—5296—837
B. S. Au. 12646 — 3-29-19

רעזארסעס איבער

$45,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפאזיטארס

די סטייט באנק

זיכער — קאנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז

דעפאזיטארי פון די יונייטעד סטייטס, סטייט און סיטי אף ניו יארק פייער דעפארטמענט און יונייטעד סטייטס פאסטעל סייווינג פאנדס

THE STATE BANK

שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סט., — 100 עססעקס סט.

7 וועסט 26טע סטריט. — ניו יארק — 1400 פינפטע עוועניו

158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס

ברוקלין בראנטשעס :

גרעהעם עוו. און ווערעט סט., פיטקין און סטאון עוועניוס.

לאָר פון דעם טעקס קאָלעקטעט געוואָר־רען — א זאך וועלכע איז גאנץ נוי אין קליוולאנד. אז קלאוק מאכער זאלען באַשליסען און טאקי אויך צאהלען א טעקס, דאָס צייגט ווי ערנסט דאָ איז דער עולם וואס באלאנגט צו דער ארגאניזאציאן, ערנסט אין זיין געדאנק איינמאָל פאר אלע מאָל אפצושאפען די פּרעפערענשעל סטעב שאפ, וואס די מאנופעקטשורערס האָבען דאָ איינגעשטעלט, און אנשטאט דעם צו קריגען די פּרעפערענשעל יוניאן שאפ.

דער סיזאן דאָ איז אן אונגאָרמאלער.

דער סיזאן אין אלגעמיין דאָ אין קלאוק טרייד איז אן אונגאָרמאלער. אין אן אנצאָהל שעפּער איז דאָ גענוג ארבייט און די ארבייטער פאַרדיענען מעהר אדער וויינער צופריעדענשטעלענדע ווייד־זשעס. שטיק ארבייטער פאַרדיענען פון 35 ביז 75 און 80 דאלאר א וואך. וואך ארבייטער האָבען דאך זייער סקייל. געוועהנליך רעדען מיר דא וועגען די יוניאן שעפּער.

אין א צאָהל קלענערע שעפּער איז דאָ גאנץ וויינינ ארבייט און א היבשע צאָהל ארבייטער זייַנען ארומגעגאנגען און געהען ארום דעם סיזאן אהן א דזשאב.

גאנץ וויינינ ארבייט איז דאָ אין די סקוירט און דרעס שעפּער.

אונזערע יוניאן שעפּער.

ווען מיר ריידען וועגען אונזערע יוניאן שעפּער, איז ווערט צו דערמאָנען פאָלגענדעס, וואס איז זיכער ניט ניי אין אנדערע שטעדט, איז אָבער גאנץ ניי אין קליוולאנד און עס צייגט דעם נייעם גייסט פון היגען עולם:

די ארבייטער פון די סאַנענשיין קלאוק קאָמפּ., איינע פון די היגע פאַרביסענע יוניאן פרעסערישע פירמעס, — צו ארגאניזירען די ארבייטער פון דיזען שאפּ האָט אונז גענומען איבער צוויי יאהר. יעצט איז דער שאפּ כמעט פאָלקאָם ארגאניזירט און עס איז שוין אזוי ווייט דערגאנגען, אז לעצטע וואך האָבען זיי ביי זייערען א שאפּ מיטינג פּרעזענטירט זייער טשערמאַן מיט א גאלדענער טשיין.

דאָס זעלבע האָבען געטאָן די ארבייטער פון קעלער קאהן, זיי האָבען פּרעזענטירט זייער שאפּ טשערמאַן מיט א פאונטען פען.

די ארגאניזירטע ארבייטער פון בלעק מיטען אלע צוויי וואכען. לעצטע וואך, צום ביישפּיעל איז ביי זייער שאפּ מיטינג קאָלעקטעט געווארען 160 דאלאר אין דיוס.

ס. קארמאק, א פירמע, ביי וועמען קלאוקס ווערט נאך געמאכט פון מענער. — די פירמע האָט דיזען סיזאן גענומען איינפיהרען א סעקשאָן פון מיידלאך. ווען די ארבייטער האָבען וועגען דעם פּראָטעסטירט, האָט זיך די פירמע פון אנפאנג אויסגעלאכט. אָבער נאכדעם ווי די ארבייטער האָבען אפּגעשטאפּט פון דער ארבייט בלויז פאר 10 מינוטען, האָט די פירמע דעם סעקשאָן געמוזט אויפגעבען.

די חוצפה פון אונזערע קלאוק מאכער: צו בלייבען זיצען אין שאפּ, און ניט געהען!

נייע צייטען, נייע ווינטען, נייע פּויגעל.

דער גלענצענדער זיעג פון לאקאל 41

די ארבייטער באקומען א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך און א העכערונג אין שכירות. — „די יוניאָן קומט ארויס פון קאמפּף א סך שטארקער ווי זי איז פריהער געווען" — זאגט פּרעזידענט שלעזינגער.

אין דער אינטערנעשאָנאל סטרייק כוואליע אין ניו יארק האָט זיך שוין דער רעדעל א דרעה געטאָן צוריק; ביז איצט האָבען מיר יעדע וואך געהאט צו באריכטען: נאך א יוניאן אונזערע איז ארויס אין סטרייק! אָבער זייט לעצטע וואך האָבען מיר שוין צו באריכטען — נאך איינע פון אונזערע יוניאנס האָט שוין דעם סטרייק געוואונען. ווי עס שיינט, וועלען מיר שוין באלד זיין פארטיג מיט אלע די סטרייקס און מען וועט שוין קאָנען אנפאנגען טראכטען וועגען... נייע סטרייקס!

אלזא, שבת אין דער פריה, דעם 1־טען מערץ, איז געסעטעלט געווארען דער סטרייק פון די הויזדרעס און קימאָנא מאַכערס יוניאן, לאקאל 41. עס זיינען אָבגעהאלטען געווארען איינינע קאָנפערענצען אין האָטעל ניקערבאָקער, צווישען ביידע צדדים און מען איז געקומען צו א סעטעלמענט. פון דער באסעס זייט איז געווען א קאָמיטע פון זייער אסס'ן. די יוניאן איז דארט געווען פאַרטראַטען דורך פּרעזידענט שלעזינגער, ברודער העגרי צוקער, דער מענעדזשער פון דעם לאָקאל און א קאָמיטע פון זייער עקזעקוטיוו באָארד. די ארבייטער אין דעם פאך האָבען געוואונען אלע זייערע פאָדערונגען, א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך און א העכערונג אין שכירות סיי פאר די וואך ארבייטער און סיי פאר די שטיק-ארבייטער.

עס איז ווערט צו באמערקען, דאס נאך די קאָנפערענצען אין האָטעל איז דער סעטעלמענט פאָרענדינגט געווארען אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאָנאל. א קאָמיטע פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן איז געקומען אין אפיס פון די אינטערנעשאנאל און דארט איז אונטערשריבען געווארען דער אגרימענט. דאָס איז געטאָן געוואָרען נאָכדעם ווי דער אגרימענט איז פארגעבראכט געווארען פאר די סטרייקער און זיי האָבען דעם סעטלמענט גוטגעהייסען.

די זיעגרייכע סטרייקער אין דעם פאך, וועלכע באשטעהען פון זיעבען פארשיידענע נאציאנאליטעטען, זיינען שוין אלע צוריק ביי דער ארבייט אונטער דעם נייעם אגרימענט. די מיידלעך וואס ארבייטען אין דיזע שעפּער קומען פון פארשידענע לענדער און רעדען פארשיעדענע שפּראכען, זיי זיינען אָבער אלע פאראייניגט פון א י י ן אידעאל, פון דעם גרויסען אידעאל פון א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל ע ר ברידערליכקייט; פון דעם גרויסען אידעאל פון סאלידאריטעט, פון ארבייטער אייניגקייט, וואס וועקט אויף די ארבייטערמאסען איבער דער גאנצער וועלט צו קעמפפען פאר מעהר ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פ ר י י ה י י ט און אונאפהענגיגקייט! די מיידלעך אין די שעפּער רעדען טאקע אויף פארשיעדענע שפּראכען אָבער א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך קלינגט גאנץ שעהן אויף יעדער שפּראך!

די זיעגרייכע סטרייקער שרייען איצט אין אלע זייערע שפּראכען: עס לעבע די אינטערנעשאנאל! עס לעבע די איינינקייט פון די ארבייטער מאסען!

* * *

דער סטרייק פון לאקאל 41 האָט ניט לאנג אנגעהאלטען. ער האָט געדויערט קנאפּע צוויי וואכען. די באסעס אין דעם פאך האָבען באלד איינגעזעהן, אז זיי וועלען גאר ניט אויספיהרען, ווי לאנג דער סטרייק זאל זיך ניט פארציהען און זיי האָבען בעסער באלד איינגעשטימט נאָכצוגעבען די פאָדערונגען און מאכען שלום מיט דער יוניאן. אין דער פיהרונג פון דעם סטרייק האָבען זיך שטארק אויסגעצייכענט די באמטע פון דעם לאקאל, ברודער העגרי צוקער, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל און די ברידער גאלדשטיין און טשאקאף, זיינע מיטהעלפער. עס פארשטעהט זיך, דאָס צוזאמען מיט זיי האָט מיטגעארבייט די גאנצע עקזעקוטיווע פון דעם לאקאל און די אקטיווע יוניאן מיטגליעדער בכלל.

מיט דעם סטרייק האָט זיך אויך זעהר פיעל אפּגעגעבען אונזער איין און איינציגע וויצעפרעזידענטין, שוועסטער פאניע מ. קאהן, און זי האָט א סך בייגעטראגען צו דעם ערפאלג פון דעם סטרייק. זי איז כסדר געווען מיט די סטרייקערינס און געהאָלפען דעם סטרייק מיט וואס זי האָט נור געקאָנט.

א סטעף רעפּארטער.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

אויפמערקזאם:

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמבערס זאלען צוגעשיקט ווערען צום רעקארד-דעפּארטמענט אויף די ספּעציעלע סליפּס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאָס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האָבען א בעסערען קאָנטראָל איבער אונזער מיילינג-ליסט.

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

קלאוקמאכער פון קליוולאנד!

היינטיגע וואָך איז די לעצטע וואָך פון דעם

דזשענעראל סטרייק אסעסמענט

ביז שבת, דעם 15טען מארטש, מוז יעדער מעמבער פון דער יוניאן האָבען באצאהלט דעם אסעסמענט אין פול!

יעדער מאן 5 דאלאר, פרויען צו 3 דאלאר.

מיר פאָדערן אויף אלע מעמבערס נאכצוקומען דיזען בעשלוס. די מאנופעקטשורערס פון קליוולאנד ווייסען וואס איהר האָט בעשלאסען.

זיי ווייסען פון דעם אסעסמענט, און זיי וואַטשען יעצט ווי איהר צאָהלט איהם.

האנדעלט ווי מענער, באצאהלט אייער אסעסמענט אין צייט: דאס וועט זיך אייך זיכער בעצאהלען.

די דזשאינט באארד פון די לאקאלס

26, 27, 29, 37, 42 און 94 א. ל. ג. וו. יוניאן

וויכטיגע באשלוסען אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17

(שלוס פון זייט 6)

קראפט דעם 31טען מארטש 1919. אונזערע מעמבערס ווערען דעריבער געבעטען צו זעהן אין דיעזען מאנאט ווערען גוט־שטעהענד, זאנסט וועלען זיי מוזען באצאהלען די שווערע שטראף פאר זייער נאכלעסיגקייט.

גערענקט, אלזא, דעם 31טען מארטש.

* * *

מיר האבען אויך אנגענומען נאך א באשלוס פון גרויס וויכטיגקייט פאר אלע אונזערע מעמבערס. עס באהאנדעלט די פראגע: ווי אפט איז א מעמבער פון לאקאל 17 מחויב צו קומען צו א רעגעלען מיטינג? אונזער לאקאל האט באשלאסען: אז א מעמבער איז פארפליכטעט אנגעוועזענד צו זיין אמווייניגסטען א י י נ מ א ל א מ א נ א ט צו א רעגעלען מיטינג.

די דעקלאראציע אליין איז אבער נאך נים אין גאנצען: אין פאל א מעמבער וועט פארנאכלעסיגען זיין פליכט און ניט קומען צו די מיטינגען יעדען מאנאט, זאל ער פאר יעדען פארפעהלטען מיטינג באצאהלען א דאלאר שטראף.

יעס, מיר שטימען איין מיט אייך, אז עס איז גאנץ ביליג, אבער דאס איז בלויז אן אנפאנג. מיר וועלען זיין זעהר שטרענג מיט דיעזען געזעץ, ווייל מיר גלויבען אז עס איז א גרויסער פארברעכען פון יעדען מעמבער ניט צו פאראינטערעסירען זיך אין זיין יוניאן.

מיר זיינען אויך זיכער אז אונזערע מעמבערס וועלען אפלאדירען דיעזען געזעץ, די איינציגע זאך וואס מיר פארשטעהען איז יעצט נאך ניט קלאהר פאר די מעמבערס איז ווי אזוי וועלען מיר ד ו ר כ פ י ה ר ע ן דיעזען געזעץ? ווי אזוי וועלען מיר וויסען ווער עס האט אטענדעט און ווער ניט? אט וועלען מיר אייך זאגען:

נעהמט ארויס פון פאקעט אייער יוניאן ביכעל. עפענט איהם אויף. לייגט איהם אוועק אויפ'ן טיש מיט דער זייט וואו די סטעמפס זיינען אנגעקלעפט ארונטער. קוקט אויף דעם טייל פון בוך, צו אייער לינקער האנט. קוקט זיך איין גוט. איהר זעהט 12 שעהנע קעסטעלעך. צעהלט איבער. אויבען איבער אלע קעסטעלעך, ווי איהר זעהט, איז אנגעשריבען אין ענגליש דאס פאלגענדע: א רעקארד פון די מיטינגען וואס זיינען באזוכט געווארען.

איז דאס געפינט זיך דארטען? אלזא, יעדען מאל וואס א מעמבער וועט באזוכען א מיטינג, וועט איהם ארויפגעקלעפט ווערען א סטעמפ אין איינע פון די קעסטעלעך. יעדער מעמבער וועט אמווייניגסטענס מוזען האבען 6 סטעמפס פאר באזוכען מיטינגען אויף יעדען ביכעל. (די ביכלעך ווערען דאך יעצט געביטען אלע 6 מאנאטען). דער מעמבער וואס וועט האבען ווייניגער ווי 6 סטעמפס וועט מוזען באצאהלען א דאלאר פאר יעדער סטעמפ וואס עס וועט איהם פעהלען.

איז דאס ניט קלאהר גענוג?

יעדענפאלס אויב איהר פארשטעהט עס נאך ניט גענוג קומט צום מיטינג אדער אין אפיס צום סעקרעטער וועט איהר קריגען אלע ערקלעהרונגען פריי.

דיעזעס געזעץ טרעט אויך אריין אין קראפט דעם 31טען מארטש. פון דיזען דייט אן וועלען אלע מעמבערס קריגען סטעמפס פאר יעדען מיטינג.

אויב איהר ווילט זיך איינטרייען צו קומען צו די מיטינגען קענט איהר גלייך אנהויבען. איהר דארפט ניט ווארטען ביז דעם 31טען מארטש. מיר מיטען אלע דאנערשטאג אין 79 דילענסי סטריט.

* * *

די ארבייטער פון די דזשאוועניל קלאק. האבען אריינגעשיקט א רעזיגניישאן צו דער עקזעקוטיוו באארד מיט אן אויפפאדערונג צו זעהן ווירקען ביי דער דזשאינט באארד, אז וואך ארבייט זאל ניט איינגעפיהרט ווערען אין קלאוקטרייד, פאר די אפערייטארס אמווייניגסטענס. מיר באדאנקען די ארבייטער פאר דעם אינטערעס וואס זיי צייגען אין דער יוניאן אלע מאל, און מיר פארזיכערען זיי אז די עקזעקוטיוו באארד וועט טאן אלעס וואס איז מעגליך און עהרענהאפט צו געבען אויסדרוק צו דעם פארלאנג פון די מעמבערס. אונזער עקז. באארד האט אימער געהאנדעלט אין איינקלאנג מיט דעם פארלאנג פון דער מעמבערשיפ און וועט דיזען מאל זיכער ניט מאכען קיין אויסנאהמע.

דזש. העללער, סעק.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען ווענגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריעף־שרייבער און אזוי ווייטער.

ר עדאקציע „גערעכטיגקייט".

ר' מאיר לאנדאן'ס מצה

כשר בתכלית הכשרות אפילו למהדרין מן המהדרין בהכשר

הרב הג' ר' שלום אלחנן יפה, רב דבהמדה"ג

מצה דיעלערס און צו אלע קאונטרי לייט. ווי אויך צו אלע אידען פון דער גאנצער וועלט!

פארנאכלעסיגט ניט אייער פליכט צו ארדערען אזוי שנעל ווי מעגליך אונזערע מצות וואס זיינען באוואוסט שוין ביינאהע א יובל יאהרען „50 יאהר"

פיר די בעסטע, פיינסטע, געזינדסטע און כשר'ע מצה אין דער וועלט

מיר בעטען שיקט אייערע אודערס בעצייטענס כדי מיר זאלען קענען אייך צופריעדען שטעלען מיט מעהרער פריינדליכקייט, ווייל די דעליווערי איז היינטיגען יאהר אויך ניט אמבעסטען.

MEYER LONDON, 494-6-8 Grand St., N. Y., Tel. 3793 Orchard

צעהנטער יעהרליכער

באלל פון לאקאל 10

אינט. לידיס גארמ. וו. י.

שבת אבענד, מארטש 8טען, 1919

אין פאלם גארדען,

58טע סטריט, צווישען לעקסינגטאן און 3טע עוועניוס.

מיוזיק ביי פראפ. שילער'ס דזשאס־בענד.

טיקעטס 50 סענט.

זעקסטער יעהרליכער

רעסעפשאן און באלל

פאראנשטאלטעט פון דער

באטענהאל מייקערס און באטען אנגעהערס יוניאן לאקאל 58, אינט. ל. ג. וו. יוניאן.

אין טאמאני האלל,

145 איסט 14טע סטריט, צווישען 3טע עוו. און אירווינג פלייס.

שבת אבענד, דעם 15טען מארטש, 1919

מוזיק ביי פראפעסאר שילער'ס יוניאן דאבעל בראז בענד.

טיקעט, מיט העט טשעק, 35 סענט.

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם!

צוליעב דעם ביזי סיזאן און צוליעב דעם אוועקטיים מאכט דאס אומעגליך פאר איינצעלנע מיטגליעדער און אויך פאר די שאפ־טשערלייטע צו קענען אבצאהלען די דיוס און אסעסמענטס אין דער איינער שטונדע פון מיטאג־צייט. דערום האט דער דזשאינט באארד באשלאסען אז די אפיסעס אין 40 איסט 23טער סטריט און אין 40־38 איסט 2טער סטריט זאלען אפען זיין יעדען טאג אין דער וואך פון 7 אוהר מארגענס ביז 9:30 אין אווענד. דאס וועט מאכען אז די מיטגליעדער, נעהענדיג צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, וועלען קענען אבצאהלען זייערע דיוס און דעם אסעסמענט.

שוועסטער און ברידער, נעמט דאס אין אנבעטראכט.

האט איהר שוין א באטאן וועלכע צייגט אייער לאיאליטעט צו דער יוניאן?

דזשוינט באארד קלאוק מאכער יוניאן.

מ. זיגמאן, מענעדזשער. ל. לאנגער, סעקרעטער.

20

יאהר טרינקט שוין די וועלט קאלאמביא טהעע, און דערוויל האט מען נאך ביז יעצט קיין בעסערע טהעע ניט אויסגעפונען — בלויז איין סארט טהעע איז דא וואס שמעקט עטוואס רייכער, און דאס איז —

צוויעטאטשני טשאי

די בעסטע און געזונדסטע טהעע פיר'ן מאגען.

צוויעטאטשני טשאי קומט אין נומער 240, נומער 300 און נומער 500.

הויפט ווערהויז פון קאלאמביא טהע,

צוויעטאטשני טשאי, וו. הייט לילי טהע, קאלאמביא קאפע און וו. הייט לילי קאקא

185 דיוויזשאן סטריט

אירואן פריפערעטארי סקוהל

187 איסט בראדוויי

דזשיי. ע. אירואן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען.

פערפערטינט פאר אלע רידזשענטס עקזאמינייזשאנס, פאר קאללעדזש, און קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך עפעס אויס, אויב איהר ווילט זיין ערפאלגרייך אין לעבען.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

סטראטמאר פרעס

אפ־טו־דייט פרינטינג

447 פוירל סטריט,

ניו יארק.

יעדער איינער וועט זיין ביי דעם

פינפטען יעהרליכען באלל

פון דעם

6טען אסעמבלי־דיסטריקט פון דער סאציאליסטישער פארטיי

שבת אווענד, 15טען מארטש

אין וועבסטער האלל, 11טע סט., צווישען 3טע און 4טע עוו.

טיקעטס מיט גארדראב:

ווען געקויפט אין פאראויס 35 סענט. אין טאג פון באלל 50 סענט.

מוזיק ביי שיללער.

בוזמאייל

די ריינסטע שפייז פון דער נאטור, וועלכע גיט נאהרונג און געזונדהייט צו אלע גליעדער.

צו בעקומען אין אלע אונזערע סטארס

יצחק גאלדבערג

(אינק.)

171 איסט בראדוויי

ניו יארק סיטי.

ריפער מאכער

ווערט ניט געכאפט שלאפענדיג!

יעדער ריפער מאכער ווייס וואס עס געהט יעצט פאר אין דער אלגעמיינער יוניאן. די וואס ווייסען נאך ניט פון דעם וועלען מיר זיי יעצט זאגען.

אלע פארבערייטונגען ווערען געמאכט פאר א גרויסען

דזשענעראל סטרייק

וועלען זיך די ריפער מאכער ערלויבען געכאפט צו ווערען שלאפענדיג?

עס מאכט ניט אויס וואס אייער מיינונג איז. צי איהר זייט פאר וואך־ארבייטע אדער געגען וואך־ארבייט. ווענגען דעם וועלען מיר זיך שוין דורכריידען ביי די מיטינגען. איין זאך אבער וואס איהר מוזט געדיינקען:

מיר זיינען אלע פון איין משפחה — ארבייטער!

אונזער איינציגער שונא איז דער אויסערליכער שונא, — די וואס שטערען אונזער פרייהייט, אונזער גליק און ערלויבען ניט קיין שטראהל ליכט פאר אונזערע היימען.

בעצאהלט אייערע דיוס

בעצאהלט אלע אלטע אססעסמענטס

בעצאהלט דעם נייעם 5־דאלארדיגען טעקס

די יוניאן קלאפט טרעוואגע — זייט גרייט!

ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר נים אפ-לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 9. PRICE 3 CENTS Friday, March 14, 1919. פרייטאג, דעם 14טען מארטש, 1919

דער שווארצער שבת און דער וויסט מאכער סטרייק

דאס איז געווען מיט אכט יאהר צוריק אין א שבת, וועלכער טראגט זייט יעמאלט דעם שרעקליכען נאמען „דער שווארצער שבת", דעם 25טען מערץ, 1911, ווען גאנץ ניו יארק, דאס גאנצע לאנד, יע, די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט אויפגעשוידערט פון דעם שרעקליכען טרייענגל-פייער, אין וועלכען 147 יונגע לעבענס פון לײדיס וויסט מייקערס זיינען אומגעקומען אין דעם שרעקליכסטען טויט, וואס מען קען זיך פארשטעלען.

דאס איז ניט געווען קיין אומגליק, דאס איז געווען א שרעקליכער, א טיפעלשער פארברעכען. אין א פייער-פאסטקע זיינען נעכאפט געווארען די אומגליקליכע. אלעס האט זיך אזוי ווי פארשווארען געגען די יונגע, פרישע צאפלדיגע לעבענס. די טירען, דורך וועלכע די מיידלאך וואלטען זיך געקענט ראטעווען פון דעם העלישען טויט, זיינען געווען פארשלאסען אויף דעם באפעהל פון די טרייענגל באסעס. קיין פייער עסקייפס, דורך וועלכע מאנכע וואלטען זיך, אפשר, געקאנט ראטעווען, זיינען אויך ניט געווען. דער עלעווייטער איז ניט געגאנגען, און די אומגליקליכע האבען געהאט נאר צו אויסקלייבען איינעם פון די צוויי מיתות: אדער פארברענט צו ווערען אויף דעם אכטען און ניינטען פלאר אויף קויל, אדער שפרינגען פון דער מורא'דיגער הויך און ווערען צושמעטערט אויף פייד-פיצלאך, מאכענדיג מיט זייערע קערפער לעבער אין דעם שטיינערנעם ברוק, און באשפריצענדיג די גאס און די יארומשטעהענדע מיט זייער בלוט און מארך.

עס איז געווען א שרעקליכער ברירה, און אזוי זיינען יענעם שווארצען שבת, דעם 25טען מערץ, 1911, פאקטיש ערמארדעט געווארען 147 יונגע מיידלאך אין דער לײדיס וויסט פעקטארי פון דער אזוי גערופענער טרייענגל קאמפאניע, אז וועלכע קיין מענש מיט א הארץ קען זיך ניט דערמאנען אהן א געפיהל פון שוידער און טיפען עקעל.

אכט יאהר זיינען אוועק זייט יענער צייט, און נאך אזא אומגליק, ניין, ריכטיגער, נאך אזא מאסענמארד — ווייל נאר דאס איז דאס ריכטיגע ווארט פאר די פאסירונג פון 1911 אין דער וויסט אינדוסטריע — האט שוין ניט פאסירט.

פארוואס? אפשר, ווייל די טרייענגל-באסעס זיינען שווער באשטראפט געווארען פון געריכט מיט יאהרען און יאהרען פריזאן, אזוי אז זייער פסק זאל האבען געווארפען א שרעק אויף אלע איבעריגע באסעס? ניין, די טרייענגל-באסעס, נאך א לאנגען משפט'ען זיך, משונה'דיג ווי עס איז, זיינען פון געריכט ערקלערט געווארען אלס אונשולדיגע אין דעם שוידערליכען פארברעכען. אויך האבען די באסעס ניט געליטען חלילה אויף אן אנדער אופן. זיי האבען אפגענומען זייער אינשורענס-געלד, און זיי האבען, גאר ניט לאנג ווארטענדיג, אויפגעעפענט זייער ביזנעס אויף אנאנדער פלאץ.

ניין, עס איז ניט די שולד פון די באסעס, וואס אזא פארברעכען, ווי דער פון 25טען מערץ 1911, האט ניט פאסירט. עס איז די לײדיס דרעס און וויסט מייקערס יוניאן, וועלכע, אזוי ווי קריגענדיג נייעס לעבען דורך דעם טויט פון די באלד אנדערהאלבען הונדערט פון איהרע מיטגליעדער, האט עס אויפגעפאסט, ווי זי האט געשווארען ביי די קברים פון איהרע ערמארדעטע מיטגליעדער, אז אזא פארברעכען זאל מעהר קיין מאל ניט פארקומען, און ער איז ניט פארגעקומען.

אפשר וויסען עס ניט די נייע צוגעקומענע-מיטגליעדער פון דער יוניאן זייט יענער צייט, מענען זיי עס וויסען, אז עס זיינען די יונגע לעבענס, וואס זיינען אומגעקומען אין יענעם פייער, וועלכע בילדען דעם פונדאמענט פון דער יוניאן. די פארברענטע, די צושמעטערטע לײדיס וויסט מייקערס וואלטען געשטארבען אומזיסט זייער שרעקליכען טויט, ווען אויך זייערע צוקאליעטשעטע קערפער וואלט זיך ניט אויפגעבויט און וואלט ניט געווארען אן אמת'ע פעסטונג אט די לײדיס וויסט מייקערס יוניאן, וועלכע פיהרט עס איצט אן אזא ענטשלאסענעם, אזא ביטערען קאמפף מיט די באסעס פון דער לײדיס דרעס און וויסט אסס'ן.

די באסעס מוזען זיך אודאי וואונדערן: פון וואנען נעהמט זיך ביי די מיידלאך אזא קראפט, אזא מוט, אזא אויסדויערקראפט? איבערהויפט, אז זיי וויסען, אז ווענען די שטונדען און די פרייזען וואלט מען שוין געקאנט דורכקומען, וואס דאס איז דאכט זיך די הויפטזאך פאר דעם ארבייטער. טו ווארום פיהרען זיי אזא הארטנעקיגע מלחמה צוליעב א פראגע פון דיסטשארדזש, וואס קען אין דער אמת'ען די מייסטע גאנץ ווניג ארען. ווייל, נאך אלעמען, זיינען דאך די באסעס ניט קיין משוגענע צו האלטען אין איין סעקען זייערע ארבייטער!

זיי וויסען אבער ניט, די באסעס, אז צוזאמען מיט די לעבעדיגע טויזענדע מיידלאך שטעהען מיט זיי אין רייהע און גליד די פארברענטע און צושמעטערטע יונגע שוועסטער, און אט די אפעלירען צו זיי מיט דער מעכטיגער שטימע, וואס נאר אזעלכע מארטירערינס קענען האבען:

„היט זיך פון נאכצוגעבען אט גראדע דעם וויכטיגען פונקט ווענען סעקען! גיט איהר נאך דעם פונקט, גיט איהר אויך אויף אייער יוניאן, און גיט איהר אויף אייער יוניאן, טו וויסט, אז איך ערווארט דערזעלבער שיקזאל, פונקט אזוי פארברענט און צושמעטערט צו ווערען, ווי מיר זיינען פארברענט געווארען, ווי מיר זיינען צושמעטערט געווארען. איך ערווארטען די אלע שוידערליכקייטען, וועלכע מיר האבען איבערגעלעבט אין אונזערע מורא'דיגע גסיסה-מינוטען!"

עס שטרעקען זיך אויס די האלאוועשקע-הענט פון די טויטע פון זייערע קברים און בעטען זיך ביי די סטרייקער:

„ווי אייער לעבען איז אייך טייער, ווי אייער פרויען-עהרע איז אייך טייער, גיט ניט נאך אט דוקא דעם פונקט פון דיסטשארדזש, דעם געווינס פון דער יוניאן, פאר וועלכען עס איז נויטיג געווען, אז מיר זאלען פאלען אלס קרבנות, אום ער זאל ווערען א ווירקליכקייט".

עס רופען די טויטע צו די לעבעדיגע:

„גיט איהר נאך דעם פארלאנג פון באס, אז ער זאל קענען אפזאגען ווענען ער וויל, און אז קיינער זאל ניט האבען קיין רעכט איהם צו זאגען: ניין, מיינט עס ניט קיין אנדער זאך, ווי איהר אפפערט אויף אייער יוניאן. און אפפערט איהר אויף אייער יוניאן, דאן איז ניטא קיין מאכט וואס זאל אייך קענען שיצען פון וועלכע עס איז געפאהרען. דאן ווערט איהר אזוי שוואך און אזוי הילפלאז, ווי מיר זיינען געווען אין 1911, און דאן קענט איהר האבען יעדען יאהר אזא טרייענגל-פייער, אין וועלכען הונדערטע אייערע זאלען פארברענט ווערען אויף קויל, וועמעס בלוט און מארך זאל שפריצען אויף דעם שטיינערנעם ברוק, ווי דאס איז געווען מיט אכט יאהר צוריק".

און עס ריידען די טויטע:

„מיר, מיט אונזער בלוט האבען אויפגעבויט פאר אייך די יוניאן, אייער שוץ, אייער פעסטונג, היט איהר, ווי אייערע אויגען אין קאפ, זאלען קיינע לײדען, קיינע יסורים אייך ניט מאכען שוואך, אפהענדיג, מוטהלאז. געדענקט, אז דער פרייז פון אייער איצטיגען קאמפף איז מעהר ווי עטליכע סענטען מעהר, א פאר שטונדען ווייניגער ארבייט, עס איז אייער עהרע, אייער מענשענווירדע, אייער לעבען גופא!"

אט דאס איז די שטימע פון אונזערע טרייענגל-קרבנות, און זי איז עס, וועלכע צורייסט ווי שפינוועבס אלערליי געבלאפטע אישום פון די באסעס: און זי גיט עס די סטרייקערס די מאכט ווייטער און ווייטער אנצופיהרען דעם סטרייק, ביז דער זיעג וועט זיין פאלקאמען, ביז די יוניאן וועט זיין אזוי געזיכערט אין איהר לעבען און טעטיגקייט, אז אפילו איינעם מיט דער ווילדסטער פאנטאזיע זאל ניט קענען איינפאלען אז זי קען אמאל צובראכען ווערען.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 9 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. דער שווארצער שבת און דער וויסט מאכער סטרייק. איינציגווייז קומען די וויסט מאנופעקטשורערס, אבער זיי קומען — רעדאקציע.
זייט 2. ביי אונז אין לאנד — הלל ראגאף.
זייט 3. אינטערנאציאנאלע ארבייטער-וועלט — מ. קאלטשין. עהרענליסט פון די הונדערט פרעזענט יוניאן קלאוק שעפער.
זייט 4. לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד — א סטעף רעפארטער.
זייט 5. לאקאל 66. געווינט א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך — אסיפ וואלינסקי. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער. קלאוק און סקירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35 — דזש. ברעסלאו.
זייט 6. עקזאמינערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. די עמבראדערי ווארקערס יוניאן לאקאל 6 — ל. פ—ן. קלאוק מאכער עהרענליסט, שלום פון זייט 3.
זייט 7. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק. צום יובילעאום פון אברהם ליעסין — ל. פינקעלשטיין.
זייט 8. איינגעבארג (ראמאן) — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן. ביי דער ריפערמאכער יוניאן — דזש. העללער.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. דער אפיציעלער און פראקטישער בליק אויף דער רוסישער לאגע — א. זעלדין.
זייט 12. דער קאנגרעס פאר פרויען-ארבייט — דזשוליעט סטוארד פאינטץ. ווען די באס קומען... (פעליטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. קורט אייזנער — דר. אסתר לוריע.
זייט 14. א פרעהליכע חברה — יענטע סערדאצקי.
זייט 15. די מאגען-פראגע — א. ל. וואלפסאן. אין די בראנזווילער קלאוק שעפער — א. באבינש. קורצע שמועס'ען צווישען דעם רעדאקטאר און לעזער.
זייט 16. וואס הערט זיך ביי די קאסטום דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90? — א. עלנער. אונזערע סטרייקס אין קאנעקטיקוט סטייט.
זייטען 17, 18 און 19 אדווערטיזמענטס.
זייט 20. די היסטארישע מאנטאגס. אינטערעסאנטע קארטונס פון סטרייק — פון ס. ראסקין. אינטערנעשיאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — ס. ליבערטי.

איינציגווייז קומען די לײדיס וויסט מאנופעקטשורער, אבער זיי קומען!

דעם מיטוואך האט דער לײדיס וויסט מאנופעקטשורער ס. פאהרער אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן אין דעם אפיס פון דער אינטערנעישיאנאל, לויט וועלכען די לײדיס וויסט מייקער וועלען ארבייטען בלויז 44 שעה א וואך, קריגען א העכערונג פון ווידזשעס, וואס וועט שפעטער בעשטימט ווערען, און וואס אנבעלאנגט דער פראגע פון דיסטשארדזש, וועט יעדער פאל מוזען פארגעבראכט ווערען פאר אן אונפארטייאישען טשעירמאן, און ער וועט עס באשליסען אויב דער ארבייטער איז געסעקט געווארען מיט רעכט, און אויך, אויב דער באס מוז איהם צוריקנעהמען אדער ניט.

דאס קומען פון ס. פאהרער צו דער יוניאן און זיין אפרייסען זיך פון דער אסס'ן איז פון גרויסער באדייטונג. ער איז ניט נאר אלס מיטגליעד פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער באסעס אססאסיאיישאן, נור ער איז אויך דער טשערמאן פון דער לייבאר באארד, א חוץ דעם, איז ער טאקי איינער פון די גאנץ באדייטענדע מאנופעקטשורער, ער איז דער אייגענטהימער פון דער לייאן וויסט קא. און פון דער פאלקאן וויסט קאמפ.

זיין אפרייסען זיך פון דער אסס'ן איז דער אויסדרוק פון דער אלגעמיינער אונצופרידענהייט וואס הערשט צווישען די באסעס, וואס געהערען צו דער אסס'ן וועלכע ווערען רואינירט צוליעב דער פראגע, צי זיי זאלען מוזען טהאן א זאך, וואס איז ניט מעהר ווי רעכט, צוריקצונעהמען צו דער ארבייט. אן ארבייטער, וואס זיי האבען געסעקט אהן א גערעכטע אורזאכע.

מר. ס פאהרער איז געווען דער ערשטער וואס האט געבראכען דעם אייז, ער האט ארויסגעוויזען דעם נויטיגען מוטה, און האט אויסגעדריקט די הערשענדע שטימונג צווישען די באסעס. נאך איהם וועט שוין לייכטער זיין פאר די אנדערע מיט ווניגער מוטה.

ווען מר. פאהרער האט אונטערגעשריבען דעם אגרימענט, האט ער געזאגט, „א גרויסע לאסט איז אראפ פון מיין קאפ. הלואי וואלט איך עס געטהאן מיט זיבען וואכען צוריק. די שטעלונג וואס די באסעס אסס'ן האט אנגענומען אין דער פראגע פון „דיסטשארדזש", איז זעהר ניט קיין מזל'דיגע, איבערהויפט ווען וועגען ווידזשעס און שטונדען האט זיך גאנץ ווניג געהאנדעלט".

דאס איז ווירקליך געזונטער פארשטאנד. די שטעלונג פון די באסעס, ווערט איצט אלגעמיין צוגעגעבען, איז געווען אן אונמעגליכע, עס איז קיין מאל ניט געווען די מינדעסטע אויסזיכט פאר זיי צו געווינען דעם קאמפף אויף אזא „אישיו", וואס איז געגען יעדען געפיהל פון יושר. זיי האבען געמוזט איהם פארלירען. די מייסטע באסעס זעהען עס שוין איין, און איצט, אז דער טשערמאן פון לייבאר פון דער אסס'ן האט זיי געוויזען דעם ריכטיגען ביישפיעל, איז עס אויסער יעדען צווייפעל, אז נאר גיך וועלען איהם אנדערע נאכפאלגען, און וועלען נאך ארייננכאפען די עטליכע וואכען וואס זיינען נאך געבליבען פון סיזאן.

אויף דער פּיקעט ליין

פון א סטעף רעפּאָרטער

די פּיקעט דעמאָנסטראַציע, דעם מאָנ־
טאג אין דער פריה ארום די וויסט און
דרעס שעפּער, וואָס זיינען אין סטרייק,
איז געווען נאָך גרעסער, שעהנער און איינ־
דרוקספולער ווי אירגענד ווען פריהער. די־
זע דעמאָנסטראַציע האט באזונדערס זיך
אויסגעצייכענט מיט איהר רוהיגקייט און
פרעהליכקייט. די מעהרסטע פּיקעטס האָ־
בען ניכער אויסגעזעהען ווי יום טוב'דיגע
שפּאַציר־געהער איידער סטרייק־פּיקעטס!
אין דער פּיקעט ליין האָבען זיך באגעגענט
די חבר'טעס און חברים פון די געסעטעל־
טע וויסט און דרעס שעפּער, וואָס ארביי־
טען שוין אונטער'ן נייעם אגרימענט, מיט
די סטרייקער וואָס שטעהען נאָך אין
סטרייק און קעמפּפען אויך צו באקומען
דיזעלבינע פאָדערונגען, וועלכע יענע האָ־
בען שוין. די מיידלעך און מענער־סטריי־
ער פון די געסעטעלטע שעפּער זיינען עק־
סטרא געקומען א סך פריהער איידער זיי
דארפען ארויפגעהן אין שאַפּ ארבייטען צו
העלפען זייערע שוועסטער און ברידער,
וועלכע שטעהען נאָך אין קאַמפּף, פּיקעטען
יענע שעפּער.

און עס האָבען זיך דאָרט אָפּגעשפּיעלט
הארציגע, ענטוזיאסטישע פריידענס־סצע־
נעס.

אַט באגעגענען זיך צוויי גרופּען מייד־
לאַך, סטרייקערינס און געוועזענע סטריי־
קערינס.

— דזשעני! — שרייט אויס איינע.

— סערקע! — שרייט אויס א צוויי־
טע, און מען פאַלט איינע די אנדערע אויף
די העלזער, מען קושט זיך און מען טולעט
זיך איינע צו די אנדערע, ווי געטרייע
שוועסטער, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג
ניט געזעהן, און פון אלעמענס אויגען
בליסטשען ארויס טרערען פון פרייד און
באגייסטערונג.

א סך, א סך אזעלכע הארציגע סצענעס
האט מען געקענט זעהן אין דער פּיקעט
ליין דעם מאָנטאג אין דערפריה.

אלזא, די 7טע וואָך פון דעם גרויסען
וויסטמאכער סטרייק, האט זיך אנגעפאַנ־
גען נאָך מיט מעהר לעבעדיגקייט און
פרישקייט, ווי אין דער גאַנער צייט בע־
פאָר. די גרויסע פּיקעט ליין האט דעם
פריהמאָרגען, ווי פארטריבען פון דער סצע־
נע די „גארדס", די געדונגענע בויאַנעס
וואָס די נארישע, פארביסענע באָסעס פון
דער אסס'ן האלטען געוועהנליך ארום די
שעפּער, און די גרויסע דעמאָנסטראַציע
אין דעריבער געווען אזא פרידליכע, אזא
רוהיגע. עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיין
געשלעגען און עס זיינען ניט געמאַכט גע־
וואָרען קיינע ארעסטען, כאָטש אלע גאַסען
אין דעם דיסטריקט זיינען בוכשטעבליך
פול געווען מיט דעמאָנסטראַנטען. עס איז
געווען שעהן צו זעהן, ווי די מענער־פּי־
קעטס, די מיטגליעדער פון דער פּיקעט
קאָמיטע, מיט זייערע גרויסע סטרייק־
„בעדזשעס" האָבען געהאָלפען די פּאָלים
„הענדלען די קראוד". באזונדער האט זיך
אנגעזעהן דער אלטער ברודער רייען, דער
געוועזענער פּרעזידענט פון אונזער קאַ־
טערס יוניאָן לאָקאל 10. מיט ליעבענדע
שמייכלען האט ער געהאָלפען די פּאָלים
האלטען די מיידלאַך אין ליין ארום די
בילדינגס אין דער 33טער סטריט און מע־
דיסאָן עוועניו, וואו עס קומען געוועהנליך
פאָר די מעהרסטע פּייטס. מאַנכע וואָס
האָבען זיך ניט גוט צוגעקוקט צו זיין
בעדזש, האָבען געמיינט אַז דאָס איז גאָר
א „דעטעקטיוו" און ווען זיי האָבען אויס־
געפונען ווער ער איז, האָבען זיי זיך אלע
הארציג צולאַכט.

אין דער פּיקעט ליין זיינען ווידער גע־
ווען די בעאַמטע פון אונזער אינטערנע־
שאָנעל. פּרעזידענט שלעזינגער, סעקרע־
טער באראָף, סאול זיידמאַן, ב. וויטאַש־
קין, טשערמאַן פון דער פּיקעט קאָמיטע,
און די גאַנצע דזשענעראל סטרייק קאָמי־
טע.

אין דער פּיקעט ליין איז אויך געווען
ברודער מאָריס זיגמאַן, דער דזשענעראל
מענעדזשער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן
און א סך בעאַמטע פון דעם דזשאָינט
באָארד. עס זיינען אויך געווען א סך
מיטגליעדער פון די עקזעקוטיוו באָארדס
פון די קלאָוקמאַכער לאָקאלס און פּיעלע
קלאָוקמאַכער פון די „רענק און פייל".

באזונדערס האָבען דעם מאָל זיך אויס־
געצייכענט דער איטאַליענישער לאָקאל פון
דער קלאָוקמאַכער יוניאָן לאָקאל 48. דער
לאָקאל איז געקומען צום פּיקעט ליין אין
א „באָדי". עס איז געקומען זייער גאַנ־
צער עקזעקוטיוו באָארד, די איטאַליעני־
שע ביזנעס אייגדזשענטס, ברודער סאלוואַ־
דארע נינפאָ, אונזער וויס פּרעזידענט און
מענעדזשער פון דעם לאָקאל 48 און אַק־
טיווע מעמבערס פון דעם לאָקאל. אין
ליין מיט זיי איז אויך געווען ברודער בענ־
דע, דער רעדאקטאָר פון אונזער איטאַליע־
נישער וועכענטליכער צייטונג „דזשוסט־
טיציא" (גערעכטיגקייט). אונזערע אי־
טאַליענישע ברידער האָבען אויף דער גאַנ־
צער ליין באקומען א הארציגע, וואַרימע
אויפנאַהמע.

בעסער פון אלץ אָבער איז, וואָס אונ־
זערע איטאַליענישע ברידער איז געלונגען
אויפצוטאָן א גוט שטיקעל ארבייט. זיי
האָבען נעמליך דערטאַפּט עפּעס א גאַנצען
שאַפּ איטאַליענישע ארבייטער געהענדיג
צו דער ארבייט, צו א געוויסען סאַב מאַ־
נופעקטשורער פון דרעסעס, עפּעס א קאַפּ־
לאַן וואָס האט א שאַפּ אין דער 31טער
סטריט און 5טע עוועניו. דער שאַפּ האט

ס. זיידמאַן
דער כל־בו'ניק, וועמען די באָסעס האָבען
זעהר ניט ליעב. אָבער דערפאַר איז ער דאָס
מעהר געליעבט און געאַכט פון די סטרייקער.

זיך ארויסגעוויזען צו זיין ניט קיין געסע־
טעלטער און אלע ארבייטער פון דעם שאַפּ
זיינען גענומען געוואָרען אין פלען און
אָפּגעפיהרט געוואָרען אין אָפּיס פון לאָ־
קאל 48 אלס „קריעגס־געפאַנגענע". לאָ־
קאל 48 וועט שוין זעהן דיעזע ארבייטער
זאָלען ניט געהן צוריק ארבייטען ביז דער
שאַפּ וועט געסעטעלט ווערען. ווי עס האט
זיך נאָכדעם ארויסגעוויזען, זיינען צווישען
די איטאַליענישע ארבייטער געווען א
6—7 אידען.

קורץ, עס איז געווען פרעהלאַך און
לעבעדיג אויף דער פּיקעט ליין דעם מאָנ־
טאג אין דער פריה. עס איז אָבער געווען
לעבעדיג און פרעהליך בלויז פון איין זייט
פון דער פּיקעט ליין — צווישען די בראווע
סטרייקער!

גאַנץ אנדערש איז אָבער געווען פון
דער צווייטער זייט פּיקעט ליין, — צוויי־
שען די איינגע'עקשנ'טע באָסעס פון דער
אָך און וועה אסס'ן!... איך מיין פון דער
דרעס און וויסט אסס'ן. דאָרט איז עס
געווען נאָך טרויעריגער ווי תשעה באב
אין א קליינער ליטווישער שטעדטעל! די
באָסעס און זייערע אגענטען האָבען גע־
כאַפּט א פּאָר'גנב'עטען קוק אויף דער
גלאַרייכער פּיקעט ליין און זיינען געוואָ־
רען זעהר אנגעכמורעט. זעהר טרויעריג
האט זיי געבעך געמוזט ווערען אויפ'ן האר־
צען, אויב זיי האָבען אזעלכעס וואָס קאָן
ווירקליך אנגערופען ווערען א מענשליך
הארץ. מיט קלאַפּענדע הערצער פון גרימ־
צאָרן האָבען זיי פון זייער באהאלטעניש
באטראַכט די זיעגרייכע פּיקעט ליין. זיי
האָבען ווידער געזעהען, ווי זייער זיסער
חלום צו האָבען אין דעם טרייד סקעב־
שעפּער, ווי זייער נארישער לאַיער הערי
גאָרדאָן האט דאָס זיי פייערליך פארשפּראָ־
כען, ווערט וואָס ווייטער אלץ מעהר צו־
רונען. און ניט איינער פון זיי האט בעת
מעשה זיכער געטראַכט: צו וואָס האָב
איך דאָס געדאַרפט? און זאָל עס דעם
לאַיער זייערען געשעהן כאָטש א העלפט
וואָס דיעזע באָסעס האָבען איהם אין דעם
מאָמענט אנגעוואונשען: פאַר'ן אריינפיה־
רען זיי אין דער בלאָטע, פון וועלכער זיי
ווייסען איצט ניט ווי ארויסצוקריכען מיט
כאָטש א שטיקעל מענשליך פּנים! און
אין זייערע אויערען האט זיכער געקלונגען
פּרעזידענט שלעזינגער'ס פּאָפּולער געוואָ־
רענער לאָזונג: „ניט נאָך די גערעכטע
פאָדערונגען פון דער יוניאָן, אָדער ארויס
פון ביזנעס!"

יאָ, מאָנטאג איז געווען א זעהר טרויע־
ריגער טאָג פאַר די מאַנופעקטשורער פון
דער וויסט און דרעס אסס'ן. און עס
פרעגט זיך: וויפיעל נאָך אזעלכע טעג
וועלען זיי קאָנען אויסשטעהן?

זיכער ניט פּיעלע. די טעג זיינען גע־
צעהלטע. דער סיזאָן אין דעם טרייד
ווערט ראַשיגער מיט יעדען טאָג און זיי
וועלען מוזען באלד קומען צו זייער באַ־
זינונג און נאָכגעבען די גערעכטע פאָדע־
רונגען פון דער יוניאָן.

* * *

דעם זעלבען מאָנטאג נאָכמיטאָג זיינען
אָפּגעהאלטען געוואָרען גרויסע מיטינגען
אין די האָלס וואו די סטרייקער קומען זיך
צוזאַמען און אויף די מאַססמיטינגען האט
געהערשט דער זעלבער ענטוזיאזם, ווי אין
דערפריה אויף דער פּיקעט ליין.

א באזונדערס גרויסער שעהנער מיטינג
איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין וועבסטער
האָל, אין דער 11טער סטריט. דער מי־
טינג איז געווען פארבונדען מיט א פּראַכט־
פולען קאָנצערט, וואָס איז ארראַנזשירט גע־
וואָרען פון די „ניו יאָרק קאָל". אויף דיע־
זען מיטינג זיינען געהאלטען געוואָרען באַ־
גייסטערטע רעדען פון דעם באוואוסטען
סאָציאליסט פּראָפ. קוירקפּאַטריק, און דער
געוועזענער סאָציאליסטישער אסעמבלי־
מען וויליאַם מ. פייגענבוים.

עס איז ווערט דאָ צו דערמאָנען, דאָס
די „קאָל" האט זיך זעהר אויסגעצייכענט
אין איהר מיטארבייטערשאַפט אין דעם
סטרייק. א חוץ וואָס די „קאָל" שרייבט
און אגיטירט פאַר דעם סטרייק, האט זי
אויך ארראַנזשירט א רייהע קאָנצערטען פאַר
די וויסט סטרייקער. דער קאָנצערט,
וואָס מיר האָבען דערמאָנט איז שוין דער
6טער וואָס די „קאָל" האט ארראַנזשירט,
אין די האָלס פאַר די סטרייקער. פאַר
דעם דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג ארראַנזשירט
די „קאָל" נאָך א קאָנצערט אין קאַסינאָ
האָל, 85 איסט 4טע סטריט.

עס פארשטעהט זיך דאָס דער „קאָל"
קומט א גרויסער דאַנק פאַר דער ארבייט,
וואָס זי האט זיך פרייוויליג אנגענומען צו
טאָן און טוט עס מיט גרויס ליעבשאַפט,
מיט ליעבע צו דער זאַך.

מיידזשאר ראזענסאָן אין קליוולאַנד

ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, איז
דער קלאָוקמאַכער סטרייק אין קליוולאַנד
לעצטען זומער געסעטעלט געוואָרען דורך
א באָארד אוו רעפערים פון דער רעגירונג
אין וואשינגטאָן. דער באָארד האט שוין
אייניגע מאָל ארויסגעגעבען ענטשיידונ־
גען אין באצוג צו דער קלאָוק־סיטואַציע
אין קליוולאַנד, אָבער די ארבייטער אין
די שעפּער האָבען נאָך געוויסע קריוודעס
געגען די בעלי בתים און פאָדערען אויף
דעם אַן ענטפער.

מיטוואָך, דעם 5טען מערץ, האט פּרע־
זידענט שלעזינגער זיך צוזאַמענגעטראָפען
מיט מיידזשאר ראזענסאָן, איינער פון
דעם באָארד אוו רעפערים, און האט מיט
איהם געהאט א לענגערען געשפּרעך ווע־
גען דער גאַנצער אנגעלעגענהייט. דער
רעזולטאַט איז, דאָס מיידזשאר ראזענסאָן
וועט ספּעציעל פאָהרען אין קליוולאַנד
אויסגלייכען די אלע סכסוכים, וואָס זיי־
נען דאָרט דאָ צווישען די ארבייטער און
די בעלי בתים וועגען „בעק פּיי" און אלע
אנדערע פראַגען.

מיידזשאר ראזענסאָן האט פארשפּראָ־
כען פּרעזידענט שלעזינגער'ן, דאָס ער
וועט ניט שפּאָרען קיין מיה אויסצוגליי־
כען די אלע סכסוכים און ער וועט זיין
אין קליוולאַנד אזוי לאַנג ווי עס וועט נאָר
זיין נויטיג איין מאָל פאַר אלע מאָל
ארייינצוברענגען מעהר קלאָרקייט אין דער
גאַנצער סיטואַציע.

לאָמיר האָפען, אַז ער וועט דאָס טאָן
גאַנץ גרינדליך, צו דער צופרידענהייט פון
אלע פּאַראינטערעסירטע צדדים, ווארום
די קלאַגע מוז דאָך א מאָל אויסגעגלייכט
ווערען, עס מוז דאָך אוועקגענומען ווע־
רען די אורזאַכע, וואָס רופט דאָרט ארויס
די קאָמפּליינטס, די אונצופריעדענהייט
צווישען די ארבייטער.

אויפמערקזאם!

דער אָפּיס פון לאָקאל 23 וועט זיין
אָפען פאַר ביזנעס פאַר די נעקסטע פּיער
זונטאגס.

* * *

ב. ווייס, א וועבער פון לאָקאל 23,
פריהער געוואוינט ביי ראבינאָוויטש, זאָל
קומען אין אָפּיס פון לאָקאל 23. די וואָס
ווייסען וואו ער איז זאָלען דאָס מעלדען
אין אָפּיס פון לאָקאל 23.

ה. וואַנדער, מענעדזשער.

„נישטקשה פון א באגלייטונג פאַר צוויי איטאַליענישע סקעב־מיידלאַך!" (א בילד פון דער פּיקעט־ליין פון לעצטען מאָנטאג)